STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10483

KASANOVAS AHEYMKER

Arthur Schnitzler

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין זעלבן פארלאג זיינען דערשינען פאלגנדע ביכער:

קנוט האמסון:
די קינדער פון דער צייט
אידיש: ש. שניידער

אסקאר ווײלד:
דע פראפונדים
איבערזעצט פון ק. מרמר

אין דרוק
און װעלן באלד דערשײנען:

דזשיימס ברענטש קאבעל:
יורגען
אידיש: מיכל ליכט

יאקוב וואסערמאן:
וועלט-אילוזיע
איבערזעצט פון ה. ראזענפעלד

יעקב גלאטשטיין:
פרייע פערזן
לידער

ראבערט לואיס סטיווענסאן:
אוצר-אינזעל
אידיש: אלף קץ

ס'גרייט זיך צום דרוק:
אן אלגעמיינער אריינפיר צום פסיכאאנאליז
פון פראפעסאר זיגמונד פרויד
אידיש פון נ. ב. מינקאוו

ארטור שניצלער

קאַסאַנאָוואַס אַהיימקער

אידיש פון ב. אלקוויט

פאַרלאַג: גראַהאַר און סטאַדאַלסקי
ניו יאָרק. 1926

Copyright, 1926
by
GROHAR & STODOLSKY

I

אין זיין דרייאונפופציקטן יאָר, ווען קאַסאַנאָווא איז שוין מער נישט איבער דער וועלט געיאָגט געוואָרן פון דער לוסט צו יוגנט אַוואַנטורעס, נאָר פון דער מורא אין דער אָנקומענדיקער עלטער, האָט ער דערפילט אַז די בענקשאַפט נאָך זיין געבורט־שטאָט ווענעדיג, איז אים אַזוי אָנגעוואַקסן אויף דער נשמה, אַז ער האָט געצווינגן אַהין, ווי אַ פאַרוואונדעטער פויגל, וואָס לאָזט זיך לאַנגזאַם אַראָפּ אין זיין טויטפלי אין אַלץ ענג און ענגער־ווערנדע קרייזן. אָפט און עפטער האָט ער פאַר די לעצטע צען יאָר פון זיין גלות, אַפּעלירט צום אויבערשטן ראַט נאָך אַ דערלויבעניש אַהיים צו קומען. דאָך, פריער פלעגט זיך אַריינ־באַפּן עזות אין דער פאַרפאַסונג פון די צושריפטן — אויף וואָס ער איז געווען אַ מייסטער — און צומאָל, האָט זיך אַרוים־געזען אַ פאַרביסענער פאַרגעניגן, וואָס האָט געפירט זיין פען. לעצטנס אָבער האָבן זיינע בקשות זיך אויסגעדריקט אין באַשיי־דענע און אונטערטעניקע ווערטער, וואָס האָבן אַלץ קלערער אַנטפּלעקט די ליידן פון דעם היימקראַנקן און זיין אמתע חרטה.

די זינד פון זיין פריער יוגנט — די אומפאַרגעבלאַכטע פאַר די ווענעציאַנישע ראַטמענער — זיינען נישט געווען זיין צעלאָזנקייט, באַטריגערישקייט, אָדער שאַרלאַטאַנעריי פון אַ שפּילעוודיקער נאַטור, נאָר זיין פריידענקען, וואָס איז שטופנווייס פאַרגאַנגען אין פאַרגעסנהייט; און קאַסאַנאָווא האָט, ביז אַ

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

געוויסן גראַד געגלויבט, אַז ער וועט קריגן אַ פּאַרהער. די געשיכטע פון זיין וואונדערלאַכן אַנטלויפן פון די בלייקאַמערן פון ווענעדיג, וואָס ער האָט איבערדערציילט באַ אומצייליקע געלעגנהייטן אין רעגירונגס פּאַלאַצן, אין סאַלאָנען פון נאָבעלער געזעלשאַפט, באַ רייכע מאַלצייטן און אין פאַרדעכטיקע הייזער, האָט אַמבעסטן געווירקט, אַז מען זאָל פאַרגעסן די שלעכטע רעפּוטאַציע, וואָס האָט באַגלייט זיין נאָמען. נאָכמער, אין בריוו קיין מאַנטוע, וואו ער האָט זיך אויפגעהאַלטן צוויי מאָנאַטן, האָבן מענטשן פון איינפלוס צוגעגעבן האָפנונג דעם אַוואַנטוריסט, וואָס האָט אָנגעהויבן פאַרלירן זיין אינערלאַכן און אויסערלאַכן גלאַנץ, איידער נאָך עס איז געקומען אַ גינסטיקער אומבייט אין זיין שיקזאַל.

אַזוי ווי זיינע געלט־מיטלען זיינען איצט געווען זייער קאַרגע, האָט קאַסאַנאָוואַ באַשלאָסן אָפּצוואַרטן די דערוואַרטע באַגנאַדיקונג אין דעם באַשיידענעם אָבער רעספּעקטאַבלען גאַסטהויז, וואו ער איז אַמאָל, אין גליקלאַכערע יאָרן, איינגעשטאַנען. פאַר גייסטיקן צייטפאַרטרייב — אַ פאַרגעניגן פון וואָס ער האָט זיך ניט געקענט אָפּגעוואוינען — האָט ער געמאַכט נאָטיצן פאַר אַ פּאָלעמישן פּאַמפלעט, וואָס ער האָט געשריבן קעגן דעם אַפּיקורסישן וואָלטער, האָפנדיק, אַז די פאַרעפנטלאַכונג פון דעם דאָקומענט וועט אים געבן אַן אומצווייפלהאַפטע און געזיכערטע שטעלונג גלייך נאָך זיין אַהיימקומען קיין ווענעדיג.

איין פרימאָרגן, שפּאַצירנדיק אויסערן שטאָט, האָט ער זיך באַמיט צו געבן די לעצטע אָפּרונדלונג צו מאַנכע זאַצן, וואָס האָבן געזאָלט פאַרניכטן דעם גאָטלאָזן פראַנצויז. פּלוצלינג

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איז אים באַפאַלן אַזאַ אומרואיקייט, וואָס האָט אים אַריינגעבראַכט אין אַ כמעט פיזישער פאַרצווייפלונג. ער האָט געטראַכט פון דעם לעבן, וואָס ער האָט געפירט פאַר די לעצטע דריי מאָנאַטן; עס איז געווען אַלטעגלאַך, אומדערטרעגלאַך: די מאָרגן־שפּאַצירן אויפן לאַנד, דער קאָרטן־שפּיל אויף קליינגעזינס אין די אָוונטן באַם באַראָן פּעראָטי און זיין געשטופּלטע געליבטע. ער האָט געטראַכט פון די צערטלאַכקייטן פון זיין ניט גאַנץ יונגער אָבער היציקער באַלעבאָסטע. ער האָט אפילו געטראַכט פון דער געפּאַטערטער צייט אויף דעם ווערק וועגן וואָלטערן — אַ קאָנסטרוקציע פון פרעכע קאָמבינאַציעס, וואָס האָט אים אין דעם איצטיקן מאָמענט אינגאַנצן אויסגעזען אומ־מעגלאַך. און איצט, אין דער זאַנפטיקער לופט פון אַ שפּעט־זומער מאָרגן, האָט דאָס אַלץ אים אויסגעזען זינלאָז און אָפּ־שטויסנד.

ער האָט אַרויסגעמורמלט אַ קללה ניט ווויסנדיק אַליין אויף וועמעס קאָפּ דאָס זאָל פאַלן; און דאַן, גרייפנדיק דאָס הענטל פון זיין שווערד, וואַרפנדיק בליקן אין אַלע זייטן, ווי אומזיכט־באַרע בייזע אויגן וואָלטן אים געהיט אין דער איינזאַמקייט אַרום אים, האָט ער זיך אַ קער געטאָן אויפן קנאַפּל און צוריק־געשפּאַנט אין שטאָט אַריין, מיט דער אַבזיכט גלייך צו מאַכן אַלע פאַרברייטונגען פאַר זיין באַלדיקן אָפּפאָר. ער האָט געפילט, אַז ער וואָלט געווען אין אַ גינסטיקערער שטימונג, ווען ער וואָלט בלויז אויף עטלאַכע מייל דערנענטערט דעם וועג, וואָס האָט אים אָפּגעטיילט פון דער היים, נאָך וועלכער ער האָט אַזוי געבענקט. ער האָט זיך געדאַרפט צואיילן כדי זיך צו

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

פאַרזיכערן מיט אַ פּלאַץ אויפן נעקסטן פּאָסטוואָגן. ער האָט געמוזט אָפּפאָרן מיטן וועג קיין מזרח נאָך פּאַר זונאונטערגאַנג. עס איז אים ווייניק וואָס געבליבן צו טאָן, ער האָט זיך געקאָנט באַגיין אָן אַן אָפּשיד־וויזיט צום באַראָן פּעראַמי. דאָס איינ־פּאַקן פון די זאַכן וואָלט קוים געדאַרפט נעמען אַ האַלבע שעה. ער האָט געטראַכט פון זיינע צוויי אָפּגעטראָגענע אַנצוגן, אין דעם ערגערן איז ער געווען אָנגעטאָן; פון דעם צעפּליקטן, אַמאָל זייער פיינעם אונטערשלאַג, פון די צוויי אָדער דריי טאַבעק־פּושקעס, דעם גאָלדענעם זייגער און קייט און אַ פּאָר ביכער; אין דעם איז באַשטאַנען זיין גאַנץ פאַרמעגן. ער האָט זיך דערמאָנט אין דעם פאַרגאַנגענעם גלאַנץ, ווען ער איז געפאָרן איבערן לאַנד אין אַ פּרעכטיקער קאַרעטע, רייך אויסגעשטאַט, אַלס פאַרנעמער מאַן, באַזאָרגט מיט אַלעם נויטיקן און אומ־נויטיקן; אפילו אַ באַדינער — וועלכער איז געוויינלאַך געווען אַן אויסוואורף — האָט ער געהאַט. די דאַזיקע דערינערונגען האָבן געוועקט אין אים גרויס ערגערניש און זיינע אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן.

אַ יונגע פרוי מיט אַ בייטש אין דער האַנט, איז אים פאַרבייגעפאָרן אויף אַ וועגעלע. צווישן די זעק און אַנדערע זאַכן אויפן וועגעלע, איז געלעגן איר שכור׳ער מאַן און גע־כראָפּעט. אַ צאָרנדיקער האָט קאַסאַנאָוואַ געשפּאַנט אונטער די אָפּגעבליטע קאַשטאַן־ביימער, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף ביידע זייטן וועג און ער האָט אומפאַרשטענדלאַך געמורמלט פון צווישן זיינע פאַרשטשעמערטע ציינער. פריער האָט די פרוי אים צו־געוואָרפן אַ נייגעריקן און שפּאָטישן בליק, אָבער צוריק־קריגנדיק

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אַ צאָרנדיקן גלאָץ מיט די אויגן, איז זי דערשראָקן געוואָרן, און ענדלאַך, ווען זי איז אַ פּאַרוואונדערטע פאַרביינגעפאָרן, האָט זי אומגעקערט דעם קאָפּ און אים געגעבן אַ פאַרליבטן קוק איבער די אַקסלען. קאַסאַנאָוואַ, וואָס האָט גוט געוואוסט, אַז האָס און צאָרן גיבן גיכער דעם אויסזען פון יוגנט, ווי מילדקייט און צערטלאַכקייט, האָט גלייך באַגריפן, אַז אַ חוצפּה׳דיקער ענטפער פון זיין זייט וואָלט מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט דעם וואָגן, און דאַן וואָלט ער זיך ווייטער געקאָנט דערלויבן מיט דער יונגער פרוי, וואָס זיין האַרץ וואָלט באַגערט. פונדעסטוועגן, כאָטש אייגזעענדיק דאָס, האָט ער אויף אַ מאָמענט זיך דערפילט אין אַ בעסערער שטימונג, האָט ער אָבער באַשלאָסן, אַז עס לוינט זיך נישט צו פאַרשווענדן מי און צייט אויף אַזאַ לייכטע אוואַנטורע. דערפאַר האָט ער זיך געקאָנט דערלויבן צו לאָזן די פויערטע אָוועקפאָרן מיטן וואָגן און מיט אַלץ וואָס אין אים, אויפן שטויביקן וועג.

די זון איז איצט הויך געשטאַנען אין הימל, און דער שאָטן פון די ביימער, האָט קוים געקענט אָפּשוואַכן די היץ. קאַסאַ־נאָוואַ האָט געמוזט שפּאַנען לאַנגזאַמער. אין דעם דיקן שטויב, וואָס איז געפאַלן אויף אים פון וועג, האָט זיך די אָפּגעטראָגנקייט פון זיינע קליידער ניט אָנגעזען, אַזוי אַז לויט זיין גאַנג און האַלטונג, האָט מען אים לייכט געקאָנט אָננעמען פאַר אַ מענטש פון העכערן שטאַנד, וואָס איז פאַר אַ נאָווינע געוועזן צופרידן אַ מאָל צו גיין צופוס אַנשטאָט פאָרן. פונדערוווייטנס האָט ער שוין אָנגעזען דעם טויער איבער דעם אריינגאַנג אין זיין גאַסטהויז, ווען ער האָט מיטאַמאָל דערזען אַ שווערן דאָרפישן וואָגן, וואָס האָט זיך אים אַנטקעגן געשלעפּט אויפן וועג. אינע־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ווייניק איז געזעסן אַ פעטלאַכער מאַן, נעט געקליידט, פון גאַנץ יונגן אויסזען. די הענט האָט ער געהאַלטן פאַרלייגט אויפן בויך, די וויעס אַראָפּגעלאָזט, האָט ער אויסגעזען אין דרימל. צופעליק האָט ער אַ בליק געטאָן אויף קאַסאַנאָוואַ׳ן און דער מענטש האָט זיך אויף איינמאָל פאַרענדערט. ער האָט אויסגעזען שטאַרק איבעראַשט. ער איז אויפגעשפרונגען פון אָרט, אָבער צו שנעל, און איז צוריק אַריינגעפאַלן אין זיין זיץ. ער האָט זיך ווידער אונטערגעהויבן און אַ שטויס געטאָן דעם קוטשער אין רוקן אַז יענער זאָל זיך אָפּשטעלן. אָבער נאָך איידער דער וואָגן איז שטיין געבליבן, האָט ער זיך אומגע־דרייט צו קאַסאַנאָוואַ׳ן ניט וועלנדיק אים פאַרלירן פון אויג. פאָכענדיק מיט ביידע הענט, האָט ער אים ענדלאַך, מיט אַ דינער, אָבער קלאָרער שטים, דריי מאָל ביים נאָמען אָנגערופן. ערשט אין זיין קול האָט קאַסאַנאָוואַ דערקענט, ווער דאָס איז און ער איז צוגעגאַנגען צום שטיין־געבליבענעם וואָגן. שמייכ־לענדיק האָט קאַסאַנאָוואַ אָנגענומען ביידע הענט, וואָס זיינען צו אים געווען אויסגעשטרעקט און געזאָגט:

— אָליוואָ, אַ, דאָס זענט איר?

— יאָ, הער קאַסאַנאָוואַ, איך. איר האָט מיך אַלזאָ דער־קענט?

— פאַרוואָס ניט? זינט אייער חתונה, ווען איך האָב אייך דאָס לעצטע מאָל געזען, זענט איר אַביסל פעט געוואָרן, אָבער אויך איך האָב זיך אין די פופצן יאָר, וואַרשיינלאַך, אַ היפּש ביסל געענדערט, כאָטש אפשר נישט אויף דעם זעלבן שטייגער.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— ניט אויף דאָס מינדסטע, — האָט אויסגערופן אַליוואַ,
— נו, הער קאַסאַנאָוואַ, איר האָט זיך קוים פאַרענדערט, אַזוי גוט ווי גאָרנישט. און ס׳איז מער ווי פופצן, עס איז שוין זעכצן יאָר, מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז געוואָרן זעכצן! און ווי איר קענט אייך פאָרשטעלן, האָבן מיר, אַמאַליאַ און איך, געהאַט אַ גאַנץ לאַנגן געשפּרעך וועגן אייך בײַ דער געלעגנהייט.

— ווירקלאַך, — האָט קאַסאַנאָוואַ העפלאַך געזאָגט, — איר דערמאָנט זיך נאָך אַמאָל וועגן מיר?

אַליוואַ׳ס אויגן זיינען פייכט געוואָרן. טיף גערירט האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן קאַסאַנאָוואַס הענט און זיי שטאַרק געדריקט.

— מיר דאַרפן דאָך אייך אַזוי פיל דאַנקבאַר זיין, הער קאַסאַנאָוואַ. ווי אַזוי קענען מיר פאַרגעסן אונדזער וואוילטעטער? און וואָלטן מיר געוועזן —

— לאָמיר ניט ריידן דערפון — האָט קאַסאַנאָוואַ אונטערבראָכן, — וואָס מאַכט פרוי אַמאַליאַ? ווי קומט עס וואָס פאַר די גאַנצע צוויי מאָנאַטן, זינט איך האַלט זיך אויף דאָ אין מאַנטואַ — אמת גאַנץ רואיק און צוריקגעצויגן, אָבער איך נעם דאָך זייער אָפטע שפּאַציר־גענג, ווי ס׳איז פון שטענדיק אָן מיין געוואוינהייט, — ווי קומט עס, אַליוואַ, וואָס איך האָב אייך, אָדער אייער פרוי, קיינמאָל דאָ נישט באַגעגנט?

— גאָר פשוט, הער קאַסאַנאָוואַ, אַמאַליאַ און איך האָבן פיינט די שטאָט און עס איז שוין אַ לענגערע צייט זינט מיר האָבן זיך פון דאַנען אַרויסגעצויגן. וועט איר מיר אַנטאָן דעם

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

כבוד, הער קאַסאַנאָוואַ, און אַריינשטייגן ? אין אַ שעה אַרום וועלן מיר זיין בײַ מיר אין הויז.

קאַסאַנאָוואַ האָט געפּרואווט זיך אַנטשולדיקן.

— ענטפערט מיר ניט ניין. ווי גליקלאַך וועט אַמאַליאַ זיין אייך ווידער צו זען, און ווי שטאָלץ צו ווייזן אייך אונדזערע דריי קינדער. יאָ, דריי האָבן מיר, הער קאַסאַנאָוואַ. אַלע מיידלאַך. דרייצן, צען און אַכט — קיין איינע נאָך ניט אַלט גענוג — איר וועט דאָך מיר אודאי אַנטשולדיקן — זיך צו לאָזן דעם קאָפּ פאַרדרייען פון קאַסאַנאָוואַ'ן.

ער האָט גוטמוטיק געלאַכט און געמאַכט אַ באַוועגונג צו העלפן קאַסאַנאָוואַ'ן אַריינשטייגן צו זיך אין וואָגן, אָבער דער לעצטער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָכדעם ווי עס האָט אים כמעט אַנגענומען אַ חשק, אויס פּשוט'ער נייגעריקייט אָנצונעמען אַליוואַ'ס איינלאַדונג, איז אים אויפסניי באַפאַלן זיין אומרויקייט מיט פרישער קראַפט און ער האָט דערקלערט אַליוואַ'ן אַז לײַדער מוז ער נאָך היינט נאָכמיטאָג פאַרלאָזן מאַנטואַ, צוליב זייער דרינגענדע געשעפטן.

וואָס האָט ער געקאָנט דערוואַרטן אין אַליוואַ'ס הויז ? זעכצן יאָר זיינען ניט קיין שפּילכל, אַמאַליאַ איז דורך דער צייט ניט אינגער און ניט שענער געוואָרן. אין זיינע יאָרן וואָלט דאָס דרייצן יעריקע טעכטערל ניט געקענט אין אים אַרויסרופן קיין באַזונדערן אינטערעס. אויך אַליוואַ, וועמען ער האָט אַמאָל געקענט אַלס אַ דאַרן און פלייסיקן סטודענט, איז איצט געוואָרן אַן אָנגעזעענער דאָרפישער פאַמיליענפאָטער. דער אָנגעבאָטענער וויזיט האָט ניט גענוג פאַרשפּראָכן צו באַוועגן קאַסאַנאָוואַ'ן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אָפּצולייגן אַ רייזע, וואָס האָט אים געזאָלט ברענגען צוואַנציק, אָדער דרייסיק מייל נענטער צו ווענעדיג.

אַליוואַ אָבער, איז, ווייזט אויס, נישט געווען גענייגט אָנ־צונעמען קאַסאַנאָוואַ׳ס אָפּזאָג, און איז באַשטאַנען דערויף, אַז קאַסאַנאָוואַ מוז זיך ווייניקסטנס לאָזן אָפּפירן אין גאַסט־הויז, אַ ביטע אין וואָס דער לעצטער האָט אים שוין ניט געקענט אָפּזאָגן. אין אַ פּאָר מינוט אַרום זיינען זיי שוין דאָרט געווען. די ווירטן, אַ פּעטלאַכע פרוי אין מיטן פון די דרייסיקער יאָרן, האָט באַגריסט קאַסאַנאָוואַ׳ן מיט אַ בליק, וואָס האָט קלאָר געמאַכט, אפילו פאַר אַליוואַ׳ן, וועגן די אינטימע באַציאונגען צווישן זיי ביידן. אַליוואַ׳ן האָט זי דערלאַנגט די האַנט, ווי אַן אַלטן באַקאַנטן. זי פלעגט רעגלמעסיק באַציען די זייער גוטע ווייניקע ווייַנטרויבן וואָס זיינען געוואַקסן אויף זיין גוט, האָט זי דערקלערט קאַסאַנאָוואַ׳ן.

אַליוואַ האָט זיך גלייך אָנגעהויבן באַקלאָגן, אַז דער שע־וואַליע פון סיינגאַלט (מיט דעם טיטול, האָט די באַלעבאָסטע קאַסאַנאָוואַ׳ן באַגריסט און אַליוואַ האָט עס גלייך אויפ־געכאַפּט) איז געווען אַזוי גרויזאַם צו אָנטזאָגן די איינלאַדונג פון זיין ווידער־געפונענעם אַלטן פריינט, מיט דעם לעבערלאַכן אויסרייד אַז היינט, גראָד היינט, מוז ער פאַרלאָזן מאַנטוא. דער אומרואיקער קוק פון דער פרוי האָט גלייך קלאָר געמאַכט פאַר אַליוואַ׳ן, אַז זי הערט דאָס איצט צום ערשטן מאָל; און קאַסאַנאָוואַ האָט געפילט פאַר נויטיק צו דערקלערן, אַז די מעשה מיט דער רייזע איז בלויז געווען אַ תירוץ, כדי נישט צו באַלעסטיקן זיין פריינטס הויז־געזינט מיט זיין אומדערוואַרטן וויזיט. אין דער אמת׳ן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אָבער, איז ער איצט פאַרנומען מיט אַ זייער וויכטיקע שריפט־שטעלערישע ארבעט, וואָס ער דאַרף, וואָס ער מוז פאַרענדיקן אין לויף פון די קומענדיקע פאָר טעג, און אַז דאַ, אין דעם באַקוועמען גאַסט־הויז, אין זיין קילן און רואיקן צימער, איז דאָס פּאַסיקסטע פּלאַץ פאַר דער ארבעט.

אָליוואָ האָט פּראָטעסטירט: פאַר זיין באַשיידן הויז וואָלט עס געווען דער גרעסטער כבוד, ווען דער שעוואַליע פון סיינגאַלט זאָל דאָרט ענדיקן זיין ווערק. די שטילקייט פון דאָרף וואָלט געקענט האָבן די בעסטע ווירקונג אויף אַזאַ אונטערנעמונג. אויב קאַסאַנאָוואַ זאָל זיך נויטיקן אין וויסנשאַפטלאַכע אָפּהאַנדלונגען אָדער האַנט־ביכער, וועלן זיי אים אויך ניט פעלן, וואָרים אָליוואָ׳ס פּלעמעניצע, די טאָכטער פון זיין פאַרשטאָרבענעם שטיפּ־ברודער, אַ יונגע, אָבער טראָץ אירע יאָרן, זייער געבילדעטע מיידל, איז מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק אָנגעקומען צו אים אויפן גוט, מיט אַ גאַנצן קופערט מיט ביכער; און אַז אָוונט־צייט ווען געסט קומען אויף באַזוך, דאַרף זיך דער שעוואַליע וועגן זיי ניט קימערן — סיידן, פאַרשטייט זיך, נאָך אַ שווערן טאָג ארבעט, ווען אַ לעבעדיקער שמועס אָדער גאָר אַ קערטל, איז אַן אייגענעמע צושטרייאונג.

ווי נאָר קאַסאַנאָוואַ האָט דערהערט פון דער יונגער פּלעמעניצע, האָט ער באַשלאָסן, אַז ער וואָלט גערן געמאַכט מיט איר באַקאַנטשאַפט. ער האָט נאָכאַמאָל ארויסגעוויזן זיין אומאַנט־שלאָסנקייט, און באַלד נאָכדעם, נאָכגעגעבן דעם צודרינגלאָכן אָליוואָ׳ן זיין ביטע. אָבער דערביי האָט ער דערקלערט, אַז אויף קיין פאַל קאָן ער ניט פאַרלאָזן מאַנטואַ מער ווי אויף

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

א טאָג אָדער צוויי. ער האָט געבעטן די באַלעבאָסטע, אַז די בריוו, וואָס וועלן אים אָנקומען אין זיין אָפּוועזנהייט, זאָל זי אים גלייך איבערשיקן מיט א שליח, ווייל זיי קענען זיין פון העכסטער וויכטיקייט.

נאָכדעם ווי די זאך איז צו אַליוואַ׳ס גרויס צופרידנקייט איינ־געאָרדנט געוואָרן, איז קאַסאַנאָוואַ אַוועק אין זיין צימער זיך צו צוגרייטן צו דער רייזע. אין א פערטל שעה ארום איז ער צוריקגעקומען אין גאַסטזאַל, וואו אַליוואַ האָט דערווייל געהאַט פאַרפירט א לעבעדיקן געשעפט־שמועס מיט דער באַלעבאָסטע; ער האָט זיך אויפגעהויבן, שטייענדיק אויסגעטרונקען זיין גלאָז וויין און מיט א פילבאַדייטנדן וואונק, איר פאַרשפּראָכן צוריק צו ברענגען דעם שעוואַליע — אויב נישט מאָרגן אָדער איבערמאָרגן — אָבער יעדנפאַל, אין גוטן צושטאַנד און אין דער בעסטער שטימונג. פלוצלינג איז קאַסאַנאָוואַ געוואָרן נערוועז און אויפגערעגט, און אַזוי קאַלט האָט ער זיך געזעגנט מיט זיין ליבנסווירדיקער באַלעבאָסטע, אַז שוין ביים אריינשטייגן אין וואָגן, האָט זי אים איינגערוימט אין אויער אריין א זייגעזונט, וואָס איז זיכער ווייט געווען פון צערטלאַכקייט.

בעת זיי זיינען געפאָרן אויפן שטויביקן וועג אונטער דער גליענדיקער נאָכמיטאָג זון, האָט אַליוואַ אין זיין באַריידעוור־דיקייט געגעבן א צעוואָרפענעם סך־הכל פון זיין לעבן, פאַר דער צייט וואָס זיי האָבן זיך ניט געזען: ווי ער האָט באַלד נאָך זיין חתונה זיך געקויפט א שטיקל לאַנד לעבן דער שטאָט און אָנגעפאַנגען אַלס גרינסהענדלער. שטופנווייז איז זיין לאַנד באַזיץ געוואַקסן און ער האָט אָנגעהויבן צו פירן גרעסערע גע־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

שעפּטן. ענדלאַך האָט ער עס, מיט גאָטס הילף, און אַ דאַנק דער טיכטיקייט פון זיין פרוי, אַזוי ווייט געבראַכט, אַז מיט דריי יאָר צוריק איז ער געווען אימשטאַנד אָפּצוקויפן פון דעם אין חובות פאַרבאָרגענעם גראַף מאַראַצאַני, זיין אַלטן, עטוואָס צעפאַלענעם שלאָס מיט דעם שכנישן וויינגאָרטן. און ער מיט זיין ווייב און קינדער האָבן זיך איינגעאָרדנט גאַנץ רחבותדיק, כאָטש ניט גרעפיש. דאָס אַלץ האָט ער אין לעצטן סך הכל געהאַט צו פאַרדאַנקען די מתנה פון הונדערט און פופציק גאָלד־שטיקער, וואָס קאַסאַנאָוואַ האָט געגעבן אַמאַליאַ׳ן, אָדער, בעסער געזאָגט, איר מוטער. אָן דער צוביבערלאַכער הילף וואָלט זיין גורל היינט נאָך געווען דער זעלבער, ער וואָלט נאָך אַלץ געמוזט געבן לעקציעס אין לעזן און שרייבן צו אומדערצויגענע אינגלאַך. וואַרשיינלאַך וואָלט ער גאָר געבליבן אַן אַלטער בחור און אַמאַליאַ וואָלט געווען אַן אַלטע פאַרזעסענע מויד.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך קוים צוגעהערט און אים אַזוי געלאָזט ריידן. דער אינצידענט, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט אַנדערע פילבאַדייטנדערע אַוואַנטורעס פון יענער צייט האָט זיך איצט אַזוי אומבאַדייטנד פאַרבייגעטראָגן אין זיין זכרון, אַז עס האָט קוים געקענט וועקן זיינע דערינערונגען.

אויף אַ רייזע פון רוים קיין טורין, אָדער פאַריז — ער האָט שוין אַליין נישט געדענקט וואו — בעת ער האָט אויף אַ קורצע צייט זיך אָפּגעשטעלט אין מאַנטואַ, האָט ער, אין אַ פרימאָרגן אין קירכע באַמערקט אמאַליאַ׳ן. אים איז געפעלן געוואָרן איר שיין בלאַס, עטוואָס פאַרוויינט פנים און ער האָט זיך גאַלאַנט געווענדט צו איר מיט אַ פראַגע. אין יענער צייט

קאסאנאוואס אהיימקער

האט זיך יעדערער געמיט צו פארטרויען אין קאסאנאווא'ן. זי האט גערן פאר אים איר הארץ געעפנט. דאס מיידל האט אים דערציילט, אז זי געפינט זיך אין א נויט. אז זי איז פארליבט אין אן ארימן שול־לערער. אז זיין פאטער, און אפילו איר אייגענע מוטער, זיינען אנטשידן קעגן אזא אומפראקטישן שדוך. קאסאנאווא האט זיך גלייך דערקלערט בארייט אריינצוברענגען קלארקייט אין דער זאך. פריער פון אלץ האט ער זיך באקענט מיט אמאליא'ס מוטער, א שיינע אלמנה אין זעקס־און־דרייסיקסטן יאר, צו וועמען מען האט זיך נאך געקענט דערקלערן אין ליבע. גאר אין קורצן, איז קאסאנאווא מיט איר אזוי באפריינדט געווארן, אז זיין ווארט איז געווען פאר איר געזעץ. אזוי שנעל ווי ער האט געבראכן איר איינגעשפארטע האלטונג, איז שוין ניט שווער געווען צו קריגן די צושטימונג פון אליוואס פאטער, אן אפגעקומענער געשעפטסמאן, הויפטזאכלאך דערפאר, ווייל קאסאנאווא — וועמען מען האט פאר אים פארגעשטעלט אלס א ווייטן קרוב פון דער כלה'ס מוטער — האט זיך גרויסמוטיק פארפליכטעט צו דעקן אלע חתונה־הוצאות און צושטייער צו געבן א טייל אויף דער אויסשטאטונג. בא אמאליא'ן האט איר איידעלער וואוילטעטער אויסגעזען, ווי א שליח פון אן אנדערער, העכערער וועלט. גלייכצייטיק האט זי אים איר דאנקבארקייט ארויסגעוויזן און איר הארץ אנגעבאטן; און ווען זי האט, אין אוונט פאר איר חתונה, צום לעצטן מאל, מיט גליענדיקע באקן קאסאנאוואס ארימס פארלאזן, איז זי ווייט געווען פון דעם געדאנק, אז זי איז באגאנגען אן אומרעכט קעגן איר צוקינפטיקן מאן,

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

וואָס האָט דאָך, נאָכאַלעמען, צו פאַרדאַנקען זיין גליק דער נאָבעלער ליבנסווירדיקייט פון דעם וואונדערבאַרן פריינט.

קאַסאַנאָוואַ'ן האָט עס קיינמאָל ניט אינטערעסירט, צי אַמאַליאַ האָט זיך מודה געווען פאַר אַליוואַ'ן, ווי וויים זי איז געגאַנגען אין איר דאַנקבאַרקייט צו איר וואוילטעטער. אָדער פיליכט האָט אַליוואַ אָנגענומען איר קרבן ווי אַ זעלבסטפאַר־שטענדלאַכע, פאַרוים־באַשטימטע זאַך און איר ניט נאָכגעטראָגן קיין אייפערזוכט אויף איר פאַרגאַנגענהייט. אָדער דאָס געשעענע איז נאָך ביז היינט פאַרבליבן אַ סוד. אפילו היינט האָט ער זיך וועגן דעם ניט געקימערט.

די היץ איז אומאויפהערלאַך געשטיגן. דער וואָגן, מיט האַרטע קישנס און שלעכטע פרוזשינעס, האָט געוואָרפן די פאַ־סאַזשירן אָן רחמנות. אַליוואַ'ס דינשטימיקע, גוטמוטיקע באַ־ריידעוודיקייט, האָט ניט אָפּגעלאָזט זיין באַגלייטער, דערציילנדיק כסדר, פון דער פרוכטבאַרקייט פון זיין לאַנד, די גוטע מעלות פון זיין פרוי, די גוראַטנקייט פון זיינע קינדער און פון דעם פאַרגעניגן פון אומשולדיקע אונטערהאַלטונגען מיט זיינע שכנים, די דאָרפישע און אַדעליגע לאַנד־באַזיצערס. קאַסאַנאָוואַ האָט זיך אָנגעהויבן צו לאַנגווייליקן. מיט ערגערניש האָט ער זיך געפרעגט, וואָס פאַר אַ גרונט ער האָט געהאַט אָנצונעמען אַן איינלאַדונג, וואָס אויסער אומבאַקוועמלאַכקייטן און צום סוף אַנטוישונג, קאָן עס אים ניט ברענגען. ער האָט מיט בענקשאַפט געטראַכט פון דעם קילן צימער אין גאַסט־הויז אין מאַנטואַ, וואו ער וואָלט אין דער איצטיקער שעה געקענט זיצן און אומ־געשטערט אַרבעטן אויף זיין פּאָלעמיק קעגן וואָלטער'ן. ער

קאסאנאָוואַ׳ס אהיימקער

האָט שוין געהאַט באַשלאָסן אויסצושטייגן, באַ דעם נעקסטן גאַסטהויס וואָס וועט זיך ווייזן, דינגען דעם ערשטן בעסטן געשפּאַן און צוריקפאָרן אין שטאָט אריין. אָבער דאַ האָט אַליוואַ אויסגע־שריגן: ״האַלאָ! הע!„ ער האָט אויף זיין שטייגער גענומען פאָ־כען מיט ביידע הענט, אָנגעכאַפּט קאסאנאָוואַ׳ן באַם אָרים און אים אָנגעוויזן אויף אַ בריטשקע, וואָס איז זיי אַנטקעגן געקומען. ביידע וועגן זיינען, ווי פון פריער אָפּגערעדט, שטיין געבליבן איינער לעבן אַנדערן. דריי זייער יונגע מיידלאך, איינע הינטער דער אַנדערער, זיינען אַזוי רעש׳יק אַרונטער געשפּרונגען פון וועגעלע אַז דאָס שמאָלע ברעט, וואָס האָט געדינט פאַר אַ געזעס, האָט אַזש אַ שפּרונג געטאָן אין דער לופטן און זיך איבערגעקערט.

— מיינע טעכטער — האָט אַליוואַ, ניט אָן שטאָלץ, זיך געווענדעט צו קאסאנאָוואַ׳ן.

קאסאנאָוואַ האָט גלייך געמאַכט אַ באַוועגונג צו פאַרלאָזן זיין פּלאַץ אין וואָגן.

— בלייבט נאָך זיצן, מיין טייערער שעוואַליע——האָט אַליוואַ געזאָגט, — אין אַ פערטל שעה אַרום וועלן מיר זיין אין דער היים. נו, ביז אהין, וועלן מיר שוין פאָרן אינאיינעם אין מיין קאָטש. מאַריאַ, נאַנעטאַ, טערעזינאַ, דאָס איז דער שע־וואַליע פון סיינגאַלט, אייער פאָטערס אַן אַלטער פריינט. קושט אים די הענט, וואָרים ווען ניט ער, וואָלט איך... — ער האָט זיך אונטערבראָכן און אַ פלישטער געטאָן צו קאסאנאָוואַ׳ן, — כ׳האָב זיך שיער נישט אַרויסגעכאַפּט מיט אַ נאַרישקייט, —

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ער האָט עס געוואָלט פאַריכטן און הויך געזאָגט — אָן אים וואָלט עפּעס אַנדערש געווען.

די מיידלאַך האָבן געהאַט שווארצע האָר און טונקעלע אויגן, ווי זייער פאָטער. אַלע, אפילו טערעזינא, די עלטסטע, וואָס האָט נאָך אויסגעזען גאָר אַ קינד, האָבן געקוקט אויף דעם פרעמדן מיט אַן אומגעצוואונגענער דאָרפישער נייגעריקייט. מאַריאַ, די אינגסטע, איז געווען די ערשטע צו פאָלגן איר פאָטערס וואונטש און געוואָלט קושן קאַסאַנאָוואַ׳ס האַנט. ער אָבער האָט עס ניט דערלאָזט, ער האָט אָנגענומען יעדער מיידל באַזונדער און איינע נאָך דער אַנדערער געקושט אויףביידע באַקן. אָליוואַ האָט געזאָגט אַ פּאָר ווערטער צום יונג, וואָס האָט אָנגעטריבן די ברישקע אין וועלכער די קינדער זיינען געקומען. דער יונג האָט אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און ווייטער געפאָרן אויפן וועג צו מאַנטוא.

די מיידלאַך האָבן לאַכנדיק און שפּאַסנדיק פאַרנומען זייערע פלעצער אַנטקעגן איבער אָליוואַ׳ן און קאַסאַנאָוואַ׳ן. זיי זיינען געזעסן ענג צוזאַמענגעדריינגט און אַלע האָבן גערעדט אויף אַמאָל. אַזוי ווי זייער פאָטער האָט אין דערזעלבער צייט אויך ניט אויפגעהערט צו ריידן, איז קאַסאַנאָוואַ׳ן אין אָנפאַנג ניט לייכט געווען צו פאַרשטיין, וואָס זיי דערציילן דאָס אַזוי אַלע אינאיינעם. זיין אויער האָט אויפגעכאַפּט אַ נאָמען, דאָס איז געווען „ליטענאַנט לאָרענצי“. טערעזינא האָט דערציילט, אַז ערשט ניט לאַנג איז דער ליטענאַנט זיי פאַרבייגעריטן, האָט ער געזאָגט, אַז ער דענקט צו קומען אויף באַזוך אין אוונט, און אַז ער שיקט די בעסטע גריסן דעם פאָטער. אין אָנפאַנג האָבן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

די קינדער דערקלערט, האָט די מוטער געוואָלט צוזאַמען מיט זיי אַנטקעגן פאָרן דעם פאָטער; נאָר צוליב דער גרויסער היץ, האָט זי באַשלאָסן צו בלייבן אין דערהיים מיט מאַרקאָלינאַ׳ן. אָבער מאַרקאָלינאַ איז נאָך געלעגן אין בעט, ווען זיי זיינען אַוועקגעפאָרן און פון גאָרטן האָבן זיי, דורכן אָפענעם פענצטער, זי באַוואָרפן מיט קאַשטאַנעס און מיט בערלאַך, אַז ניט וואָלט זי נאָך איצט געשלאָפן.

— דאָס איז נישט מאַרקאָלינאַ׳ס טבע — האָט אַליוואַ געזאָגט צו זיין גאַסט — מערסטנס זיצט זי שוין זעקס אַ זייגער, אָדער נאָך פריער, אין גאָרטן מיט אירע ביכער און שטודירט ביז מיטאָג צייט. אָבער מיר האָבן נעכטן געהאַט געסט און זיינען אויפגעווען שפּעטער ווי געוויינלאַך. מיר האָבן אויך געמאַכט אַ קערטל — נישט אַזוי ברייט ווי דער הער שעוואַליע איז געוואוינט — מיר זיינען אומשעדלאַכע מענטשן און ווילן איינער ביים אַנדערן דאָס געלט נישט צונעמען. אויסער דעם, נעמט געוויינטלאַך אונדזער ווירדיקער אַבאַט אַן אַנטייל אין שפּיל און איר קענט זיך פאָרשטעלן, הער שעוואַליע, אַז קיין עבירות ווערן דערביי ניט באַגאַנגען.

אַז עס איז צורייד געקומען וועגן דעם אַבאַט, האָבן די מיידלאַך ווידער געלאַכט. זיי האָבן געהאַט, גאָט ווייס וואָס פאַר אַ שפּאַס צו דערציילן און זיי האָבן געלאַכט, נאָך שטאַרקער ווי פריער. קאַסאַנאָוואַ האָט נאָר צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. אין זיין פאַנטאַזיע האָט ער געזען פריילין מאַרקאָלינאַ, וועלכע ער האָט נאָך גאָר ניט געקענט, ליגנדיק אין איר ווייסן בעט, קעגן איבער דעם פענצטער. דער צודעק אַרונטערגעוואָרפן.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איר קערפּער איז געווען האַלב אַנטבלויזט. מיט פאַרשלאָפענע הענט האָט זי זיך געוועדט קעגן די קאַשטאַנעם און בערלאַך, וואָס זיינען אויף איר געפלויגן. זיינע חושים האָבן געגליט. אַז מאַרקאָלינאַ איז דעם לייטענאַנט לאָרענצי׳ס געליבטע, איז ער געווען אַזוי זיכער, ווי ער אַליין וואָלט זיי ביידן געזען אין צערט־לאַכע אומאַרמונגען. ער איז אַזוי גרייט געווען דעם אומבאַ־קאַנטן לאָרענצי׳ן צו האַסן, ווי די נאָך קיינמאָל ניט געזעענע מאַרקאָלינאַ׳ן צו באַגערן.

דורך דעם שעמערירנדיקן טומאַן פון נאָכמיטאָק, האָט זיך אויפגעהויבן אַ קליינער פירעקיקער טורים איבער דעם גראָ־גרינעם געצווייג. דער וואָגן האָט זיך פאַרנומען פון לאַנדוועג אויף אַ זייטיק שטעגל. לינקס האָבן אויף איידעלע, בויגעוודיקע שטענג־לאַך, זיך געהויבן די ווייַנפלעצער. רעכטס איבער דעם ראַנד פון אַ גאָרטן־מויער, האָבן זיך געניגט די קרוינען פון אור־אַלטעביימער. דער וואָגן איז שטיין געבליבן בײַ אַ טויער דער פון וועטער אָפּגעבלאַקעוועטער, הילצענער טויער, איז געווען ברייט פאַנאַנדערגעעפנט. די פּאַסאַזשירן זיינען אויסגעשטיגן און אויף אָליוואַ׳ס וואונק איז דער קוטשער אָפּגעפאָרן צום שטאַל. אַ ברייטער שטעג צווישן קאַשטאַן ביימער האָט זיי געפירט צום קליינעם שלאָס, וואָס האָט אויפן ערשטן בליק געהאַט אַ ביסל אַ פּוסטן און פאַרנאַכלעסיקטן אויסזען. די ערשטע זאַך וואָס האָט קאַסאַנאָוואַ׳ן זיך געוואָרפן אין די אויגן איז געווען אַ צעבראָכן פענצטער אויפן ערשטן שטאָק. ער האָט אויך ניט פאַרפעלט צו באַמערקן, אַז די געזימסן אויף דער ברייטער, אָבער נידעריקער טורים געביידע, זיינען ערטערווייז אָפּגעבראָקלט. דאַגעגן, די

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

הויז טיר, איז געווען מיט איידעלע שניצערייען און גלייך ווי ער איז אריין אין קאָרידאָר האָט קאַסאַנאָוואַ דערקענט אַז פון אינעווייניק ווערט דאָס הויז גוט געהאַלטן, יעדנפאַל איז אַ פיל בעסערן צושטאַנד ווי מען האָט געקענט דערוואַרטן פון דעם אויסערלאַכן אָנבליק.

— אַמאַליאַ, — האָט אַליוואַ אַזוי הויך אויסגערופן, אַז אַ ווידערקול פון געוועלבטן באַלקן האָט אָפּגעקלונגען, — קום אַרונטער, געשווינט ווי דו קענסט! איך האָב דיר אַהיים געבראַכט אַ גאַסט, און נאָך וואָס פאַר אַ גאַסט.

אַמאַליאַ איז שוין געווען אויף די שטיגן, כאָטש פאַר די וואָס זיינען ערשט אַרויסגעקומען פון דער ליכטיקער זון, איז זי געווען אומזיכטבאַר אין דעם טונקעלן קאָרידאָר. קאַסאַנאָוואַ, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שאַרפע ראיה, אַז ער האָט געקענט דורכ־דרינגען די פינצטערניש פון דער נאַכט, האָט זי דערזען פריער ווי איר מאַן. ער האָט געשמייכלט און געפילט אַז דער שמייכל מאַכט אים אויסזען יינגער. אַמאַליאַ איז גאַרניט פעט געוואָרן, ווי ער האָט זיך פריער געשראָקן. זי האָט אויסגעזען שלאַנק און יונגטלאַך. זי האָט אים גלייך דערקענט.

— וואָס פאַר אַן איבעראַשונג, וואָס פאַר אַ גליק! — האָט זי אויסגערופן אָן דער מינדסטער פאַרלעגנהייט. איז אַראָפּ־געלאָפן פון די שטיגן און דערלאַנגט קאַסאַנאָוואַ׳ן איר באַק צו באַ־גריסן. ער האָט זי אָן אָפּנייגונג אַרומגענומען, ווי אַ ליבע פריינדין.

— ווי זאָל איך עס גלויבן — האָט ער געזאָגט, — מאַריאַ,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

נאַנעטאַ און מאַרעזינאַ זיינען טאַקע דיינע אייגענע טעכטער, אמאַליאַ? נאָר נאָך דער לענג פון דער צייט שטימט עס...

— און אַלע איבריקע אומשטענדן, — האָט אַליוואַ דער־גענצט, — איר קענט אייך דערויף פאַרלאָזן, שעוואַליע.

— איז דיין טרעפן זיך מיטן שעוואַליע — האָט אמאַליאַ געזאָגט, מיט אַ בליק פול מיט דערינערונגס פרייד אויף איר גאַסט, — די אורזאַך פון דיין פאַרשפעטיקונג, אַליוואַ?

— יאָ, אַזוי איז דאָס, אמאַליאַ, אָבער לאָמיר האָפן, אַז עס איז נאָך דאָ עפּעס צו עסן?

— מאַרקאָלינאַ און איך זיינען שוין געווען שטאַרק הונ־געריק, אָבער מיר האָבן נאַטירלאַך אַליין זיך ניט געוואָלט זעצן צום טיש.

— קענט איר געדולדיק זיין נאָך אַ פּאָר מינוט? — האָט קאַסאַנאָוואַ געפרעגט — ביז איך וועל מיינע קליידער און זיך אַליין אַביסל אָפּרייניקן פון דעם רייזע שטויב.

— איך וועל אייך באַלד ווייזן אייער צימער — האָט געזאָגט אַליוואַ — און איך האָף שעוואַליע, אַז עס וועט אייך געפעלן, אַזוי געפעלן ווי — ער האָט אַ וואונק געטאָן און צוגעגעבן נידריקער — ווי דאָס צימער אין דעם גאַסטהויז אין מאַנטואַ, וועמען אפילו מאַנכע קליינינקייטן פעלן.

ער איז געגאַנגען פאָרויס אויף די שטיגן, אַרויף צו דער גאַלעריע, וואָס האָט אַרומגענומען דעם פיר עקיקן קאָרידאָר. אין איינעם פון די ווינקלען האָט אַ שמאָלער, הילצערנער טרעפּ זיי געפירט ווייטער אַרויף. אויוועז האָט אַליוויאַ געעפנט די טיר פון טורים־צימער און בלייבנדיק שטיין אויף דער שוועל,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אהיימקער

האָט ער זייער העפלאך אָנגעוויזן קאַסאַנאָוואַ׳ן דעם באַשיידע־נעם גאַסט־צימער. א דינסטמיידל האָט נאָכגעבראַכט דעם וואַליז. אַליוואַ האָט זיך דערווייטערט און קאַסאַנאָוואַ איז געבליבן אַליין אין מיטלמעסיקן, אָבער גאַנץ געראַומען חדר, אויסגעשטאַט מיט אַלע נויטיקייטן. די פיר הויכע שמאַלע בויגן פענצטער, האָבן פון אַלע זייטן געוויזן אין ווייטן רוים די זוניקע פּלוינען מיט גרינע ווייגנעלענדערס, בונטע לאָנקעס, גאָלדענע פעלדער, ווייסע וועגן, העלקאָלירטע הייזער און טונ־קעלע גערטנער. קאַסאַנאָוואַ האָט זיך מער ניט ארומגעקוקט אויפן לאַנדשאַפט און זיך געאיילט שנעל פארטיק צו ווערן, ניט אזוי אויס הונגער, ווי אויס קוועלנדער נייגעריקייט צו זען מאַרקאָלינאַ׳ן פּנים אל פּנים, אזוי שנעל ווי מעגלאַך. ער האָט ניט געביטן די קליידער, ווייל ער האָט געוואָלט ערשט אין אוונט זיך ווייזן אין זיין בעסטער אויסשטאַטונג.

II

ווען קאַסאַנאָווע איז אַריינגעקומען אין דעם פּאַנעל־געטאָוולטן עס־צימער אויפן גרונט שטאָק, זיינען אַרום דעם גוטגעדעקטן טיש געזעסן דער באַלעבאָס, די באַלעבאָסטע, זייערע דריי טעכטער און אויסער זיי, אַ יונגע שיינע מיידל. זי האָט געטראָגן אַן איינפאַך לויזפּאַלדיק קלייד פון שעמערירענדיק גראָ. זי האָט אים באַגעגנט מיט אַזאַ פריינען און גלייכגילטיקן בליק, ווי ער וואָלט געווען איינער פון די הויזיקע, אָדער וואָלט שוין דאָ געווען אַ גאַסט צום הונדערטסטן מאָל. איר בליק האָט ניט אויפּגעלויכטן, ווי מען פלעגט אים פריער באַגריסן, אפילו ווען אַלס ניט באַקאַנטער, אין זיין פאַרכאַפּנדן יוגנט־גלאַנץ, אָדער שפּעטער מיט זיין זעלטענער שיינקייט אין די מענער־יאָרן. דאָס איז פאַר קאַסאַנאָוואָ'ן, שוין לאַנג ניט געווען קיין נייע דערפאַרונג באַ אַן ערשטער באַקאַנטשאַפט, פונדעסטוועגן, אפילו אין דער לעצטער צייט איז נאָך גענוג געווען צו דערמאָנען זיין נאָמען כדי אויף אַ פרויען פּנים אַרויסצורופן אַ פאַרשפּעטיקטע באַוואונדערונג, אָדער, מינדסטנס, אַ לייכטן צוק פון באַדויערן, וואָס איז געווען אַ באַשטעטיקונג, ווי גערן מען וואָלט אים באַגעגנט מיט אַ פּאָר יאָר פריער. און דאָך, ווען אָליוואָ האָט אים איצט פאָרגעשטעלט פאַר זיין פּלימעניצע, אַלס הער קאַסאַנאָוואָ, שעוואַליע פון סיינגאַלט, האָט זי געשמייכלט ניט אַנדערש, ווי מען וואָלט איר אָנגערופן אירגענד וועלכן גלייכגיל־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

טיקן נאָמען, וואָס האָט ניט געהאַט דעם ציטערדיקן אָפּ־קלאַנג פון אַוואַנטורעס און געהיימניסן. אויך ווען ער האָט פאַרנומען אַ פּלאַץ לעבן איר, געקושט איר האַנט און מיט די אויגן זי באַוואָרפן מיט אַ פונקען־רעגן פון אַנטציקונג און באַגער, האָט איר האַלטונג ניט אַרויסגעוויזן יענע שעמעוודיקע באַפרידיקונג, וואָס וואָלט געווען צו דערוואַרטן אַלס אַ באַשיידע־נער ענטפער אויף אַזאַ גליענדער פאַרערונג.

נאָך אַ פּאָר העפלאַכע איינלייטונג־ווערטער האָט קאַסאַנאָוואַ באַמערקט צו זיינע שכנים, אַז ער האָט געהערט פון אירע אינ־טעלעקטועלע דערגרייכונגען און געפרעגט אין וועלכער וויסנ־שאַפט זי איז ספּעציעל פאַראינטערעסירט. זי האָט געענטפערט אַז זי גיט זיך אָפּ הויפּטזאַכלאַך מיט אַ שטודיום אין העכערע מאַטעמאַטיק, צו וואָס זי איז פאַרגעבריייט געוואָרן דורך דעם פּראָפעסאָר מאָרגאַני, דער באַרימטער אינסטרוקטאָר פון דער אוניווערזיטעט פון באָלאָנאַ. קאַסאַנאָוואַ האָט אויסגעדריקט זיין פאַרוואונדערונג, וואָס אַזאַ רייצנדע יונגע דאַמע זאָל געפּי־נען אַן אומגעוויינלאַכן אינטערעס אין אַזאַ שווערן און טרוי־קענעם קעגנשטאַנד. מאַרקאָלינאַ האָט געענטפערט, אַז לויט אירע אַנזיכטן איז העכערע מאַטעמאַטיק די פאַנטאַסטישסטע פון אַלע וויסנשאַפטן, מען קען זאָגן, די נענטסטע אין איר וועזן צו געט־לאַכער וואַרהאַפטיקייט. ווען קאַסאַנאָוואַ האָט געבעטן מער באַלייכטונג אין דער, פאַר אים גאַנץ נייער אויפפאַסונג, האָט מאַרקאָלינאַ באַשיידן אויסגעוויילט ניט פאַרצוזעצן דעם שמועס וועגן דעם קעגנשטאַנד, דערקלערנדיק אַז אַלע אַנוועזנדע און מער פון אַלע, איר ליבער פעטער, וואָלטן בעסער געוואָלט הערן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

פון די איבערלעבונגען פון אַ פיל־באַרייזטן פּריינץ, וועלכן זיי האָבן אַזוי לאַנג נישט געזען, ווי אויסצוהערן אַ וויסנשאַפטלעכן דיספּוט.

אַמאַליאַ האָט זיך שנעל אַנגעשלאָסן אָן איר פאַרשלאַג און קאַסאַנאָוואַ, אַלע מאָל בערייט נאָכצוגעבן אַזאַ פאַרלאַנג, האָט באַמערקט אין אַ לייכטן טאָן, אַז אין די לעצטע צען יאָר האָט ער זיך מערסטנס געפונען אויף געהיימע דיפּלאָמאַטישע שליחות׳ן. רעכענענדיק בלויז די גרעסערע שטעט, האָט ער זיך כסדר אַרומגעטריבן צווישן מאַדריד, פּאַריז, לאָנדאָן, אַמסטערדאַם און פּעטערבורג. ער האָט געגעבן אַ סך הכל פון באַגעגענישן און פאַרהאַנדלונגען, ערנסטע און טייל שפּאַסיקע, מיט מענער און פרויען פון פאַרשיידענע שטאַנדן. ער האָט אויך נים פאַרגעסן צו דערציילן פון דער פריינטלעכער אויפנאַמע וואָס איז אים צוגעטיילט געוואָרן אין הויף פון קאַטערינאַ פון רוסלאַנד. ער האָט שפּאַסיק איבערגעגעבן ווי פרידריך דער גרויסער האָט אים שיער נישט באַשטימט פאַר אַן אינסטרוקטאָר אין אַ קאַדעטנשול פאַר פּאָמעריאַנישע יונקערס — אַ געפאַר, פון וועלכער ער האָט זיך אַרויסגעגליטשט דורך אַ געוואַגטן אַנטלויפן. פון די און אַנדערע זאַכן האָט ער גערעדט ווי פון ניט־לאַנגאָניקע געשעענישן, כאָטש אין דער אמת׳ן איז דאָס פאַרגעקומען מיט יאָרן און יאָר־צענדליקער צוריק. פריילאַזנדיק די פאַנטאַזיע, אַליין רעכט ניט וויסנדיק ווען ער ליגנערט אין אַ קלענערער אָדער גרעסערער מאָס, האָט ער זיך געפרייט מיט זיינע אייגענע איינבילדונגען און מיט דעם פאַרגעניגן, וואָס ער האָט פאַרשאַפט זיינע צוהערער.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אהיימקער

בעת ער האָט אַזוי דערציילט און פאַנטאַזירט, האָט ער שיער זיך אַליין ניט איינגערעדט, אַז ער איז נאָך היינט דער דרייסטער, דער גליק-פאַרצערטלטער, אומפאַרשעמטער שטראַלנדי־קער קאַסאַנאָוואַ, דער, וואָס איז מיט שיינע פרויען איבער דער וועלט געפאָרן, פון וועלטלאַכע און גייסטלאַכע פירשטן אַ געערטער, דער, וואָס האָט טויזנטער פאַרשווענדעט, פאַרשפּילט און אַוועק־געשענקט — ניט דער פאַרוועלקטער הונגעריקער, וואָס איז פון אַמאָליקע פריינט, פון ענגלאַנד און שפּאַניע, געשטיצט גע־וואָרן מיט נעבאַכדיקע סומען — וואָס פלעגן אָפט אויסנבלייבן, אַזוי אַז ער איז געווען אָנגעוויזן אויף די פּאָר אָרימע מטבעות וואָס ער האָט געוואונען פון באַראָן פעראַטי, אָדער זיינע געסט. ער האָט אפילו פאַרגעסן אַז זיין העכסטער ציל איצט, איז גע־ווען זיין געבורט־שטאָט, וואָס האָט אים צוערשט איינגע־שפּאַרט, און זינט זיין אַנטלויפן, פאַרראַכט און פאַרבאָטן פון דער היים, אומצוקערן זיך אַלס שרייבער, אַלס בעטלער, אַלס גאָר־נישט — נאָך אַזאַ גראַנדיעזן לעבן אַזוי צו ענדיקן.

מאַרקאָלינאַ האָט זיך צוגעהערט אויפמערקזאַם, ווי די אַנדערע, אָבער מיט דעם זעלבן אויסדרוק ווי מען וואָלט פאַר איר פאָרגעלייענט אַן אַמוזירנדע געשיכטע פון אַ בוך. אַז דער דערציילער איז קאַסאַנאָוואַ אַליין, דער מענטש, דער מאַן, וואָס האָט דאָס אַלץ איבערגעלעבט און נאָך פיל מער, וואָס ער דערציילט ניט, אַז אַנטקעגן איבער איר זיצט דער געליבטער פון טויזנט פרויען — אַז זי ווייסט דאָס, האָט איר מינע אויף דאָס מינדסטע ניט פאַרראַטן. אַנדערש האָבן אַמאַליאַ׳ס אויגן געלויכטן. פאַר איר איז קאַסאַנאָוואַ געבליבן דער זעל־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

בער ווי געווען. פֿאַר איר האָט זיין שטים געקלונגען ניט וויניקער פֿאַרפֿירעריש, ווי מיט זעכצן יאָר צוריק. ער האָט געפֿילט אַז, ווען ער זאָל עס נאָר פֿאַרלאַנגען, וואָלט ער מיט איין וואָרט אָדער צייכן געקאָנט אויפֿסניי ווידערהוילן די דאַמאָלסטדיקע אוואַנטורע. אָבער וואָס איז אים געווען אַמאַליאַ אין דער איצטיקער שעה, ווען ער האָט באַגערט מאַרקאָלינאַ׳ן, ווי ער האָט נאָך קיין פֿרוי פֿאַר איר ניט באַגערט? אים האָט זיך געדאַכט, אַז דורך די לויזע שעמערירנדע פֿאַלדן פֿון איר קלייד, זעט ער איר נאַקעט לייב. אירע קנאָספּיקע ברוסטן האָבן אים אַנטקעגן געבליט, און ווען זי האָט זיך איינמאָל איינגעבויגן צום דיל אויפֿצוהייבן איר טאַשן־טיכל, האָט קאַסאַנאָוואַ׳ס צעפֿלאַמטע פֿאַנטאַזיע צוגעגעבן אַזאַ גלוסטיקן זין צו איר באַוועגונג, אַז ער האָט זיך שיער ניט דערפֿילט אין אָנמאַכט. מאַרקאָלינאַ האָט דערהערט די אומוויליקע פּאָזע אין דעם פֿלוס פֿון זיין דערציילן; זי האָט באַמערקט ווי זיין בליק האָט אָנגעהויבן צו פֿלאַטערן, און ער האָט דערזען אין איר אַ פּלוצלונגע פֿיינטלאַכקייט, אַ וואָרנונג, יאָ, אפֿילו אַ שפּור פֿון עקל.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך שנעל קאָנטראָלירט און מיט נייעם פֿייער פֿאָרגעזעצט זיין דערציילונג; אינדעם איז אַ פֿעסטגעבויטער גייסטלאַכער אַריינגעקומען. דער באַלעבאָס האָט אים באַגריסט אַלס אַבאַט ראָסי, און קאַסאַנאָוואַ האָט אין אים גלייך דערקענט דעם מאַן, מיט וועמען ער האָט זיך באַגעגנט מיט זיבנאונצוואַנציק יאָר צוריק אויף אַ מאַרק־שיף, פֿאַרנדיק פֿון ווענעדיג קיין טשיאָגיאַ.

— איר זענט דאַמאָלסט געגאַנגען פֿאַרבונדן אַן אויג, —

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ, וואָס האָט זעלטן פאַרבייגעלאָזט אַ געלעגנהייט צו באַווייזן זיין זעלטענעם זכרון — און אַ פויערטע מיט אַ געלער פאַטשיילע האָט איך נאַרייעט אַ שטאַרקן הייל־זאַלב, וואָס אַ יונגער, זייער הייזעריקער אַפּטייקער האָט צופעליק מיט זיך געפירט.

דער אַבאַט האָט זיך גענייגט און צופרידן געשמייכלט. דאַן אָבער איז ער מיט אַ כיטרען אויסדרוק צוגעטראָטן גאַנץ נאָענט צו קאַסאַנאָוואַ׳ן, ווי ער וואָלט אים וועלן איבערגעבן אַ סוד, אָבער געזאָגט האָט ער מיט אַ הויכער לויטערער שטים:

— און איר, הער קאַסאַנאָוואַ, האָט זיך דאַמאָלסט געפונען אין אַ חתונה געזעלשאַפט, איך ווייס נישט צי אַלס צופעליקער גאַסט, אָדער גאָר אַלס אונטערפירער, יעדנפאַלס געדענק איך, אַז די כלה האָט געקוקט אויף אייך מיט פיל צערטלאַכערע אויגן ווי אויפן חתן... אַ ווינט האָט זיך אויפגעהויבן, עס איז געוועזן נאָענט צו אַ שטורעם און איר האָט זיך גענומען פאַרלעזן אַ זייער געוואַגט ליד.

— דער שעוואַליע האָט דאָס אודאי געטאָן כדי איינצו־שטילן דעם שטורים — האָט מאַרקאַלינאַ געזאָגט.

— אויף אַזאַ צויבערקראַפט, — האָט געענטפערט קאַסאַ־נאָוואַ, — האָב איך קיינמאָל ניט פּרעטענדירט, אָבער איך וועל ניט לייקענען, אַז ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן צו לעזן, האָט קיינער מער זיך ניט געקימערט וועגן שטורים.

די דריי מיידלאַך האָבן זיך אַרומגעקליבן אַרום דעם אַבאַט. זיי האָבן וואויל געוואוסט פאַרוואָס. פון זיינע אומגעהויערע קער־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

שענעס, האָט ער ארויסגענומען אַן אַ שיעור טייערע צוקערלאַך, און מיט די דיקע פינגער געשטאָפּט די קינדער צווישן די ליפּן. רערווייל האָט אַליוואַ זייער אויספירלאַך דערציילט דעם אבאַט, ווי אַזוי ער האָט קאַסאַנאָוואַ׳ן געפונען. ווי אין חלום האָט אַמאַליאַ געהאַלטן צוגעהאַפּטן איר לויטערן בליק אויף איר טייערן נאָסטס הערלאַך ברוינעם שטערן.

די קינדער זיינען געלאָפן אין גאָרטן אריין; מאַרקאָלינא האָט זיך אויפגעהויבן און זיי נאָכגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער. דער אבאַט האָט אָפּגעגעבן אַ גרוס פון מאַרקיז צעלי, ער וועט, אויב זיין געזונט וועט עס אים דערלויבן, קומען מיט זיין פרוי היינט אוונט אויף באַזוך צו זיין טייערן פריינט אַליוואַ.

— גוט געטראָפן, — האָט אַליוואַ געזאָגט, — מיר וועלן דאָ האָבן אַ גוטע קאָרטן־געזעלשאַפט, צו ערן דעם שעוואַליע. איך דערוואַרט נאָך די ברידער ריקאַרדי, און לאָרענצי וועט אויך קומען — די קינדער האָבן אים אויף זיין שפּאַציר־רייט באַ־ געגנט.

— איז ער נאָך אַלץ דאָ? — האָט געפרעגט דער אבאַט, — שוין אַ וואָך זינט איך האָב געהערט אַז ער איז אוועקגעגאַנגען צו זיין רעגימענט.

— איך דענק, אַז די מאַרקיזע האָט פאַר אים אויסגע־ ווירקט אַן אורלויב ביי זיין הויפּט, — האָט אַליוואַ געשמייכלט.

— עס וואונדערט מיך, — האָט קאַסאַנאָוואַ זיך אריינגע־ מישט, — אַז אַ מאַנטועזער אָפיציר זאָל איצט קריגן אורלויב, — ער האָט צוגעגעבן: — צוויי באַקאַנטע מיינע, איינער פון מאַנטואַ, דער אַנדערער פון גרעמאַנאַ, האָבן נעכטן באַנאַכט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אוועקגעמאַרשירט מיט זייער רעגימענט אין דער ריכטונג קיין מילאַן.

— האָט אַ מלחמה אויסגעבראָכן ? — האָט מאַרקאַלינאַ לעבן פענצטער געפרעגט; זי האָט זיך אומגעקערט, איר געזיכט אין שאָטן, האָט זיך אומבאַדייטנד פאַרענדערט, אָבער עס איז געווען אַ לייכטער צאַפּל אין איר שטים, װאָס קיינער אויסער קאַסאַנאָוואַ׳ן האָט ניט באַמערקט.

— עס וועט אפשר ניט קומען דערצו — האָט ער לייכט געזאָגט — אָבער די שפּאַניער ווייזן אַ קריגערישע האַלטונג, הייסט עס אַז מען דאַרף זיין גרייט.

— ווייסט מען דען איבערהויפּט — האָט אַליוואַ וויכטיק געפרעגט און געקנייטשט דעם שטערן — אויף וועלכער זייט מיר וועלן זיך שלאָגן, אויף דער שפּאַנישער אָדער אויף דער פראַנצויזישער ?

— פאַר דעם לייטענאַנט לאָרענצי דאַרף דאָס זיין אַלצ-איינס — האָט דער אַבאַט געדענקט, — ווען ער זאָל נאָר ענדלאַך האָבן די געלעגנהייט זיין העלדישקייט צו באַווייזן.

— דאָס האָט ער שוין געטאָן — האָט געזאָגט אַמאַליאַ — ער איז געווען אין דער שלאַכט באַ פּאַוויאַ מיט דריי יאָר צוריק.

מאַרקאָלינאַ האָט געשוויגן.

קאַסאַנאָוואַ האָט גענוג געוואוסט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער לעבן מאַרקאָלינאַ׳ן און מיט אַן אָפענעם בליק אַרויס-געקוקט אין גאָרטן. ער האָט גאָרניט געזען אויסער די קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף דער גרינער לאָנקע, און די

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

פון איין ריי הויכע געדיכטעביימער, וואָס האָבן זיך אָפּ־געשלאָסן קעגן דער געמויערטער וואַנט.

— וואָס פאַר אַ פּרעכטיק לאַנד — האָט ער זיך געווענדט צו אָליוואָ׳ן — איך וואָלט גערן זיך געוואָלט אַרומקוקן דערויף אַ ביסל נענטער.

— און איך, שעוואַליע, — האָט אָליוואָ געענטפערט, — ווינטש מיר ניט קיין גרעסערן פאַרגעניגן, ווי אייך צו ווייזן מיינע וויינבערג און צו פירן אייך דורך מיינע פעלדער. יאָ, איך מוז אייך זאָגן דעם אמת, און אַמאַליאַ וועט עס אייך באַשטעטיקן, אַז פאַר די יאָרן, זינט איך האָב דעם קליינעם גוט, האָב איך ניט געהאַט קיין גרעסערן וואונטש ווי אייך צו האָבן פאַר אַ גאַסט אויף מיין אייגענער ערד און אונטער מיין אייגענעם דאַך. צען מאָל, וויינִיקסטנס האָב איך אייך געוואָלט שרייבן, אייך איינלאַדן. אָבער האָט מען דען געקאָנט גלויבן, אַז אַ בריוו וועט אייך אָנקומען? האָט עמיץ וואו דערציילט, אַז מען האָט אייך ניט לאַנג צוריק געזען אין ליסאַבאָן — האָט מען געמעגט זיכער זיין אַז פאַר דער צייט, זענט איר שוין געווען אַוועקגעפאָרן קיין וואַרשע אָדער ווין. און איצט, ווען איך האָב אייך, ווי דורך אַ נס, געפונען, פּונקט אין דער שעה ווען איר האָט געוואָלט פאַרלאָזן מאַנטואַ, און ווען עס איז מיר געלונגען — עס איז ניט געווען קיין לייכטע זאַך, אַמאַליאַ, איך קאָן דיר פאַרזיכערן — ווען עס איז מיר געלונגען, צו פאַרלאָקן אייך אַהער... און דאָ זענט איר אַזאַ קאַרגער אויף אייער צייט, אַז — וואָלט איר דאָס געגלויבט,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

הער אַבאַט, אַז מער ווי צוויי טעג האָט ער אונדז ניט געוואָלט באַוויליקן.

— דער שעוואַליע וועט אפשר זיך לאָזן איבעררײדן, צו פאַרלענגערן זיין וויזיט — האָט געזאָגט דער אַבאַט, וואָס האָט מיט גרויס פאַרגעניגן געגעסן אַ פערסיק און אַזאַ ראשן קוק געטאָן אויף אַמאַליאַ׳ן, פון וואָס קאַסאַנאָוואַ האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז פאַר דעם אַבאַט האָט זי מער מודה געווען, ווי פאַר איר מאַן.

— ליידער וועט עס מיר אוממעגלאַך זיין, — האָט קאַ־סאַנאָוואַ אַנטשלאָסן געענטפערט, — איך וויל ניט באַהאַלטן פון מיינע פריינט, וואָס נעמען אַזאַ טיפן אינטערעס אין מיין שיקזאַל, אַז מיינע ווענעציאַנישע לאַנדסלייט הייבן אָן צו באַ־גרייפן דאָס אומרעכט, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען קעגן מיר די אַלע יאָרן. אַ ביסל אַ פּאַרשפּעטיקטע, אָבער דערפאַר אַ מער ערנהאַפטע חרטה. איך וואָלט פאַרגעקומען אומדאַנקבאַר אָדער גאָר פאַרביסן, ווען איך זאָל זיך צוריקהאַלטן אָנצונעמען די צודרינגלאַכע און אומאויפהערלאַכע איינלאַדונגען—מיט אַ לייכטער האַנט־באַוועגונג האָט ער אָפּגעשטעלט אַ נייגעריקע אָבער ערפורכט־קע פראַגע, וואָס ער האָט דערזען אויף אַליוואַ׳ס ליפּן, און שנעל באַמערקט: — נו, אַליוואַ, איך בין גרייט. ציינט מיר אייער קליינעם קעניגרייך.

— וואָלט עס ניט בעסער געווען — האָט אַמאַליאַ זיך אַריינגעמישט, — אָפּצוּוואַרטן ביז עס וועט ווערן אַ ביסל קילער? איך מיין, אַז דער שעוואַליע וואָלט איצט געוואָלט זיך אַ ביסל אויסרוען, אָדער אַזוי זיך דורכשפּאַצירן אין שאָטן —

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אין אירע אויגן איז געווען אַן אומזיכערער שימער פון שעמעוודיקן געבעט צו קאַסאַנאָוואַ׳ן, ווי זי וואָלט געדענקט אַז איצט, אויף אַזאַ שפּאַציר אין גאָרטן, וועט איר שיקזאַל צום צווייטן מאָל באַשלאָסן ווערן.

קיינער האָט גאָר ניט געהאַט קעגן אַמאַליאַ׳ס פאָרשלאָג, און מען איז אַרויסגעגאַנגען אין דרויסן. מאַרקאָלינאַ איז געגאַנגען פאָרויס און האָט זיך געלאָזט לויפן איבער דער זוניקער לאָנקע צו די קינדער, וואָס האָבן געשפּילט אין שפּרינג־באַלן, און זיך אַריינגעוואָרפן אין שפּיל מיט זיי. זי איז קוים העכער געווען פון דער עלטסטער פון די מיידלאַך, און ווען אירע האָר האָבן זיך צעפלאָכטערט אין באַוועגונג און זיינען זיך צעפאַלן איבער אירע אַקסלען, האָט זי אַליין אויך אויסגעזען ווי אַ קינד. אָליוואָ און דער אַבאַט האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיינבאַנק אונטער די ביימער, ניט ווייט פון הויז. אַמאַליאַ איז ווייטער נאָכגעגאַנגען קאַסאַנאָוואַ׳ן לעבן זיין זייט.

אַזוי שנעל ווי מען האָט פון קיינעם ניט געקאָנט געהערט ווערן, האָט זי אָנגעהויבן אין אַ טאָן, וואָס האָט פאַר קאַסאַנאָוואַ׳ן געקלונגען זייער באַקאַנט:

— אַזוי טרעפן מיר זיך ווידער, קאַסאַנאָוואַ! ווי איך האָב אַרויסגעקוקט אויף דעם טאָג. איך האָב געוואוסט אַז ער וועט קומען.

— אַ בלויזער צופאַל האָט מיך אַהערגעבראַכט, — האָט ער קאַלט געזאָגט.

אַמאַליאַ האָט געשמייכלט, — רוף עס ווי דו ווילסט. דו

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ביסט דאָ! אין די זעכצן יאָר האָב איך פון קיין אַנדערע זאַך ניט געחלום׳ט, אויסער פון דעם טאָג.

— איך מאָל מיר, — האָט קאַסאַנאָוואַ זיך קעגנגעשטעלט, — אַז אין פאַרלויף פון דער צייט, האָסטו אודאי געטרוימט נאָך פון מאַנכע אַנדערע זאַכן, און — נישט נאָר געטרוימט.

אַמאַליאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ — דו ווייסט, אַז עס איז נישט אַזוי, קאַסאַנאָוואַ. אויך דו האָסט מיך נישט פאַרגעסן, וואָרים אַנדערש וואָלסטו, אין דיין איילעניש קיין ווענדיג, נישט אָנגענומען אַליוואַ׳ס איינלאַדונג.

— וואָס מיינסטו דערמיט, אַמאַליאַ? שטעלסטו דיר פאָר, אַז איך בין אַהערגעקומען צו מאַכן דיין גוטן מאַן צום נאַר?

— פאַרוואָס רעדסטו אַזוי, קאַסאַנאָוואַ? ווען איך זאָל דיר נאָכאַמאָל געהערן, וואָלט עס ניט געווען קיין באַטרוג, ניט קיין זינד.

קאַסאַנאָוואַ האָט געלאַכט — ניט קיין זינד? פאַרוואָס ניט קיין זינד? ווייל איך בין אַן אַלטער מאַן?

— דו ביסט נישט אַלט. פאַר מיר קענסטו קיינמאָל נישט ווערן קיין אַלטער מאַן. אין דיינע אָרעמס האָב איך מיין ערשטע גליקזעליקייט גענאָסן, און אַזוי איז זיכער פון מזל אָנגעצייכנט, אַז איך זאָל מיין לעצטע גליקזעליקייט טיילן מיט דיר.

— דיין לעצטע? — האָט קאַסאַנאָוואַ ציניש ווידערהוילט, כאָטש עס איז אים אינגאַנצן נישט אָנגעגאַנגען, — איך

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

דענק, אַז מיין פריינט אַליוואַ וואָלט קענן דעם געהאַט עפּעס אויסצוזעצן.

— דאָס — האָט אמאַליאַ רויטווערנדיק געענטפערט, — דאָס איז פליכט, אפילו פארגעניגן; אָבער גליקזעליקייט איז עס נישט, איז עס קיינמאָל נישט געווען.

זיי זיינען קוים צוגעקומען צום ענד פון דער אַלעע, ווען זיי האָבן דערזען פון דערווייטנס די לאַנקע, וואו מארקאָלינא און די קינדער האָבן זיך געשפּילט. ווי פון פריער אָפּגערעדט, האָבן זיי ביידע זיך אומגעקערט און שווייגנדיק צוריק צוגעקומען צום הויז. איינע פון די גרונד־שטאָק פענצטער, אויף דער שמעלערער זייט איז געווען אָפן. קאסאַנאָוואַ האָט געזען אין דער טונקעלער טיף פון געמאַך, אַ האַלב אָראָפּגעצויגן פאָר־האַנג, פון אונטער וועלכן עס האָט זיך ארויסגעזען אַ פוס פון אַ בעט. איבער אַ שטול דערלעבן איז געהאַנגן אַ לייכט גאַז קלייד.

— איז דאָס מארקאָלינאַ׳ס צימער? — האָט געפרעגט קאַסאַנאָוואַ.

אמאַליאַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, — זי געפעלט דיר?

— האָט זי אויפגעהייטערט געפרעגט, אַז אַ שום פאַרדאַכט.

— אודאי, זי איז שיין.

— שיין, און טוגענטהאַפט.

קאַסאַנאָוואַ האָט געצוקט מיט די אַקסלען, ווי ער וואָלט זיך אויף דעם ניט נאָכגעפרעגט און געזאָגט:

— ענטפער מיר אמאַליאַ: ווען דו האָסט מיך היינט צום ערשטן מאָל געזען, בין איך דיר נאָך אַליץ געפעלן?

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— איך ווייס נישט אויב דו האָסט היינט אַנדערש אויס־געזען ווי דאַמאָלסט. פאַר מיר ביסטו דער זעלבער, ווי איך האָב דיך אַלעמאָל געזען, דער זעלבער ווי איך האָב דיך געזען אין מיינע חלומות.

— קוק דיך איין אין מיר, אמאַליאַ ! זע די קנייטשן אויף מיין שטערן . . . די פאַלדן אויף מיין האַלדז ! די טיפע קראָען־פיס דאָ, פון די אויגן ביז צו די שלייפן ! און דאָ — יאָ, דאָ אין דער זייט פעלט מיר אַ צאָן. — האָט ער אויפ־געריסן דאָס מויל, — און די דאָזיקע הענט, אמאַליאַ ! קוק זיי אָן ! פינגער ווי קלאָען . . . קליינע געלע פלעקן אויף די נעגל . . . און די אָדערן בלאָ און געשוואָלן — די הענט פון אַ גרייז, אמאַליאַ !

זי האָט אָנגענומען זיינע ביידע הענט, ווי ער האָט זיי איר געוויזן אין שאָטן פון דער אַלעע און זיי געקושט איינע נאָך דער אַנדערער מיט ליבע.

— היינט ביינאַכט וועל איך קושן דיינע ליפּן, — האָט זי געזאָגט מיט עניוותדיקער צערטלאַכקייט, וואָס האָט אים אויפגעבראַכט.

באַלד דערלעבן, באַ דעם ענד פון דער לאָנקע, איז אין גראָז געלעגן מאַרקאָלינאַ, די הענט געשלאָסן אונטערן קאָפּ, קוקנדיק אין הימל אַריין און די בעלער פון די קינדער זיינען געפלויגן הין און צוריק. פּלוצלינג האָט זי אויסגעשטרעקט איין האַנט, געכאַפּט איינעם פון די בעלער אין מיטן פלי און שטאַרק זיך צעלאַכט. די קינדער האָבן זיך אַרויפגעוואָרפן אויף

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איר, אירע לאָקן האָבן געפלאַטערט און זי האָט זיך נישט געקאָנט רירן.

קאַסאַנאָוואַ האָט געציטערט: — דו וועסט נישט קושן נישט מיינע הענט, און נישט מיינע ליפּן — האָט ער גע־זאָגט צו אַמאַליאַ׳ן — און אומזיסט וועסטו וואַרטן אויף מיר, אומזיסט דיינע טרוימען, סיידן, — איך וועל פריער מאַרקאָלי־נאַ׳ן באַזיצן.

— ביסט פון זינען אַראָפּ, קאַסאַנאָוואַ? — האָט אַמאַליאַ אויסגערופן מיט פאַרצווייפלונג אין איר שטים.

— מיר האָבן זיך נישט וואָס פאָרצוואַרפן איינער דעם אַנדערן, — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ, — דו ביסט וואַנזיניק, ווייל אין מיר, דעם אַלטן מאַן, ווילסטו ווידער זען דעם געליבטן פון דיין יוגנט, איך, ווייל איך האָב זיך אין קאָפּ אַריינגע־שלאָגן, אַז איך מוז מאַרקאָלינאַ׳ן באַזיצן. נאָר אפשר איז אונדז ביידע באַשערט צוריק צו קומען צום פאַרשטאַנד. זאָל מאַר־קאָלינאַ מיך צוריק יונג מאַכן — פונדיינעטוועגן. אַלזאָ, העלף מיר אויספירן מיין פאַרלאַנג, אַמאַליאַ.

— דו רעדסט פון וועג, קאַסאַנאָוואַ. עס איז אוממעגלאַך. זי וויל פון קיין מענער גאָרנישט הערן.

קאַסאַנאָוואַ האָט געלאַכט — און דער לייטענאַנט לאָרענצי?

— וואָס מיינסטו מיט לאָרענצי׳ן?

— ער איז איר געליבטער, אין דעם בין איך זיכער.

— דו מאַכסט אַ גרויסן טעות, קאַסאַנאָוואַ. ער האָט געבעטן איר האַנט און זי האָט אים צוריקגעוויזן. און ער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איז יונג — ער איז שיין. יאָ, איך גלויב אַז ער איז אפילו שענער ווי דו ביסט ווען ניט איז געווען, קאַסאַנאָוואַ.

— ער האָט געבעטן איר האַנט ?

— פרעג אַליוואַ׳ן, אויב דו גלויבסט מיר נישט.

— נו, מיר איז אַלצאיינס, וואָס גייט עס מיך אָן ? צי זי איז אַ יונגפרוי, אָדער אַ גאַסנפרוי, כלה אָדער אלמנה — איך וויל זי, איך וויל זי באַזיצן.

— איך קאָן זי דיר נישט געבן מיין פריינט ! — אין דעם טאָן פון אירע רייד האָט ער געפילט אַן אויסדרוק פון מיט־געפיל.

— נו, זעסטו שוין, אמאַליאַ, — האָט ער געזאָגט, — וואָס פאַר אַ נעבאַכדיקער נפש איך בין געוואָרן ! מיט צען — מיט פינף יאָרן צוריק, וואָלט איך קיין באַהעלפער און קיין פאַרמיטלער נישט געדאַרפט, ווען אפילו מאַרקאָלינא וואָלט געווען די געטין פון טוגענט אליין. און איצט, וויל איך דיך מאַכן פאַר דער מעקלערן. אָדער, ווען איך וואָלט נאָר רייך געווען... יאָ, כאָטש מיט צען טויזנט דוקאַטן. אָבער איך האָב נישט אפילו קיין צען. אַ בעטלער בין איך, אמאַליאַ.

— אפילו פאַר קיין הונדערט טויזנט וואָלסטו מאַרקאָ־לינאַ׳ן נישט געקאָנט אָפּקויפן. וואָס גייט איר אָן רייכטום ? זי האָט ליב ביכער, דעם הימל, די לאָנקע, שמעטערלינגען, און שפּילן מיט די קינדער. און פון איר קליינער ירושה האָט זי מער ווי זי באַדאַרף.

— אָ, ווען איך וואָלט געווען אַ פירשט ! — האָט קאַ־סאַנאָוואַ אויסגערופן אַ ביסל דעקלאַמאַטאָריש, ווי זיין שטייגער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איז געווען, ווען ער איז געוואָרן געריכט פון אַ שטאַרקן באַ־גער, — וואָלט איך געהאַט די מאַכט אַריינצוואַרפן מענטשן אין געפענקעניש, הינצוריכטן... אָבער איך בין גאָרנישט. אַ בעטלער — און אַ ליגנער דערצו. איך בעטל בײַ דעם הויכן ראַט אין ווענעדיג אַן אַמט, אַ שטיקל ברויט, אַ היים! וואָס איז פון מיר געוואָרן? עקלט דיך נישט פון מיר, אַמאַליאַ?

— איך האָב דיך ליב, קאַסאַנאָוואַ

— טאָ פאַרשאַף זי מיר, אַמאַליאַ! עס ווענדט זיך אָן דיר, איך בין זיכער אין דעם. זאָג איר וואָס דו ווילסט, זאָג איר, אַז איך האָב דיך געסטראַשעט. זאָג איר, אַז איך בין קאַפּאַבל דעם דאַך איבער׳ן הויז מיטן פייער אַוועקלאָזן! זאָג איר אַז איך בין אַ נאַר, אַ געפערלאַכער נאַר, אַן אַנטלאָ־פענער פון משוגעים־הויז, נאָר די אומאַרמונג פון אַ יונגפרוי קאָן מיך צוריק געזונט מאַכן. יאָ, זאָג איר דאָס.

— זי גלויבט נישט אין קיין נסים.

— וואָס? גלויבט נישט אין קיין נסים? גלויבט זי אויך נישט אין גאָט. איז בעסער אַזוי! איך האָב אַ שטאַר־קע שטעלונג בײַם ערצבישאָף פון מילאַן! זאָג איר דאָס! איך קאָן זי רואינירן. דאָס איז וואָר, אַמאַליאַ. וואָס זיינען דאָס פאַר אַ ביכער, וואָס זי לייענט? געווים האָט זי מאַנבע, וואָס זיינען פאַרבאָטן פון דער קירכע. לאָז מיך זיי זען, איך וועל צוזאַמען שטעלן אַ ליסט. איין וואָרט פון מיר . . .

— שווייג, קאַסאַנאָוואַ! אָט קומט זי. קום צו זיך. זאָלן דיינע אויגן דיך נישט אַרויסגעבן! קיינמאָל, קאַסאַנאָוואַ, קיינ־מאָל, הער וואָס איך זאָג, קיינמאָל האָב איך נאָך קיין ריינער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ווען ניט געקאָנט. וואָלט זי געאָנט, וואָס איך האָב דאָ געהערט פון דיר, וואָלט זי זיך געפילט באַשמוצט; און דו וואָלסט זי, אַזוי לאַנג ווי דו וואָלסט דאָ געווען אין די אויגן נישט אָנ־געזען. רייד מיט איר, יאָ, רייד מיט איר — דו ווייסט זי, דו ווייסט מיך בעטן פאַרצייאונג.

מאַרקאָלינאַ איז צוגעקומען מיט די קינדער, וואָס זיינען גלייך געלאָפן אין הויז אַריין. אויס העפלאַכקייט צום גאַסט איז זי פאַר אים שטיין געבליבן, בעת אמאַליאַ האָט זיך ווי אַבזיכטלאַך צוריקגעצויגן. און ווירקלאַך, איצט האָט עס באמת קאַסאַנאָוואַ׳ן אויסגעזען, אַז פון די דאָזיקע בלייכע, האַלב אָפענע ליפּן, פון דעם גלאַטן שטערן איינגעראַמט אין טונקל בלאָנדע, איצט אין אָרדנונג געבראַכטע האָר, האָט אים אַנטקעגן געאָטעמט אַן אַראָמאַט פון ווייטקייט און צניעות; זעלטן האָט ער פריער געהאַט אַזאַ געפיל אין באַצוג צו אַ פרוי. אויך האָט ער עס צו איר ניט געפילט פריער, ווען זיי זיינען געווען צווישן פיר ווענט. אַ געפיל פון זעלבסטלאָזיקייט, פון איבערגעגעבנקייט אַן דעם מינדסטן פאַרלאַנג, האָט דורכגענומען זיין זעל. און מיט צו־ריקגעהאַלטנקייט, אין אַ רעספּעקטפולן טאָן, ווי עס איז געווען דער מנהג אין די העכערע שטאַנדן פון יענער צייט, אויף אַן אופן וואָס האָט איר אודאי געמוזט שמייכלען, האָט ער זי געפרעגט, אויב עס איז איר אַבזיכט אויך די אָוונט־שטונדן אָפּצוגבן אויף איר שטודיע. זי האָט געענטפערט, אַז איבערהויפּט אויפן לאַנד, אַרבעט זי ניט רעגלמעסיק. דאָך קאָן זי ניט אויסמיידן נאָכצוטראַכטן וועגן געוויסע מאַטעמאַטישע פּראָבלעמען, מיט וועלכע זי איז לעצטנס באַשעפטיקט, אפילו אין די רו־שטונדן, ווי עס האָט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

טאַקע נאַרוואַס געטראָפן, ווען זי איז געלעגן אויף דער לאַנקע, קוקנדיק אין הימל אַריין. אָבער ווען קאַסאַנאָוואַ, דערמוטיקט דורך איר פריינטלאַכקייט, האָט איר שפּאַסיק גע־פרעגט, וואָס דאָס איז אַזוינס פאַר אַ הויך און צודרינגלאַך פּראָבלעם, האָט זי אים שפּאָטיש געענטפערט, אַז עס האָט ניט דעם מינדסטן שייכות מיט יענער באַרימטער קבלה, אין וועל־כער דער שעוואַליע פון סיינגאַלט האָט, ווי מען שמועסט, אַרויס־געוויזן וואונדער. דערפאַר וועט ער קוים וויסן ווי אָנצופאַנגען מיט דעם פּראָבלעם.

קאַסאַנאָוואַ׳ן האָט עס געערגערט, וואָס זי האָט מיט אַזאַ ניט פאַרבאָרגענער פאַראַכטונג גערעדט פון דער קבלה. און כאָטש ער אַליין האָט, אין די זעלטענע שעה׳ן פון זעלישן נאָכפאָרשן, גוט געוואוסט, אַז יענע אייגנטימלאַכע מיסטיק פון ציפערן, וואָס מען רופט קבלה, האָט ניט קיין זין און נישט קיין אַבזיכט, אַז אין אַ געוויסער מאָס האָט עס נישט קיין צוזאַמענהאַנג מיט ממשותדיקער ווירקלאַכקייט, אַז עס איז ניט מער ווי אַ ווערקצייג פאַר שווינדלער און אָפּשפּעטער, — אַ ראָל וואָס ער האָט צייטנווייז אויף זיך גענומען, אָבער שטענדיק מיט געניטקייט געשפּילט — צו פירן לייכטגלויביקע און נאַראָנים ביי דער נאָז. פונדעסטוועגן האָט ער איצט, קעגן זיין אייגענער קלאָרער איבערצייגונג, זיך אונטערגענומען צו פאַרטיידיקן די קבלה פאַר מאַרקאָלינאַ׳ן, אַלס אַ פּערפעקטע און סעריעזע וויסנשאַפט. ער האָט גערעדט פון דער געט־לאַכער נאַטור פון דער זיבנצאָל, אויף וואָס עס ווערט געגעבן אַזוי פיל אַנדייטונגען אין דער הייליקער שריפט; פון דער מי־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

פער פּראַפּעטישער באַדייטונג פון די פּיראַמידן־צאָלן, אויף וועלכע ער אַליין האָט אויפגעבויט אַ ניי סיסטעם, און פון זיינע אַפּט מקוים־געוואָרענע פּאַראויסזאָגונגען, זיך שטיצנדיק אויף דעם סיסטעם. האָט ער דען ניט, ערשט מיט אַ פּאָר יאָר צוריק, אין אַמסטערדאַם, באַוואויזן דעם באַנקיר האָפּע, דורך דעם אויפבוי פון אַזאַ צאָל־פּיראַמידע, איבערצונעמען די פאַרזי־כערונג פון אַ פאַרלוירענער האַנדלס־שיף, פון וואָס דער באַנקיר האָט פאַרדינט צוויי הונדערט טויזנט גאָלדגולדן? ער איז איצט געווען אַזוי געשיקט אין פאַרברענגען זיין פאַרקריפּלטע, גייסטרייכע טעאָריע, אַז אויך דאָס מאָל, ווי עס האָט אָפט מיט אים געטראָפן, האָט ער אָנגעהויבן גלויבן אין יעדער אומזין, וואָס ער האָט פאָרגעבראַכט. ענדלאַך האָט ער זאָגאַר געוואָגט צו באַ־הויפּטן, אַז ניט נאָר שטעלט די קבלה מיט זיך פאָר אַ צווייג פון מאַטעמאַטיק, נאָר פיל מער, די מעטאַפיזישע פאַרפולקאָ־מונג פון מאַטעמאַטיק.

מאַרקאָלינאַ, וואָס האָט אים אויסגעהערט אויפמערקזאַם און מיט אויגנשיינלאַכער ערנסטקייט, האָט אים פּלוצלינג אָנ־געקוקט מיט אַ האַלב באַדויערנדן, האַלב בייזן בליק און גע־זאָגט:

— איר זענט הייסט עס אויסן, מיין געערטער הער קאַסאַ־נאָוואַ, (עס האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אַבזיכטלאַך אויסגע־מיטן אים צו באַטיטלען "שעוואַליע„) מיר צו געבן אַ פולקאָמע פּראָבע פון אייער וועלט־באַרימטן טאַלענט אַלס אונטערהאַלטער. איך בין אייך דערפאַר דאַנקבאַר זייער אויפריכטיק. אָבער איר ווייסט דאָך אוודאי אַזוי גוט ווי איך, אַז ניט נאָר האָט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

קבלה מיט מאַטעמאַטיק גאָרנישט צו טאָן, נאָר איז, אין איר באַדייטונג, אין איר אייגנטלאַכן וועזן, גראָד דער היפוך. די קבלה געהערט זיך אויף אַזוי פיל אָן מיט מאַטעמאַטיק, ווי די צעדרייטע אָדער פאַלסיפיצירטע פלווידערייען פון די סאָפיסטן, וועגן די קלאָרע און הויכע לערן פון פלאַטאָ און אַריסטאָטעל.

— פונדעסטוועגן, שיינע און געלערנטע מאַרקאָלינאַ — האָט קאַסאַנאָוואַ שנעל געענטפערט, — וועט איר מוזן צוגעבן, אַז אפילו די סאָפיסטן זיינען פאַר קיינפאַל ניט געווען אַזעלכע פאַרעכטלאַכע און נארישע לערניונגען, ווי מען דאַרף עס אָנ־נעמען נאָך אייער צו שטרענגן אורטייל. אַזוי וואָלט מען — צו ברענגען נאָר איין ביישפּיל פון דער קעגנוואַרט — דעם הער וואָלטער, פאַר זיין אַרט דענקען און שרייבן, געדאַרפט באַ־צייכנען אַלס מוסטער פון אַ סאָפיסט, אָבער טראָץ דעם וועט עס קיינעם ניט איינפאַלן, ניט צו באַלוינען אים מיט דער גע־העריקער אָנערקענונג פאַר זיין אויסערגעוויינלאַכן טאַלענט. אפילו ניט מיר, וואָס איך באַטראַכט זיך פאַר זיינס אַן אַנטשי־דענעם קעגנער. יאָ, איך וויל עס ניט לייקענען, טאַקע דערמיט בין איך איצט באַשעפטיקט, פאַרפאַסנדיק אַ פאָלעמישע שריפט קעגן אים; אפילו מיר פאַלט עס ניט איין, ניט צו געבן די געהעריקע אָנערקענונג זיין אויסערגעוויינלאַכער באַגאַבונג. און איך וועל דאָ אויך באַמערקן, אַז איך האָב מיך נישט גע־לאָזט באַאיינפלוסן, דורך דער איבערטריבענער צוגעלאָזנקייט, וואָס דער הער וואָלטער האָט מיר אַרויסגעוויזן, באַ דער געלעגנהייט פון מיין באַזוך באַ אים אין פערניי, מיט צען יאָר צוריק.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

מארקאָלינא האָט געלאַכט: „דאָס איז ווירקלאַך זייער שיין פון אייך, שעוואַליע, אַז איר זאָלט קענען זיין אַזוי מילד אין אייער אָפּשאַצונג פון דעם גרעסטן גייסט פון דעם יאָר־הונדערט.״

— אַ גרויסער גייסט — דער גרעסטער גייסט ! — האָט קאַסאַנאָוואַ אויסגערופן — אים אַזוי אָנצורופן שיינט מיר אומדערלויבלאַך, ווייל ער, מיט זיין גאַנצן זשעניע, איז אַ גאָט־לאָזער מענטש, יאָ, אַפילו אַ גאָטפאַרלייקענער. און קיין אַטע־איסט קען קיינמאָל קיין גרויסער גייסט ניט זיין.

— נאָך מייז אנזיכט, הער שעוואַליע, איז אין דעם ניטאָ קיין שום ווידערשפרוך. אָבער איר וועט פריער מוזן באַווייזן, אַז מען דאַרף וואָלטער׳ן אָננעמען פאַר אַן אַטעאיסט.

איצט איז קאַסאַנאָוואַ געווען אין זיין עלעמענט. אין ערשטן קאַפּיטל פון זיין שטרייטשריפט, האָט ער געהאַט צוזאַמענגע־טראָגן אַ גאַנצע מענגע מיט ציטאַטן פון וואָלטער׳ס ווערק, הויפּט־זאַכלאַך פון דעם באַרימט־געוואָרענעם Pucelle, וואָס האָבן אים באַזונדערס אויסגעזען, ווי גוטע באַווייזן פון אַפּיקורסות. אַ דאַנק זיין זעלטענעם זכרון, האָט ער געקענט ווערטערלאַך ווידערהוילן די שטעלן צוזאַמען מיט זיינע קעגנאַרגומענטן. אָבער אין מארקאָלינא׳ן האָט ער געפונען אַ קעגנער, וואָס איז אים אין גאָרניט הינטערשטעליק געווען, אין קענטענישן ווי אין גייסטיקן שאַרפזין, און וועלכע האָט אים נאָך מער איבער־טראָפן, אויב ניט אין פליסיקייט פון שפּראַך, אָבער זיכער אין קינסטלערישן פאַרברענגען און קלאָרקייט פון אויסדרוק. די שטעלן, וואָס קאַסאַנאָוואַ האָט אויסגעוויילט צו באַווייזן סאַרקאַזם, סקעפּטיציזם און גאָטלאָזיקייט, זיינען פון מאַר־

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

קאַלינאַ'ן געשיקט און שלאָגנד אינטערפּרעטירט געוואָרן, אַלס באַווייזן פון דעם פראַנצויז'ס וויסנשאַפטלאַכן און שריפט־שטעלערישן זשעניע, און פון זיין אומדערמידלאַך הייסן שטרעבן צום אמת. און זי האָט מוטיק זיך אויסגעשפּראָכן, אַז צווייפל, שפּאָט, יאָ, דאָס אומגלויבן אַליין, אויב עס איז פאַרבונדן מיט אַזאַ רייכקייט פון וויסן, מיט אַזאַ אַבסאָלוטע ערלאַכקייט און מיט אַזאַ הויכן מוט, מוז עס אוודאי ליבער זיין פאַר גאָט, ווי די עניוות פון די פרומע לייט, אונטער וואָס עס איז מערסטנס פאַרבאָרגן די שוואַכע פעאיקייט לאָגיש צו דענקען און — אויף וואָס עס פעלן ניט קיין ביישפּילן — אָפטמאָל פחדנות און היפּאָקריסטסטווע.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך צוגעהערט מיט וואַקסנדיקער שטוינונג. ער האָט זיך געפילט אומפעאיק מאַרקאָלינאַ'ן צו באַקערן צו זיין אופן פון דענקען, און נאָך מער, ווען ער האָט אַליץ קלאָרער איינגעזען, אַז אירע קעגנאַטאַקעס סטראַשן צו פאַרניכטן די זיך־וואַקלענדיקע גייסטיקע געביידע, וואָס ער האָט זיך פאַר די לעצטע יאָרן איינגערעדט אַלס גלויבן. ער האָט זיך געראַטעוועט דורך דער אַלגעמיינער באַהויפּטונג, אַז אַזעלכע אַנזיכטן ווי מאַרקאַלינאַ'ס דראָען, ניט נאָר דעם גייסט פון קירכלאַכע אָרדנונג אין דער געזעלשאַפט, נאָר די סאַמע פונדאַמענטן פון סאָציאַלן לעבן. פון דאַנען איז ער געשיקט איבערגעגאַנגען אויפן געביט פון פּאָליטיק, וואו ער האָט געגלויבט אַז זיין דערפאַרונג און באַקאַנטשאַפט מיט דער וועלט, וועט אים אַוועקשטעלן אין אַ מער באַקוועמער לאַגע אין זיין קעגנערשאַפט צו מאַרקאָלינאַ'ן. אָבער כאָטש זי האָט ניט געהאַט קיין באַקאַנטשאַפט מיט די

קאסאנאוואס אהיימקער

בארימטע פערזענלאכקייטן פון יענער צייט; כאטש זי האט ניט געהאט קיין אינפארמאציע וועגן די הויפיש־דיפלאמאטישע אינטריגעס, און דערפאר האט זי זיך געמוזט אפזאגן צו ווידערשפרעכן קאסאנאוואס, אפילו דארט וואו זי האט געפילט, אז עס איז ניטא קיין אורזאך צו געטרויען די ריכטיקייט פון זיינע באהויפטונגען — פונדעסטוועגן איז אים קלאר געווארן פון אירע באמערקונגען, אז זי האט ניט קיין באזונדערע אכטונג פאר די פירשטן פון דער ערד, אדער פאר די שטאאט־אינסטיטוציעס אלס אזעלכע, און זי האט ניט באהאלטן איר איבערצייגונג, אז די וועלט, אין קליינע ווי אין גרויסע זאכן, ווערט ניט נאר רעגירט פון אייגננוץ און הערשזיכטיקייט, נאר ווערט געבראכט אין א לאגע פון האפנונגסלאזער פארווירונג. קאסאנאווא האט זעלטן באגעגנט אזא פרייקייט אין דענקען בא פרויען, און קיינמאל האט ער דאס נאך ניט געטראפן בא א יונג מיידל, וואס האט נאך אודאי קיין צוואנציק יאר ניט געציילט; ניט אן ווייטיק האט ער זיך דערמאנט, אז אין די פריערע און שענערע טעג, איז ער, אין זיין אייגן דענקען, באוואוסטזיניק און מיט זעלבסטצופרידענער מוטיקייט געגאנגען אין דערזעלבער ריכטונג, וואס ער האט איצט באקעמפט בא מארקאלינאן, כאטש אין איר פאל האט זיך ניט געפילט דער באוואוסטזיין פון באזונדערער מוטיקייט. איינגאנצן הינגעריסן פון איר אייגנארטיקן דענקען און אויסדרוק־שטייגער, האט ער כמעט פארגעסן אז ער וואנדלט דאס בא דער זייט פון א יונגער, שיינער און העכסט באגערנסווערטער פרוי, און נאך וואונדערלאכער איז געווען דאס, וואס

קאַסאַנאָוואַ׳ס אהיימקער

ער איז צופעליק געווען מיט איר אַליין אין דער שאַטנדיקער אַלעע און גאַנץ ווייט פון הויז.

פלוצלינג אָבער, זיך איבערשלאָגנדיק אין מיטן פון אַן אָנגעפאַנגענעם זאַץ, האָט מאַרקאַלינאַ לעבהאַפט, ווי דערפרייט, אויסגערופן: — אָט קומט מיין פעטער!

קאַסאַנאָוואַ, ווי ער וואָלט פאַרזוימט עפּעס צו פאַרענדיקן, האָט שטיל געפליסטערט צו איר: — ווי גערן וואָלט איך מיט אייך געשמועסט נאָך פּאָר שטונדן, מאַרקאַלינאַ. — ער האָט דערפילט ווי זיינע אויגן האָבן ווידער אויפגעלויכטן מיט באַגער, בעת ער האָט דאָס געזאָגט.

אין דעם האָט מאַרקאַלינאַ, וואָס איז פון איר שפּאַטישקייט אין דעם פריערדיקן לעבהאַפטן געשפּרעך, געוואָרן צוטרוילאַכער, ווידער אָנגענומען אַ קאַלטע האַלטונג און איר בליק האָט אויסגעדריקט דיזעלבע וואָרנונג, דעם זעלבן ווידערווילן, וואָס האָט היינט שוין איינמאָל קאַסאַנאָוואַ׳ן אַזוי טיף פאַרוואונדעט.

— בין איך אין דער אמתן אַזוי אָפּשטויסנד? — האָט ער זיך אַליין, מיט אַנגסט געפרעגט — ניין, ניט דאָס איז עס. מאַרקאַלינאַ — איז ניט קיין פרוי. אַ געלערנטע, אַ פילאָזאָפין, פונמיינעטוועגן אַפילו אַ וועלטוואונדער, אָבער ניט קיין פרוי.

אין דערזעלבער צייט האָט ער געוואוסט, אַז דאָס וויל ער זיך נאָר איינריידן, זיך טרייסטן, אַז ער פּרוּווט דאָס זיך ראַטעווען און אַז די אַלע פאַרזוכן זיינען אַרויסגעוואָרפן.

— נו, — האָט אַליוואַ, וואָס איז איצט שוין געשטאַנען לעבן זיי, זיך געווענדט צו מאַרקאַלינאַ׳ן — האָב איך ניט

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

גוט געטאָן וואָס איך האָב דיר ענדלאך אהער געבראכט עמיצן, מיט וועמען דו קאָנסט פירן אזעלכע געלערנטע שמועסן, ווי דו ביסט געוואוינט געווען מיט די פּראָפעסאָרן אין באָלאָגנאַ?

— אוודאי, טייערער פעטער, — האָט מאַרקאָלינאַ געענטפערט.

— און קיינמאָל האָט קיין איינער פון זיי זיך ניט דערוועגט אַרויסצופאָדערן אויף אַ קאַמף וואָלטערן אַליין.

— וואָס, וואָלטער? דער שעוואַליע האָט אים אַרויסגע־פאָדערט? — האָט אָליוואָ אויסגערופן, ניט פאַרשטייענדיק דעם שפּאַס.

— אייער וויציקע פּלימעניצע, אָליוואָ, רעדט דאָס פון דער פּאָלעמישער שריפט מיט וואָס איך באַשעפטיק זיך די לעצטע צייט. אַ צייט־פאַרטרייב, פאַר פרייע שטונדן. אַמאָל האָב איך געהאַט וויכטיקערס צו טאָן . . .

מאַרקאָלינאַ ניט אַכטנדיק די באַמערקונג האָט געזאָגט: — איר וועט האָבן אַן אַנגענעמענעם שפּאַציר, די לופט איז איצט קיל. צום ווידערזען. — זי האָט זיך לייכט פאַרנייגט און אַוועק־געאיילט איבער דער לאָנקע צום הויז צו.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך צוריקגעהאַלטן איר נאָכצופאָלגן מיט אַ בליק און געפרעגט:

— וועט פרוי אַמאַליאַ מיטקומען מיט אונדז?

— ניין, מיין געערטער שעוואַליע, — האָט געענטפערט אָליוואָ — זי האָט אַלערליי זאַכן צו פאַרזאָרגן און איינצו־אָרדנען אין הויז — און איצט איז גראָד די שטונדע, ווען זי גיט די מיידלאך זייער לעקציע.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— וואָס פאַר אַ טיכטיקע און ליבווערטע הויזפרוי און מוטער! מען מעג אייך מקנא זיין, אַליוואַ!

— יאָ, איך זאָג עס מיר אַליין יעדן טאָג — האָט אַליוואַ געזאָגט און די אויגן זיינען אים פייכט געוואָרן.

זיי זיינען געגאַנגען פאַרביי דער שמאָלער זייט פון הויז. מאַרקאָלינאַ׳ס פענצטער איז נאָך געשטאַנען אָפן; פון דער אינערווייניקסטער טונקלקייט, האָט אַרויסגעשימערט דאָס העלע טיולענע קלייד. דורך דער ברייטער קאַשטאַן אַלעע זיינען זיי אָנגעקומען אויף דעם וועג, וואָס איז שוין איצט אינגאַנצן געלעגן אין שאָטן. לאַנגזאַם זיינען זיי געגאַנגען אַרויפצו, צו דער גאָרטנמויער, וואו באַם אָפּקער פון ווינקל האָבן די וויינ־געלענדערס זיך אויפגעהויבן. אַרויף, צווישן די הויכע שטעקנס, פון וועלכע טונקל־בלויע טרויבנבינטלאַך זיינען אַראָפּגעהאַנגען, האָט אַליוואַ געפירט זיין גאַסט; און, מיט דער צופרידנקייט פון אייגנטימער, האָט ער מיט אַ האַנדבאַוועגונג אָנגעוויזן אַרונ־טער אויף זיין הויז, וואָס איז איצט געלעגן גאַנץ נידריק אונטער זיי. קאַסאַנאָוואַ׳ן האָט זיך אויסגעדאַכט אַז אין דעם פענצטער פון דער טורימגעביידע, זעט ער אַ פרויענגעשטאַלט שפּאַנענדיק אַרויף און אַראָפּ.

די זון האָט זיך געזעצט נידריקער; אָבער עס איז נאָך געווען גענוג הייס, איבער אַליוואַ׳ס באַקן האָבן זיך געקייקלט שווייס־טראָפּנס, נאָר קאַסאַנאָוואַ איז געבליבן אינגאַנצן טרוקן. פּאַמעלאַך, שפּאַנענדיק אַראָפּצואוועג, דורך די ווייטערדיקע שטעקנס זיינען זיי געקומען צו דער רייכער איילבערט געגנט. פון איין בוים צום אַנדערן האָבן זיך געשטרעקט די דורכזיכטיקע

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ווײַנצווײַגן, און פון צווישן דער רייע אײלבערט־ביימער, האָט זיך געזען דער הויכער, זיך ווינגדיקער גאָלדענער קאָרן.

— טויזנט געשטאַלטיק — האָט קאַסאַנאָוואַ, ווי מיט אָנער־קענונג געזאָגט, — איז די שפע פון דער זון.

אָליוואַ האָט ווידער דערציילט און מיט מער אויספיר־לאַכקייטן ווי פריער, ווי אַזוי ער האָט זיך דערוואָרבן דעם דאָזיקן שיינעם גוט, און ווי אַ פּאָר גליקלאַכע יאָרן פון שניט און אַ פּאָר יאָר פון אײַנזאַמלונג, האָבן אים געמאַכט פאַר אַ וואוילהאָבנדיקן, יאָ, טאַקע פאַר אַ רייכן מאַן.

קאַסאַנאָוואַ אָבער האָט נאָכגעפאָלגט זײַנע אייגענע געדאַנ־קען און האָט נאָר זעלטן אויפגעכאַפּט אָליוואַ׳ס אַ וואָרט, אוים העפלאַכקייט האָט ער פון צייט צו צייט אַרײַנגעוואָרפן אַ צווישן־פראַגע כדי צו באַווייזן זײַן אויפמערקזאַמקייט. ערשט ווען אָליוואַ, האָבנדיק אַרומגערעדט אַלע מעגלאַך פאַרשידענע זאַכן, איז אַרויפגעקומען אויף זײַן פאַמיליע, און ענדלאַך וועגן מאַרקאָלי־נאַ׳ן, האָט קאַסאַנאָוואַ׳ס אינטערעס אָנגעהויבן צו וואַקסן. אָבער ער האָט ניט אויסגעפונען פיל מער ווי דאָס, וואָס ער האָט שוין געוואוסט פון פריער. נאָך אַלס קינד, האָט זי פאַר־לוירן איר מוטער. איר פאָטער, אָליוואַ׳ס שטיפברודער, איז געווען אַ דאָקטאָר מעדיצין אין באָלאָנאַ. מאַרקאָלינאַ, נאָך גאָר אַ קינד, האָט מיט אירע פעאיקייטן און אינטעליגענץ אַלע־מען געמאַכט צו שטוינען. אָבער מען האָט זיך דערמיט אָנ־געזעטיקט און זיך צוגעוואוינט צו איר. אַ פּאָר יאָר שפּעטער, איז איר פאָטער געשטאָרבן; און זינט דאַן האָט זי זיך אויפ־געהאַלטן בא דער פאַמיליע פון אַ באַרימטן פּראָפעסאָר פון

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אוניווערזיטעט פון באָלאָנאַ, טאַקע יענער מאַרגאָני, וואָס האָט אויף זיך גענומען אויסצובילדן זיין שילערן פאַר אַ גרויסע געלערנטע. אין די זומער־מאָנאַטן האָט זי שטענדיק פאַר־ברענגט אַלס גאַסט בײַ איר פעטער. זי האָט געהאַט עטלאַכע הייראַט־פאָרשלאָגן; איינעם פון אַ באָלאָנעזער סוחר, איינעם פון אַ גוטבאַזיצער אויס דער נאַכבאַרשאַפט, און צו אַלעם לעצט, פון לייטענאַנט לאָרענצי. זי האָט זיי אַלעמען אַנטזאָגט, און עס זעט ווירקלאַך אויס, אַז עס איז איר אַבזיכט צו ווידמען איר גאַנץ לעבן אין דינסט פון דער וויסנשאַפט. בעת אַליוואַ האָט דאָס דערציילט, האָט קאַסאַנאָוואַ געפילט דאָס אומאויפ־הערלאַכע וואַקסן פון זיינע באַגערן, און דער באַוואוסטזיין אַז די אַלע באַגערן זיינען האָפנונגלאָז און נאַריש, האָט אים געבראַכט נאָנט צו פאַרצווייפלונג.

III

ווי קאַסאַנאָווא און אַליוואָ זיינען אַרויסגעקומען פון די לענדערייען אויפן שאַסע, האָט זיך זיי אַנטקעגן געטראָגן אַ שטויבוואָלקן; ווען דאָס איז געקומען נענטער, האָבן זיי דער־הערט אויסרופן און גריסן פון אַ וואָגן אַרויס: אין דעם וואָגן זיינען געזעסן אַ צירלאַך געקליידטער עלטערער הער, און בײַ זיין זייט אַן עטוואָס יונגערע, אויפפאַלנד און געשמינקטע דאַמע.

— דער מאַרקיז, — האָט אַליוואָ געפּליסטערט צו זיין באַגלייטער, — ער פאָרט דאָס צו מיר.

דער וואָגן איז שטיין געבליבן.

— גוטן־אָוונט, מיין גוטער אַליוואָ — האָט דער מאַר־קיז אויסגערופן — וועט איר אַזוי גוט זיין און מיך באַקענען מיטן שעוואַליע פון סיינגאַלט? ווארים איך צווייפל ניט, אַז דאָס איז דער שעוואַליע, וועמען איך האָב דאָ איצט דאָס פאַרגעניגן צו זען.

קאַסאַנאָווא האָט זיך לייכט פאַרנייגט: — דאָס בין איך — האָט ער געזאָגט.

— און איך, דער מאַרקיז צעלסי — דערלויבט, די מאַר־קיזע, מיין פרוי. די דאַמע האָט קאַסאַנאָוואַ'ן דערלאַנגט אירע פינגערשפּיצן; ער האָט זיי באַרירט מיט די ליפּן.

— נו, מיין בעסטער אַליוואָ, — האָט געזאָגט דער מאַר־קיז; ער איז געווען העכער פון קאַסאַנאָוואַ'ן און אומגעווענלאַך

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

מאַגער. זיין שמאָל און וואַקסגעל געזיכט פון וואַנען עס האָבן אַרויסגעקוקט גרינלאַכע, שטעכיקע אויגן פון אונטער אַ פּאָר רויטלאַכע, געדיכטע צוזאַמענגעוואַקסענע ברעמען, האָט אים גע־געבן אַ נישט גאָר פריינטלאַכן אויסזען — מיין בעסטער אַליוואַ, מיר האָבן זיך פאַרנומען אויפן זעלבן וועג, געמלאַך צו אייך. און ווייל עס איז קוים אַ פערטל שעה גאַנג צו אייער הויז, וויל איך אויסשטייגן און מיט אייך גיין צופוס. דו האָסט דאָך ניט דאַגעגן די קליינע שטרעקע אַליין צו פאָרן, — האָט ער זיך געווענדט צו דער מאַרקיזע. וואָס האָט די גאַנצע צייט גע־קוקט אויף קאַסאַנאָוואַ׳ן מיט ליידנשאַפטלאַכע און פאַרשנדיקע אויגן. ניט אָפּוואַרטנדיק דעם ענטפער פון זיין פרוי, האָט ער אַ וואונק געטאָן צום קוטשער, דער לעצטער האָט גלייך אַ שרעקלאַכן שמיץ געטאָן די פערד, ווי ער וואָלט געהאַט עפּעס אַן אורזאַך אָוועקצוטראָגן פון דאַנען זיין באַלעבאָסטע מיט דער מעגלאַכסטער געשווינדקייט ; און גלייך איז דער וואָגן פאַר־שוואונדן אונטער אַ שטויבוואָלקן.

— מען ווייסט געמלאַך שוין אין אונדזער גאַנצער געגענט — האָט געזאָגט דער מאַרקיז — אַז דער שעוואַליע פון סיינגאַלט איז אַהער אָנגעקומען, און האָט זיך דאָ אָפּגעשטעלט בּאַ זיין פריינט אַליוואַ. עס מוז זיין אַ הערלאַך געפיל צו טראָגן אַזאַ באַרימטן נאָמען.

— איר זענט זייער גיטיק, הער מאַרקיז — האָט געענטפערט קאַסאַנאָוואַ — איך האָב נאָך אַלץ די האָפנונג ניט אויפגעגעבן אַזאַ נאָמען זיך צו דערוועַרבן, דערווייל אָבער בין איך נאָך גאַנץ ווייט דערפון. — אָן אַרבעט מיט וואָס איך בין דאָס טאָקע

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איצט באַשעפטיקט, וועט מיך, האָפנטלאַך, אַביסל נענטער ברענ־גען צו מיין ציל.

— דאָ קאָנען מיר אָפּקירצן דעם וועג, — האָט געזאָגט אַליוואַ, — און האָט זיך אַרויפגעקערט אויף אַ פעלד־שטעג, וואָס האָט געפירט גלייך צו דער גאָרטן מויער.

— אַרבעט? — האָט דער מאַרקיז ווידערהאָלט מיט אַן אומבאַשטימטן אויסדרוק, — מעג איך אייך פרעגן פון וואָס פאַר אַן אַרט אַרבעט איר רעדט, שעוואַליע?

— אויב איר פרעגט זיך ערשט נאָך, הער מאַרקיז, אַזוי פיל איך מיך, פון מיין זייט גענייגט אייך צו פרעגן, פון וואָס פאַר אַן אַרט רום איר האָט פריער גערעדט, — דערביי האָט ער שטאָלץ געקוקט דעם מאַרקיז אין די שטעכיקע אויגן אַריין. וואָרים ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ניט זיין פאַנטאַסטישער ראָמאַן Icosameron און אויך ניט זיין דריי בענדיקע אָפּווענ־דונג פון אַמעלאָט׳ס „געשיכטע פון דער ווענעציאַנישער רעגירונג“ האָבן אים אויף וויפיל ניט איז באַרימט געמאַכט. און דאָך איז עס אים געגאַנגען דאַרין, צו מאַכן דעם איינדרוק, אַז פאַר אים איז קיין אַנדערע רעפּוטאַציע ניט גילטיק. דערפאַר האָט ער אַבזיכטלאַך מיספאַרשטאַנען דעם מאַרקיז׳ס אַלע פאַר־זיכטיקע אַנדייטונגען, באַמערקונגען און רמזים, וואָס האָבן אוועקגעשטעלט קאַסאַנאָוואַ׳ן, אַלס אַ באַרימטן פרויען־פאַרפי־רער, קאָרטנשפּילער, געשעפטמאַכער, פּאָליטישער געהיים אַגענט, אַלץ און אַלץ מיט אַנאַנדער, נאָר פאַר קיין פאַל איז אים ניט מעגלאַך געווען זיך אים פאַרצושטעלן אַלס שריפטשטעלער; וואָ־רים צעלסי האָט קיינמאָל ניט געהערט ניט פון זיין קריטיק

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איבער אַמעלאַט׳ס ווערק, און ניט פון Icosameron, ענדלאַך האָט ער באַמערקט מיט אַ העפלאַכער פארלעגנהייט: — נאָכאַלעמען איז דאָ נאָר איין קאַסאַנאָוואַ.

— אויך דאָס איז אַ טעות, — העט מאַרקיז, — האָט אים קאַסאַנאָוואַ קאַלט אָפּגעשפאַרט — איך האָב קרובים, און אַזאַ פיינשמעקער ווי איך, מוז אודאי ניט פרעמד זיין דער נאָמען פון איינעם פון מיינע ברידער, דער מאַלער פראַנצעסקאָ קאַ־סאַנאָוואַ.

עס האָט אויסגעזען, אַז אויך אויף דעם געביט באַלאַנגט ניט דער מאַרקיז צו די פיינשמעקער, און דערפאַר האָט ער איבערגעטראָגן דעם געשפרעך אויף באַקאַנטע, וואָס האָבן געוואוינט אין נעאַפּאָל, רוים, מילאַן און מאַנטוא, וועגן וועמען ער האָט געקענט גלויבן אַז קאַסאַנאָוואַ האָט זיך מיט זיי בײַ אַ געלעגנהייט צוזאַמענגעטראָפן. אין צוזאַמענהאַנג מיט זיי, האָט ער אויך דערמאָנט דעם נאָמען פון באַראָן פעראָטי, אָבער אין אַ ביסל אַ פאַראַכטלאַכן טאָן.

קאַסאַנאָוואַ האָט געמוזט צוגעבן, אַז אָפטמאָל פלעגט ער אַנטייל נעמען אין אַ קאָרטנשפּיל אין דעם באַראָנס הויז:

— פון צעשטרייאונג וועגן, — האָט ער דערקלערט, — אַ האַלבע שעה פאַר שלאָפן גיין. ווייטער, האָב איך דעם דאָ־זיקן אַרט צייטפאַרטרייב אויפגעגעבן.

— דאָס טוט מיר לייד, — האָט געזאָגט דער מאַרקיז — וואָרים, איך וויל עס פאַר אייך נישט באַהאַלטן, העט קאַסאַ־נאָוואַ, אַז דאָס איז געווען דער טרוים פון מיין לעבן, מיט אייך זיך צו פאַרמעסטן — ניט בלויז ביים קאָרטנטיש, נאָר — אין די יונגע־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

רע יאָרן — אויך אויף אַנדערע געביטן. וואָלט איר דאָס געגלויבט, אַז איך — ווי לאַנג איז שוין אין דעם ? — אַז איך בין איינמאָל אָנגעקומען אין ספּאַ דעמזעלבן טאָג, יאָ, טאַקע אין דערזעלבער שעה, ווען איר זענט פון דאָרט אוועק־געפאָרן. אונדזערע קאַרעטן זיינען אודאי איינע די אַנדערע פאַרבייגעפאָרן. און אין רעגנסבורג ווידער, האָט מיך געטראָפן אַז ענלאַד „שלימזל. דאָרט האָב איך אַפילו פאַרנומען דאָס צי־מער, וואָס איר האָט מיט איין שעה פריער פאַרלאָזן.

— דאָס איז אַן אמתער אומגליק — האָט קאַסאַנאָוואַ גע־זאָגט, נאָך אַלץ אַ ביסל געשמייכלט, — וואָס מענטשן באַגעגענען זיך אין לעבן אָפט צו שפּעט.

— עס איז נאָך ניט צו שפּעט — האָט דער מאַרקיז לעב־האַפט אויסגערופן — אין געוויסע הינזיכטן קען איך מיך גאַנץ גוטמוטיק באַטראַכטן פאַר דעם באַזיגטן נאָך איידער דאָס געפעכט הייבט זיך אָן — נאָר דאָס אינטערעסירט מיך ווייניק, — אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט קאָרטנשפּיל, מיין ליבער שעוואַליע, זיי־נען מיר גראָד ביידע פּיליייכט אין די ריכטיקע יאָרן —

קאַסאַנאָוואַ האָט אים אונטערבראָכן — אין די יאָרן — קאָן זיין. אָבער ליידער קאָן איך גראָד ניט האָפן אויף דעם פאַרשפּרעכנדיקן פאַרגעניגן, זיך צו פאַרמעסטן אויפן געביט פון שפּיל מיט אַ פּאַרטנער פון אייער ראַנג. ווייל איך — און דאָס האָט ער געזאָגט אין אַ טאָן פון אַן אָנטטרויינטן פירשט — ווייל איך, מיט מיין גאַנצן רום, מיין געערטער מאַרקיז, האָב זיך ביז אין דעם איצטיקן מאָמענט געבראַכט גאַנץ נאָנט צו דער לאַגע פון אַ בעטלער.

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

דער מאַרקיז האָט אומווילִיק אַראָפּגענידערט זיינע אויגן פאַר קאַסאַנאָוואַ'ס שטאָלצן בליק; ער האָט נאָר אומגלויבלאַך צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי צו אַ זאָנדערבאַרן שפּאַס. אַליוואַ אָבער, וואָס האָט נאָכגעפאָלגט דעם גאַנצן געשפּרעך מיט גרויס שפּאַנונג און האָט באַגלייט די פלינקע, איבערלייגט אָפּ־ווענדונגען פון זיין אויסעראָרדענטלאַכן פריינט מיט אַ גינסטיקן צושאָקלען מיטן קאָפּ, האָט געמאַכט אַזאַ דערשראָקענע באַ־וועגונג, וואָס איז אים קוים מעגלאַך געווען צו אונטערדריקן.

זיי זיינען איצט געשטאַנען פאַר אַ שמאָלער האָלצטיר פון דער גאָרטנמויער, און בעת אַליוואַ האָט געעפנט דעם סקריפּענדיקן שלאָס און געלאָזט דעם מאַרקיז פאָרויס אַריין גיין אין גאָרטן, האָט ער אָנגענומען קאַסאַנאָוואַ'ן ביים אָרים און צו אים גע־פּליסטערט:

— איר מוזט צוריקציען אייערע לעצטע ווערטער, שע־וואַליע, איידער איר שטעלט ווידער אַ פוס אין מיין הויז. דאָס געלט וואָס איך בין אייך שולדיק זינט די לעצטע זעכצן יאָר, ליגט גרייט. איך האָב נאָר נישט געוואַגט.... איר מעגט פרעגן אַמאַליאַ'ן... אָפּגעציילט און גרייט ליגט עס. ביי אייער אָפּשיד וואָלט איך זיך געווען געפּרואווט דערלויבן.

קאַסאַנאָוואַ האָט אים זאַנפט אונטערבראָכן — איר זענט מיר גאָרנים שולדיק אַליוואַ, די פּאָר גאָלדשטיקער זיינען געווען אַ חתונה־געשאַנק — איר ווייסט עס גאַנץ גוט — פון מיר, אַלס פריינט פון אַמאַליאַ'ס מוטער. אָבער צו וואָס איבערהויפּט ריידן דערפון. וואָס זיינען פאַר מיר די פּאָר דוקאַטן? איך שטיי אויף אַ שיידוועג פון מיין שיקזאַל — האָט ער אַבזיכטלאַך

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

הויך אויסגערופן, אַזוי אַז דער מאַרקיז, וואָס איז שטיין געבליבן אַ פּאָר שריט פון דערוויטנס, זאָל הערן זיינע לעצטע ווערטער.

אַליוואַ האָט אויסגעביטן אַ בליק מיט קאַסאַנאָוואַ'ן, זיך צו פאַרזיכערן מיט זיין צושטימונג, דאַן האָט ער באַמערקט צום מאַרקיז : — דער שעוואַליע ווערט נעמלאַך צוריקגערופן קיין ווענעדיג, און אין עטלאַכע טעג אַרום פאָרט ער אָפּ צו זיין פאָטערשטאָט.

— נאָכמער, — האָט באַמערקט קאַסאַנאָוואַ, בעת זיי האָבן זיך דערנענטערט צום הויז — מען רופט מיך שוין זינט אַ לענגער צייט, און אַלץ עפּטער און דרינגענדער. אָבער איך מיין, אַז די הערן סענאַטאָרן האָבן זיך גענוג צייט גענומען צו באַטראַכטן, מעגן זיי זיך לערנען אויך מיין געדולד צו אַכטן.

— אָן צווייפל, — האָט געזאָגט דער מאַרקיז, — צו אייער שטאָלץ זענט איר פולשטענדיק בארעכטיגט, שעוואַליע !

פון דער אַלעע זיינען זיי אַרויסגעקומען אויף דער לאַנקע, וואָס איז איצט שוין אינגאַנצן געלעגן אין שאָטן. לעבן הויז האָבן זיי געזען פאַרזאַמלט דעם קליינעם קרייז, וואָס האָט אויף זיי דאָ געוואַרט. אַלע האָבן זיך אויפגעהויבן זיי אַנטקעגן צו גיין. צום ערשטן דער אַבאַט מיט מאַרקאַלינאַ'ן און אַמאַליען ; זיי האָט נאָכגעפאָלגט די מאַרקיזע, בא איר זייט איז געגאַנגען אַ יונגער אָפיציער, אין רויטער זילבער־געשניטער אוניפאָרמע און גלאַנציקע רייט־שטיוולען. קאַנטיק, לויטן אויסזען — לאָרענצי. בעת ער האָט גערעדט צו דער מאַרקיזע, האָט ער געפירט זיין בליק איבער אירע ווייסע געפּודערטע אַקסלען, ווי זיי וואָלטן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

געוועזן אַ גוטבאַקאַנטער מוסטער פון פּאַר אים ניט ווייניקער באַקאַנטע שיינהייטן. דער אופן ווי די מאַרקיזע האָט צו אים אַרויפגעשמייכלט פון אונטער האַלב־געשלאָסענע וויעס, האָט ניט געקאָנט איבערלאָזן קיין צווייפל, וועגן דעם כאַראַקטער פון די באַציאונגען צווישן זיי; אפילו אַן אומדערפאַרענער אין אַזעלכע זאַכן וואָלט עס געקאָנט אײַנזען, אויך דאָס, אַז זיי גיבן זיך ניט די מינדסטע מי עס פון וועמען ניט איז צו באַהאַלטן. זיי האָבן שטיל, אָבער לעבהאַפט געשמועסט, און האָבן אויפגעהערט ריידן ערשט דאַן, ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָנט צו די איבעריקע.

אַליוואַ האָט קאַסאַנאָוואַ׳ן און לאָרענצי׳ן פאַרגעשטעלט איינעם פאַר דעם אַנדערן. ביידע האָבן זיך אָפּגעמאָסטן מיט קורצע, קאַלטע בליקן. עס האָט אויסגעזען, ווי זיי וואָלטן זיך געוואָלט פאַרזיכערן אין קעגנזייטיקער פיינטשאַפט. דאַן האָבן זיי ביידע מיט אַ געצוואונגענעם שמייכל זיך פאַרנייגט, ניט דערלאַנגענדיק זיך די הענט, צוליב וואָס ביידע וואָלטן זיך געדאַרפט דערנענטערן מיט אַ טראָט. לאָרענצי איז געווען שיין. פון שמאָלן אויסזען און לויט זיין יונגקייט, מיט צו אויפפאַלנד שאַרפע געזיכטצוגן. אין הינטערגרונט פון זיינע אויגן, האָט געלויערט עפּעס אומבאַשטימטס, וואָס דעם דערפאַרענעם, האָט עס געמוזט דערמאָנען צו זיין פאָרזיכטיק. נאָר איין סעקונדע האָט קאַסאַנאָוואַ געטראַכט אין וועמען לאָרענצי דערמאָנט אים. דאַן האָט ער עס געוואוסט: דאָס איז געווען זיין אייגן געשטאַלט, וואָס איז מיט דרייסיק יאָר פאַריונגט. דאָ געשטאַנטען אַנטקעגן אים. „בין איך אין זיין געשטאַלט מגולגל געוואָרן?“

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

האָט ער זיך געפרעגט. „וואָלט איך דאָך פריער געדאַרפן זיין געשטאָרבן״. עס האָט אים דורכגעשווידערט: „בין איך דען נישט פון לאַנג טויט? וואָס איז דען נאָך געבליבן פון מיר, פון דעם קאַסאַנאָוואַ, וואָס איז געווען יונג, שיין און גליקלאַך?״

ווי פֿון דער ווייטן האָט ער דערהערט אַמאַליאַ׳ס קול, כאָטש זי איז געשטאַנען נאָנט לעבן אים; זי האָט אים געפרעגט, ווי עס איז אים געפעלן דער שפּאַציר. הויך אויפן קול, אַזוי אַז אַלע זאָלן קענען הערן, האָט ער מיט דער העכסטער אַנער־קענונג גערעדט פון דעם פּרוכטבאַרן, זאָרגפעליק געהאַלטענעם גוט, וואָס ער האָט מיט אָליוואָ׳ן דורכגעוואַנדערט.

אין דערזעלבער צייט האָט דאָס דינסטמיידל געדעקט דעם לענגלאכן טיש אויף דער לאָנקע, אין דעם זיינען איר באַהיל־פיק געווען אָליוואָ׳ס צוויי עלטערע טעכטער. מיט גרוים האַר־מידער, האָבן זיי אַרויסגעבראַכט פון הויז געשיר, גלעזער און די אַנדערע נויטיקייטן.

עס האָט לאַנגזאַם געדעמערט. אַ לייכט קיל ווינטל, האָט זיך געטראָגן דורכן גאָרטן. מאַרקאָלינאַ האָט געאיילט צום טיש, צו פאַרענדיקן וואָס די קינדער, אינאיינעם מיט דער דינסט, האָבן אָנגעהויבן, און צו פאַרבעסערן וואָס יענע האָבן פאַר־פעלט. די איבעריקע האָבן געבראָדזשעט איבער דער לאָנקע און אין דער אַלעע. די מאַרקיזע האָט קאַסאַנאָוואַ׳ן אַרויסגע־וויזן אַ סך העפלאַכקייט, זי האָט זייער געוואָלט פון אים אַליין הערן די באַרימטע געשיכטע, פון זיין פּלטה פון די בליי־קאַ־מערן פון ווענעדיג, כאָטש עס איז פאַר איר אין קיינפאַל אויך ניט אומבאַקאַנט געווען — ווי זי האָט, מיט אַ פילבאַדייטיקן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

שמייכל צוגעגעבן — אַז ער האָט געהאַט ווייט געפערלאַכע־רע אַוואַנטורעס וואָס ער וועט אפשר זיך צוריקהאַלטן פון דערציילן. קאַסאַנאָוואַ האָט געענטפערט, אַז ער האָט אפילו מיטגעמאַכט פאַרשידענערליי ערנסטע און לעבעדיקע דערפאַרונ־גען, אָבער קיינמאָל איז אים ניט אויסגעקומען זיך צו טרעפן נאָענט מיט אַזאַ אמת ערנסטער דערפאַרונג וואָס זאָל אין איר וועזן און אייגנטלאַכן זיין באַטייטן געפערלאַך. אפילו מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען ער איז אַ פּאָר מאָנאַטן געווען אַ סאָל־דאַט אין אַן אומרואיקער צייט, אויפן אינזל קאָרפו — איז דען דאָ איין באַשעפטיגונג אויף דער ערד צו וואָס דאָס מזל האָט אים ניט געטריבן? — האָט ער קיינמאָל ניט געהאַט דאָס גליק מיטצומאַכן אַן אמת׳ן קאַמף, ווי דאָס שטייט איצט פאַר דעם הער לייטענאַנט לאָרענצי, און אין וואָס ער וואָלט אים געמעגט שטאַרק מקנא זיין.

— דאָן ווייסט איר מער פון מיר, הער קאַסאַנאָוואַ — האָט געזאָגט לאָרענצי, מיט אַ העלער און פרעכער שטים — און אפילו מער פון מיין הויפּט, וואָרים איך האָב נאָרוואָס דער־האַלטן פון אים אַן אומבאַשטימטע צייט פאַרלענגערונג אויף מיין אורלויב.

— ווירקלאַך!? — האָט דער מאַרקיז, מיט אַן אומבאַ־הערשטן צאָרן אויסגערופן און טראַציק צוגעגעבן — און שטעלט אייך נאָר פאָר, לאָרענצי, מיר — נאָך מער, מיין פרוי איז אַזוי זיכער געווען אין אייער אָפּפאָר, אַז זי האָט פאַר דעם אָנפאַנג נעקסטע וואָך איינגעלאָדן אונדזערס אַ פריינט דעם זינגער באַלדי אין אונדזער שלאָס אַריין.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— אזוינס טרעפט זיך — האָט לאָרענצי זאָרגלאָז געענטפערט — באַלדי און איך זיינען גוטע פריינט. מיר וועלן זיך גוט צוזאַמענלעבן. ניט וואָר? — האָט ער זיך געווענדט צו דער מאַרקיזע, בליצנדיק מיט די ציין.

— אזוי וואָלט איך אַליין אייך בײדן געראָטן — האָט געענטפערט די מאַרקיזע מיט אַ פריילאַכן שמייכל.

ריידנדיק האָט זי די ערשטע פאַרנומען אַ פּלאַץ באַם טיש; לעבן איר האָט זיך געזעצט אָליוואַ און לאָרענצי באַ איר אַנדערער זייט. אַנטקעגן איבער איז געזעסן אַמאַליאַ, דער מאַרקיז און קאַסאַנאָוואַ; לעבן אים, באַ אַ שמאָלן טיש עק איז געזעסן מאַרקאָלינאַ, באַם אַנדערן עק, דער אַבאַט. דער מאָלצייט איז געווען אַן איינפאַכער, אָבער געשמאַקער אזוי ווי דער מיטאָג. די צוויי עלטערע טעכטער פון׳ם געזינד, טערעזינאַ און נאַנעטאַ, האָבן דערלאַנגט די שיסלען און באַדינט די געסט מיט דעם זעלטענעם וויין, וואָס איז געוואַקסן אויף אָליוואַ׳ס פּלאַנטאַציעס; בײדע, דער מאַרקיז און דער אַבאַט, האָבן געדאַנקט די מיידלאַך מיט אזאַ מונטערער און פּיל־דייטיקער צערטלאַכקייט, אַז אַ שטרענגערער פאָטער ווי אָליוואַ וואָלט עס ווארשיינלאַך אָפּגעשאַפט. אַמאַליאַ האָט אויסגעזען גאָרנישט צו באַמערקן. זי איז געווען בלאַס, דערשלאָגן און האָט אויסגעקוקט ווי אַ פרוי, וואָס איז אַנטשלאָסן אַלט צו ווערן, ווייל דאָס יונג זיין האָט פאַר איר פאַרלאָרן יעדן זין.

„איז אַט דאָס מיר געבליבן פון מיין גאַנצער מאַכט?" — האָט קאַסאַנאָוואַ ביטער געטראַכט, באַאָבאַכטנדיק זי פון דער זייט. אָבער עס קאָן זיין אַז עס איז געווען די באַלייכטונג,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

וואָס האָט אַזוי טרויעריק פאַרענדערט אַמאָליעם געזיכט־צוגן. עס איז בלויז געווען אַ ברייטער שטראַל ליכט, וואָס איז געפאַלן אויף די געסט פון אינערווייניק אויס דעם הויז. ווייטער האָט מען זיך געלאָזט באַגניגנען מיט דעם דעמער־ליכט פון הימל. די שאַרפע שוואַרצע ליניען פון די ביימער־שפּיצן, האָבן אָפּ־געשלאָסן די ווייטע אויסזיכט; קאַסאַנאָוואַ׳ן האָט עס דערוי־נערט אין דעם לאַנגאַניקן, געהיימניספולן גאָרטן, וואו ער האָט אין אַ שפּעטן אָוונט, מיט פיל יאָרן צוריק, אָפּגעוואַרט אַ גע־ליבטע.

„מוראַנאָ!" האָט ער געפּליסטערט אין זיך און האָט אויפ־געשוידערט; דאָן האָט ער הויך אויסגעשפּראָכן: — עס איז דאָ אַ גאָרטן אויף אַן אינזל נאָנט פון ווענעדיג, אַ קלויסטער־גאָרטן, וואו איך בין געווען צום לעצטן מאָל מיט אַ פּאָר צענד־ליק יאָרן צוריק; דאָרט האָט די נאַכט געדופטעט גראָד ווי היינט דאָ.

— זענט איר אַמאָל אויך געווען אַ מאָנאַך? — האָט דער מאַרקיז שפּאָסיק געפרעגט.

— שיער — האָט קאַסאַנאָוואַ געענטפערט שמייכלענדיק; און, וואָרהאַפטיק האָט ער דערציילט, אַז אַלס אַ פופצן יעריקער בחור, האָט דער פּאַטריאַרד פון ווענעדיג אים אָנגעגעבן די עלעמענטאַרע אויפגאָבן. ער אָבער האָט נאָך אַלס אינגל געהאַט באַשלאָסן צו לאָזן געמאַך דאָס גייסטלאַכע מאַנטל.

דער אַבאַט האָט דערמאָנט, אַז נאָענט פון דאָנען געפינט זיך אַ מאָנאַסטיר, און האָט דרינגנד געראָטן קאַסאַנאָוואַ׳ן דאָס פּלאַץ צו באַזוכן, אויב ער איז דאָרט נאָך ניט געוועזן.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אַליוואַ האָט האַרציק צוגעשטימט; ער האָט געריכטעט די טונקלע אַלטע געביידע, די איינגענעמע געגנט, די פיל פאַרשידנאַרטיקע שיינקייט אויף דעם וועג וואָס פירט אַהין.

— איבריגנס, — האָט דער אַבאַט פאַרגעזעצט — די פרוי אַבעסע, שוועסטער סעראַפינאַ — אַ העכסט געבילדעטע פרוי, אַ הערצאָגין פון געבורט — האָט אין אַ בריוו צו מיר דערקלערט (שריפטלאַך, דערפאַר ווייל יענער קלויסטער איז אונטער אַ נדר אויף אייביק צו שווייגן), אַז זי האָט דערפאַרן פון מאַר־קאָלינאַ׳ס ערודיציע און ווינטשט מיט איר זיך צו באַגעגענען פנים אל פנים.

— איך האָף, מאַרקאָלינאַ — האָט געזאָגט לאָרענצי, און דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט זיך געווענדט צו איר דירעקט מיט אַ וואָרט — אַז איר וועט זיך ניט לאָזן פאַרפירן נאָכצופאָלגן די הערצאָגין אַבעסע אין אַלע הינזיכטן.

— צו וואָס זאָל איך עס טאָן? — האָט מאַרקאָלינאַ העל גע־ענטפערט — מיר קענען אָפּהיטן אונדזער פרייהייט אָן נדרים — אָן נדרים נאָך בעסער, וואָרים אַ נדר אַליין איז אַ פאָרם פון צוואַנג.

קאַסאַנאָוואַ איז לעבן איר געזעסן. ער האָט זיך ניט דערוועגט צו באַרירן איר פוס, אָדער זיין קני אָן אירער אַ דרוק צו טאָן: ער האָט געפילט, אַז ווען ער וואָלט נאָך צום דריטן מאָל געמוזט זען אין איר בליק, יענעם אויסדרוק פון שוידער, פון עקל, איז ער זיכער געווען, אַז דאָס וואָלט אים אומפאַרמיידלאַך געטריבן צו אַ וואַנזיניקער טאַט. אין פאַר־לויף פון דעם מאָלצייט און באַ אַ געשטיגענער צאָל פון אויס־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

געליידיקטע גלעזער, ווען די אונטערהאַלטונג איז געוואָרן לעבע־דיקער און אַלגעמיינער, האָט קאַסאַנאָוואַ ווידער ווי פון דער ווייטן געהערט אַמאַליאַ׳ס שטים:

— איך האָב גערעדט מיט מאַרקאָלינאַ׳ן —

— דו האָסט מיט איר — אַ וואונדערבאַרע... האָפנונג האָט אין אים אויפגעפלאַמט.

— שטילער, קאַסאַנאָוואַ. ניט פון דיר איז געווען די רייד, פון איר און פון אירע פּלענער פאַר דער צוקונפט. און איך זאָג דיר נאָכאַמאָל: קיינמאָל וועט זי צו אירגנד וועלכן מאַן ניט געהערן.

אָליוואַ, וועמען דער ווייַן האָט געמאַכט שטאַרק באַריידיוור־דיק, איז אומדערוואַרט אויפגעשטאַנען און מיטן גלאָז ווייַן אין דער האַנט, האָט ער אין אַ פּאָר אומבאַהאָלפענע פראַזן, גערעדט וועגן דער גרויסער ערע, וואָס ווערט צוגעטיילט זיין באַשיידן הויז, דורך דעם באַזוך פון זיין טייערן פריינט, דער שעוואַליע פון סיינגאַלט.

— וואו איז ער, דער שעוואַליע פון סיינגאַלט, מיין לי־בער אָליוואַ, דער פון וועמען איר רעדט דאָ — האָט געפרעגט לאָרענצי מיט זיין העלער פרעכער שטים.

קאַסאַנאָוואַ׳ס ערשטער אימפּולס איז געווען, אַ שליידער צו טאָן זיין פול גלאָז דעם אומפאַרשעמטן אין קאָפּ אריין; אָבער אַמאַליאַ האָט לייכט באַרירט זיין אָרעם און געזאָגט:

— אַ סך מענטשן, הער שעוואַליע, קענען אייך נאָך ביז היינט צו טאָג נאָר אונטער אייער עלטערן און באַרימטערן נאָ־מען קאַסאַנאָוואַ.

— איך האָב ניט געוואוסט — האָט לאָרענצי געזאָגט מיט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

באַליידיקטער ערנסטקייט — אַז דער קעניג פון פראַנקרייך האָט דעם הער קאַסאַנאָוואַ דערהויבן צום אדל.

— איך האָב געקאָנט דעם קעניג איינשפּאָרן די מי — האָט קאַסאַנאָוואַ רואיק געענטפערט — און איך האָף, אַז איר, לייטענאַנט לאָרענצי, וועט זיך צופרידן שטעלן מיט אַ דער־קלערונג, קעגן וועלכער דער בירגערמייסטער פון נירנבערג האָט גאָרניט געהאַט אויסצוזעצן, ווען איך האָב באַ אַ גאַנץ גע־ווינלאַכער געלעגנהייט, געהאַט די ערע אים צו ענטפערן — אַלע האָבן געשפּאַנט געשוויגן. קאַסאַנאָוואַ האָט פאָרגעזעצט: — דער אַלפאַבעט איז ווי באַקאַנט אונדזער אַלעמענס באַזיץ, האָב איך מיר אויסגעקליבן אַ צאָל בוכשטאַבן, וואָס זיינען מיר גע־פעלן, און איך האָב מיך אַליין געמאַכט פאַר אַן אדלמאַן, אַז זיך צו פאַרפליכטן צו אַ פירשט, וואָס וואָלט מעגלאַך ניט אימ־שטאַנד געווען דורכצופירן מיינע פּרעטענזיעס אויף דערהוי־בונג. איך בין קאַסאַנאָוואַ, שעוואַליע פון סיינגאַלט. עס טוט מיר לייד פאַר אייך, לייטענאַנט לאָרענצי, ווען דער דאָזיקער נאָמען קריגט ניט אייער געפעליקע צושטימונג.

— סיינגאַלט! אַ פאַרטרעפלאַכער נאָמען — האָט גע־זאָגט דער אַבאַט און אַ פּאָר מאָל ווידערהאָלט, ווי ער וואָלט עס באַשמאַקעוועט מיט די ליפּן.

— און עס איז ניטאָ נאָך איינער אויף דער וועלט — האָט אַליוואַ אויסגערופן — וואָס קאָן זיך מיט מער רעכט אָנרופן שעוואַליע, ווי מיין באַרימטער פריינט קאַסאַנאָוואַ.

— און וואָס אַנבאַלאַנגט אייך, לאָרענצי, — האָט דער מאַרקיז צוגעגעבן — ווען אייער רום וועט דערגרייכן אַזוי ווייט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ווי דער פון דעם הער קאַסאַנאָוואַ שעוואַליע פון סיינגאַלט, וועלן מיר ניט צעגערן, אויב עס וועט אייך נאָר געפעלן, אויך אייך צו באַטיטלען שעוואַליע.

קאַסאַנאָוואַ איז געווען געערגערט איבער דעם, וואָס פון אַלע זייטן איז ער געשטערט געוואָרן מיט זיין קאַמף אַליין אָנ־צוגיין, און ער איז שוין געווען גרייט די זאַך פּערזענלאַך ווייַ־טער צו פירן, ווען אויס דער דעמערונג פון גאַרטן האָבן צוויי זייער ציכטיק געקליידטע אַלטע הערן זיך דערנענטערט צום טיש. אַליוואַ האָט זיי הויך און האַרציק באַגריסט, זייענדיק צופרידן דערמיט צו ענדיקן דעם קאָנפליקט, וואָס האָט ענד־לאַך געדראָט צו צעשטערן די לעבעדיקייט פון אָוונט.

די נייגעקומענע זיינען געווען די ברידער ריקאַרדי, ווי קאַ־סאַנאָוואַ האָט זיך דערוואוסט פון אַליוואַ׳ן, אַלטע בחורים, פריער געלעבט אין דער גרויסער וועלט, געמאַכט אַלערליי אונטערנע־מונגען, ווייניק גליק געהאַט, און ענדלאַך זיך צוריקגעקערט אין זייער געבורטאָרט, אין דעם שכנישן דאָרף, געדונגען אַ קליין הויז און לעבן צוריקגעצויגן. עקסצענטרישע אָבער אומשעד־לאַכע מענטשן.

די ברידער ריקאַרדי זיינען געווען אַנטציקט צו באַנייען זייער באַקאַנטשאַפט מיט דעם שעוואַליע, מיט וועמען זיי האָבן, לויט זייער דערקלערונג, אַמאָל מיט יאָרן צוריק זיך צוזאַמען געטראָפן אין פּאַריז.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך וועגן דעם ניט געקאָנט דערמאָנען.

— אָדער אפשר איז עס געווען אין מאַדריד ?

— דאָס קאָן מעגלאַך זיין — האָט קאַסאַנאָוואַ געזאָגט.

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

אָבער ער האָט אויך זיכער געוואוסט, אַז ער האָט קיין איינעם פון זיי קיינמאָל ניט באַגעגנט.

דער וואָרשיינלאַך יונגערער איז געווען דער פאָררײדנער. דער אַנדערער, וואָס האָט אויסגעזען אין די נײַנציקער, האָט באַגלייט זיין ברודערס ווערטער מיט אומאויפהערלאַכע קאָפּ־נייגן און פאַרלוירענע גרימאַסן.

מען האָט פאַרלאָזן דעם טיש. די קינדער זיינען נאָך פריער פאַרשוואונדן. לאָרענצי און די מאַרקיזע האָבן געשפּאַצירט אין דעמער איבער דער לאַנקע, מאַרקאַלינאַ און אַמאַליאַ האָבן זיך געזען אין זאַל, וואו זיי האָבן געשיינט צו גרייטן טיש פאַר דעם קאָרטן־שפּיל.

„וואָס זאָל דאָס אַלץ באַטייטן?" האָט קאַסאַנאָוואַ זיך געפרעגט, שטייענדיק אַליין אין גאָרטן. „האַלטן זיי מיך פאַר רייך? ווילן זיי מיך פּלינדערן?"

אַלע די פאָרבערייטונגען, די צוגעלאָזנקייט פון דעם מאַר־קיז, די פליסיקע אויפמערקזאַמקייט פון דעם אַבאַט און די דערשיינונג פון די ברידער ריקאַרדי, איז אים פאַרגעקומען פאַרדעכטיק. איז ניט מעגלאַך, אַז אויך לאָרענצי זאָל זיין פאַר־וויקלט אין דער אינטריגע? אָדער מאַרקאַלינאַ? אָדער אַפילו אַמאַליאַ? „איז דאָס אַלץ — איז אים פאַרבייגעלאָפן אַ גע־דאַנק — אַ צוג פון מיינע שונאים, מיר צו לייגן שטיינער אין וועג אין דעם לעצטן מאָמענט — אוממעגלאַך צו מאַכן מיין צוריק־קער קיין ווענעדיג?" אָבער באַלד האָט ער זיך אַליין געכאַפּט, אַז דערדאָזיקער איינפאַל איז אינגאַנצן געווען אַבסורד — שוין דערפאַר אַליין, ווייל ער האָט שוין מער גאָר קיין שונאים ניט

געהאַט. ער איז געווען אַן אומשעדלאַכער, אָפּגעקומענער, אַל־טער שוטה. וועמען קימערט עס איבערהויפּט זיין צוריקקער קיין ווענעדיג ? און ווען ער האָט דורך דעם אָפענעם פענצטער פון הויז, געזען די פאַרזאַמלטע אַרומגעזעצט אַרום טיש, וואו די קאָרטן זיינען געלעגן גרייט, און וואו די געפילטע וויינגלע־זער זיינען געשטאַנען, איז אים אָן שום צווייפל קלאָר געוואָרן, אַז דאָ ווערט קיין זאַך ניט געפּלאַנט, אויסער אַ געוויינטלאַכער, אומשולדיקער שפּיל, און וואָס אַ נייער מיטשפּילער איז שטענדיק אַן אנגענעמער גאַסט.

מאַרקאָלינאַ איז אים פאַרבייגעגאַנגען, און אים געוואונטשן גליק.

— וועט איר ניט אנטייל נעמען? — האָט ער געפרעגט — וויניקסטנס אַלס צוקוקער?

— וואָס גייט עס מיך אָן? אַ גוטע נאַכט שעוואַליע פון סיינגאַלט — ביז מאָרגן!

אין דרויסן האָבן אָפּגעקלונגען שטימען פון אינערוויניק: „לאָרענצי, — הער שעוואַליע, מיר וואַרטן.“

קאַסאַנאָוואַ, שטייענדיק אין דער טונקלקייט פון הויז, האָט ער געקאָנט זען ווי די מאַרקיזע האָט אַוועקגעצויגן לאָרענצי׳ן פון דער לאַנקע אין דער טיפערער טונקלקייט אונטער די ביי־מער. דאָרט האָט זי זיך העפטיק אין אים איינגעקלאַמערט. אָבער לאָרענצי האָט זיך אומהעפלאַך פון איר אָפּגעריסן און געאיילט צום הויז צו. באַם אַריינגאַנג האָט ער זיך צוזאַמענ־געטראָפן מיט קאַסאַנאָוואַ׳ן און מיט שפּאָטישער העפלאַכקייט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אים געגעבן דעם וועג פאַראויס. קאַסאַנאָוואַ האָט עס אָן אַ דאַנק אָנגענומען.

דער מאַרקיז האָט געהאַלטן די ערשטע באַנק. אַליוואַ, די ברידער ריקאַרדי און דער אַבאַט, האָבן איינגעשטעלט אַזעלכע לייכטע מינצן, אַז פאַר קאַסאַנאָוואַ׳ן — אַפילו הײַנט, ווען זיין גאַנץ פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון בלויז אַ פּאָר דוקאַטן — האָט דאָס גאַנצע שפּיל געהאַט אַ פּנים פון חוזק. עס האָט אים אויס־געזען נאָך מער לעכערלאַך דערפאַר, ווייל דער מאַרקיז האָט איינגענומען און אויסגעצאָלט דאָס געלט מיט אַ גרויסאַרטיקער מינע, ווי עס וואָלט זיך געהאַנדלט אום זייער הויכע סומען. פּלוצלונג האָט לאָרענצי, וואָס האָט זיך ביז אַהער ניט באַטיי־ליקט, איינגעשטעלט אַ דוקאַט, געוואונען און געלאָזט די פּאַר־טאָפּלטע סומע שטיין אַלס איינשטעל; געוואונען אַ צווייטן און אַ דריטן מאָל, און אַזוי, מיט קליינע אונטערברעכונגען, איז עס אים ווייטער געגאַנגען. די אַנדערע שפּילער האָבן ווי פריער, ווייטער איינגעשטעלט צו קליינע מטבעות. די ברידער ריקאַרדי האָבן אויסגעזען באַזונדערס שטאַרק אויפגעבראַכט, ווען דער מאַרקיז האָט זיי געשיינט ניט צו באַהאַנדלען מיט דער זעלבער אויפמערקזאַמקייט, ווי דעם לייטענאַנט לאָרענצי. די ברידער האָבן געשפּילט באַשותפות, אויף דערזעלבער קאַרט. בײַ דעם עלטערן, וואָס האָט גענומען קאַרטן, האָט זיך געפּערלט דער שווייס פון שטערן. דער אַנדערער איז געשטאַנען הינטער אים און אומאויפהערלאַך אין אים אַריינגערעדט, מיט אַ מינע פון אַן אומפעלבאַרן עצה־געבער. ווען ער האָט געזען דעם שווייגנדיקן ברודער געוואונען, האָבן די אויגן זיינע אויפגעג־

ליכטן, אָבער אין פאַרקערטן פאַל, האָט ער זיי פאַרצווייפלט אויפגעהויבן צום הימל. דער אַבאַט, געוויינטלאַך גאַנץ גלייכגילטיק, האָט פון צייט צו צייט געלאָזט הערן ווייזהייטן דורך שפּריכווערטער — ווי אַ שטייגער: „גליק און פרויען קאָן מען נישט באַצווינגען", אָדער, „די ערד איז קײַלאַכדיק און דער הימל איז ווייט." טיילמאָל האָט ער געגעבן אַ בליק מיט פּיפּיקער דערמוטיקונג צו קאַסאַנאָוואַ'ן און באַלד נאָכדעם, אויף אַמאַליאַ'ן, וואָס איז געזעסן קעגן איבער לעבן איר מאַן, ווי עס וואָלט אים נאָר געגאַנגען דערין די צוויי אַלטע געליבטע אויפסניי צונויפצופאָרן.

קאַסאַנאָוואַ אָבער האָט פון קיין זאַך ניט געטראַכט, אויסער דאָס, אַז מאַרקאַלינאַ איז אין איר צימער און טוט זיך איצט לאַנגזאַם אויס אירע קליידער, און אַז, אויב דאָס פענצטער איז אָפן, שימערט אַרויס איר ווייסע הויט אין דער נאַכט אַריין. פאַרכאַפּט פון אַ באַגער, וואָס האָט אים צעמישט דעם מוח, האָט ער זיך געוואָלט אויפהייבן פון זיין פּלאַץ לעבן דעם מאַרקיז און פאַרלאָזן דאָס צימער. דער מאַרקיז אָבער, האָט זיין באַוועגונג אָנגענומען אַלס באַשלוס אַנטייל צו נעמען אין שפּיל און געזאָגט:

— נו, ענדלאַך! מיר האָבן געוואוסט, אַז איר וועט ניט בלייבן בלויז אַ צושויער, שעוואַליע.

דער מאַרקיז האָט אים דערלאַנגט אַ קאַרט. קאַסאַנאָוואַ האָט איינגעשטעלט אַלץ וואָס ער האָט בײַ זיך געהאַט — און דאָס איז געווען אַלץ וואָס ער האָט פאַרמאָגט — אַרום צען דוקאַטן. אומגעציילט האָט ער אויסגעליידיקט זיין בייטל אויפן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

טיש, ווינטשנדיק זיך, עס צו פאַרשפּילן מיט איין גאַנג: דאָס האָט געזאָלט זיין אַ צייכן, אַ מזלדיקער צייכן — ער האָט אַליין רעכט ניט געוואוסט אויף וואָס, צי אויף זיין באַלדיקן אהיימקער קיין ווענעדיג, אָדער אין דעם באַגער צו זען מאַרקאָלי־נאַ׳ן אַן אַנטבלויזטע. אָבער איידער ער האָט זיך וועגן דעם געקאָנט אַנטשיידן, האָט דער מאַרקיז שוין געהאַט קעגן אים פאַרלוירן דעם גאַנג. אַזוי ווי לאָרענצי, האָט אויך קאַסאַנאָוואַ געלאָזן שטיין די פאַרטאָפּלטע סומע. און ווי דעם לייטענאַנט, איז דאָס מזל אויך אים געטריי געווען. אויף די איבעריקע האָט דער מאַרקיז זיך מער ניט אומגעקוקט. דער שווייגנדיקער ריקאַרדי האָט זיך אויפגעהויבן אַ באַליידיקטער; דער אַנ־דערער האָט פאַרבראָכן די הענט. דערנאָך זיינען זיי צוזאַ־מען געשטאַנען אין אַ ווינקל פון זאַל, ווי דערשלאָגענע. דער אַבאַט און אַליוואַ זיינען געווען קאַלטבלוטיק. דער ערשטער האָט געגעסן קאָנפעקטן און ווידערהאָלט זיינע אַפאָריזמען און דער אַנדערער האָט מיט נייגעריקייט נאָכגעפאָלגט דאָס אַי־בערקערן פון די קאָרטן.

ענדלאַך האָט דער מאַרקיז געהאַט פאַרלוירן פינף הונדערט דוקאַטן צו קאַסאַנאָוואַ׳ן און לאָרענצי׳ן. די מאַרקיזע האָט זיך אויפגעהויבן און, באַם פאַרלאָזן דעם זאַל אַ ווינק געגעבן מיט די אויגן צום לייטענאַנט. אַמאַליאַ האָט זי באַגלייט. די מאַר־קיזע האָט זיך געוויגט אויף די היפטן און דאָס האָט קאַסאַנאָ־וואַ׳ן דערווידערט. אַמאַליאַ האָט געשמייכלט באַ איר זייט, ווי אַן אָראָפּגעלאָזענע עלטערלאָכע פרוי.

און איצט, אַז דער מאַרקיז האָט פאַרלויר׳ן זיין גאַנץ באַר־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

געלט, האָט קאַסאַנאָוואַ איבערגענומען די באַנק און, צום מאַר־קיז׳ס פאַרדראָס, געפאָדערט, אַז די איבעריקע זאָלן זיך אומ־קערן צום שפּיל. באַלד האָבן די ברידער ריקאַרד מיט גרויס חשק פאַרנומען זייערע פּלעצער. דער אַבאַט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ, אַז ער האָט שוין גענוג. אַליוואַ האָט בלויז מיט־געשפּילט אויס העפלאַכקייט, ניט וועלנדיק אָפּזאָגן דעם וואונטש פון זיין איידלען גאַסט.

לאָרענצי׳ן האָט ווידער אָפּגעגליקט. ווען ער האָט געהאַט גע־וואונען די סומע פון גאַנצע פיר הונדערט דוקאַטן, איז ער אויפ־געשטאַנען און געזאָגט:

— מאָרגן וועל איך אייך גערן וועלן געבן אייער רעוואַנש. איצט אָבער וועל איך, מיט אייער דערלויבניש, רייטן אַ היים.

— אַ היים — האָט אָפּלאַכנדיק אויסגערופן דער מאַרקיז, וואָס האָט אגב געהאַט אָפּגעוואונען אַ פּאָר דוקאַטן, — דאָס איז ניט שלעכט געזאָגט! דער לייטענאַנט וואוינט נעמלאַך בא מיר — האָט ער זיך געווענדט צו די אַנדערע — און מיין פרוי איז נאָך פריער געפאָרן אהיים. איך האָף איר וועט אייך גוט אונטערהאַלטן, לאָרענצי.

— איר ווייסט גאַנץ גוט — האָט לאָרענצי ניט געריערט געענטפערט — אַז איך רייט גלייך קיין מאַנטוא און ניט צו אייער שלאָס, וואו איר זענט געבטן אַזוי גוט געווען מיך אופצונע־מען.

— רייט אייך וואוהין איר ווילט, פון מיינטוועגן אפילו צום טייוול!

לאָרענצי האָט זיך העפלאַך געשיידט מיט די איבעריקע און,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

צו קאַסאַנאָוואַ׳ס גרויס פאַרוואונדערונג, איז אַוועק ניט געבנדיק דעם מאַרקיז קיין געהעריקן ענטפער.

קאַסאַנאָוואַ האָט ווידער געגעבן קאָרטן און געוואונען, אַזוי אַז באַלד איז דער מאַרקיז געשטאַנען באַ אים אַ בעל־חוב אויף אַ פּאָר הונדערט דוקאַטן. „צו וואָס?" האָט קאַסאַנאָוואַ אין אָנהייב זיך געפרעגט. אָבער ביסלאַכוויים האָט אים דער רייץ פון שפּיל צוריקגעפאַנגען. „עס גייט ניט שלעכט", האָט ער געטראַכט. „אָט וועט עס באַלד הייסן אַ טויזנטער... און עס קאָן אַפילו ווערן צוויי טויזנט. דער מאַרקיז וועט זיין חוב באַצאָלן. אָנצוקומען מיט אַ קליינעם פאַרמעגן קיין ווענעדיג, וואָלט גאָרניט אַזוי שלעכט געווען. אָבער נאָך וואָס ווענעדיג? ווער עס ווערט צוריק רייך ווערט ווידער יונג. רייכטום איז אַלץ. איצט וועל איך זי מיר וויינעקסטנס קענען אָפּקויפן. וועמען? נאָר זי אַליין וויל איך... אַ נאַקעטע שטייט זי באַם פענצטער — כ׳בין זיכער, אַז זי איז דאָרט... וואַרט, אַנט, אַז ענדלאַך וועל איך קומען... זי שטייט באַם פענצטער כדי מיך משוגע צו מאַכן! און איך בין דאָ."

און אַזוי האָט ער, מיט אַן אומבאַוועגלאַכן אויסזען, ווייטער אויסגעטיילט די קאָרטן, ניט בלויז דעם מאַרקיז, נאָר אויך אָליוואַ׳ן און די ברידער ריקאַרדי. די לעצטע האָט ער צייטנוויים אונטערגערוקט אַ גאָלדשטיק, וואָס איז זיי ניט געקומען און וואָס זיי האָבן פונדעסטוועגן צוגענומען. פון דער נאַכט האָט זיך דערטראָגן אַ גערויש, ווי דאָס טרעטן פון פערדישע פּאָטקאָוועס אויפן וועג. „לאָרענצי", האָט קאַסאַנאָוואַ געטראַכט. די גאָרטנמויער האָט אָפּגעכאָט דעם קלאַנג פון די

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

פּאָטקאָוועס, דאָן איז דער רויש און דער עכאָ פּאַמעלאַך פאַר־גאַנגען.

ענדלאַך האָט זיך דאָס מזל אָפּגעקערט פון קאַסאַנאָוואַ'ן. דער מאַרקיז האָט איינגעשטעלט הויכע און אַלץ געוואָגטערע סומען. אַרום מיטן נאַכט האָט קאַסאַנאָוואַ זיך דערפילט אַזוי אָרים ווי געווען, ניין, נאָך אָרימער, וואָרים ער האָט אויך גע־האַט פאַרלוירן זיינע אייגענע פּאָר גאָלדשטיקער. ער האָט אָפּ־געשיבט פון זיך די קאָרטן און שמייכלענדיק איז ער אויפגע־שטאַנען:

— איך דאַנק אייך, מיינע הערן.

אַליוואַ האָט אויסגעשטרעקט די אָרימס צו קאַסאַנאָוואַ'ן:

— מיין פריינט, לאָמיר ווייטער שפּילן... איר האָט דאָך הונדערט און פופציק דוקאַטן. האָט איר אין זיי פאַרגעסן? ניין נישט בלויז הונדערט און פופציק! אַלץ וואָס איך האָב, אַלץ וואָס איך פאַרמאָג — אַלץ—אַלץ — זיין קול איז געווען הייזעריק, וואָ־רים דעם גאַנצן אָוונט האָט ער ניט אויפגעהערט צו טרינקען.

קאַסאַנאָוואַ האָט עס אָפּגעזאָגט, מיט אַן איבערטריבענער פאָרנעמער האַנט־באַוועגונג:

— גליק און פרויען קאָן מען ניט באַצווינגען — האָט ער געזאָגט מיט אַ פאַרנייגונג צום אַבאַט, וואָס האָט צופרידן גע־נייגט מיטן קאָפּ און צוגעפּאַטשט מיט די הענט.

— אַלזאָ, ביז מאָרגן, מיין געערטער שעוואַליע — האָט געזאָגט דער מאַרקיז — ביידע אינאיינעם וועלן מיר אָפּגע־ווינען דאָס געלט פון דעם לייטענאַנט לאָרענצי.

די ריקאַרדים זיינען באַשטאַנען דערויף, אַז מען זאָל

ווייטער שפילן. דער מארקיז, זייענדיק אין אן אויפגעלייגטער שטימונג, האט פאר זיי געעפנט א באנק. זיי האבן ארויסגערוקט די גאלדשטיקער, וואס קאסאנאווא האט זיי געלאזט געווינען. אין צוויי מינוט ארום האבן זיי די מטבעות געהאט פארלוירן צום מארקיז. דער לעצטער האט זיך אנטשידן אפגעזאגט ווייטער צו שפילן, אויב זיי וועלן פריער ניט באווייזן קיין בארגעלט. זיי האבן פארבראכן די הענט. דער עלטערער האט אנגעהויבן צו וויינען ווי א קינד. דער אנדערער, כדי צו בארואיקן זיין ברודער, האט אים געקושט אויף ביידע באקן. דער מארקיז האט אנגעפרעגט צי זיין קארעטע איז שוין צוריקגעקומען. דער אבאט האט געענטפערט יא, ער האט זי געהערט אנפארן, מיט א האלבע שעה צוריק. דאן האט דער מארקיז איינגעלאדן דעם אבאט און די ברידער ריקארדי אין זיין קארעטע, צוזאגנדיק זיי אפצופירן צו זייערע היימען, און אלע פיר האבן פארלאזן דאס הויז.

ווען די אנדערע זיינען שוין געווען אוועק, האט אליווא אנגענומען קאסאנאווא'ן אונטערן ארעם און מיט טרערן אין האלדז האט ער אומאויפהערלאך פארזיכערט זיין גאסט, אז אלץ אין דעם דאזיקן הויז געהערט אים, קאסאנאווא'ן, און אז ער מעג זיך דערמיט שאלטן, ווי אים געפעלט. זיי זיינען פארבייגעגאנגען מארקאלינא'ס פענצטער; ניט בלויז איז עס געווען פארשלאסן, נאר אויך באפעסטיקט מיט אן אייזערנע גראטע און פון אינערווייניק פארצויגן מיט א פארהאנג. געוועזן צייטן, האט קאסאנאווא געטראכט, ווען די אלע פארזיכט מיטלען זיינען געווען נוצלאז, אדער האבן קיין זין ניט געהאט. זיי זיינען

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אריינגעקומען אין הויז. אַליוואַ האָט זיך ניט געוואָלט אָפּזאָגן פון דער געלעגנהייט, ארויף צו באַגלייטן זיין גאַסט אויף די טרעשטשענדיקע טרעפּ ביז צו דעם טורעם־צימער. ער האָט אַרומ־גענומען קאַסאַנאָוואַ׳ן און אים געוואונטשן אַ גוטע נאַכט.

— אַלזאָ, מאָרגן — האָט ער געזאָגט — גייען מיר אָנ־קוקן דעם מאָנאַסטיר. אָבער שלאָפט אייך רואיק, אַזוי לאַנג ווי איר ווילט. מיר זיינען דאָ ניט פון די פריע אויפשטייער; יעדנ־פאַל וועלן מיר צופּאַסן אונדזער צייט פון אייער באַקוועמלאַכ־קייט וועגן. אַ גוטע נאַכט.״ ער איז אַרויס, שטיל פאַרשלאָסן הינטער זיך די טיר, אָבער זיינע שווערע טריט האָבן אָפּגעקלונגען איבער די טרעפּ דורכן גאַנצן הויז.

IV

קאַסאַנאָוואַ איז שטיין געבליבן אַליין אין זיין צימער, וואָס איז געווען מאַט באַלויכטן פון צוויי ליכט. זיינע אויגן האָבן גע־וואַנדלט הין און צוריק צווישן די פיר פענצטער, וואָס האָבן אַרויס־געקוקט אין פאַרשידענע ריכטונגען פון הימל. אין בלוילאַכן אָפּשיין איז געלעגן דאָס לאַנדשאַפט. אין אַלע זייטן האָט זיך געשטרעקט דאָסזעלבע בילד: ווייטע פּלוינען מיט לייכטע דערהויבונגען. נאָר אין צפון זייט האָבן זיך געזען פאַרשוואומענע בערג־ליניען. דאָ און דאָרט, פאַראייינזאַמטע הייזער, הויפן און גרעסערע גע־ביידן; צווישן זיי אַ ביסל העכער איז געשטאַנען איין געביידע, פון וועלכער עס האָט אַרויסגעשימערט אַ ליכט, און קאַסאַנאָוואַ האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס מוז זיין דעם מאַרקיז׳ם שלאָס.

דאָס צימער איז געווען פּשוט. דאָס ברייטע בעט איז געשטאַנען געראַם אַרויסגערוקט, אויף אַ לאַנגן טיש זיינען געשטאַנען די צוויי ברענענדיקע ליכט. עס זיינען געווען אַ פּאָר שטולן, אַ קאָמאָדע און איבער דעם אַ גאָלדגעראַמטער שפּיגל. אַלץ איז געווען אין זאָרגפעליקער אָרדנונג. אויך דער וואַליז איז געווען אויפגעפּאַקט. אויפן טיש איז געלעגן דער פאַרמאַכ־טער, אָפּגעריבענער, לעדערנער פּאָרטפעל, וואו עס זיינען גע־ווען קאַסאַנאָוואַ׳ס פּאַפּירן; אין דעם איז אויך געווען אַ פּאָר בי־כער, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַר זיין אַרבעט און האָט זיי מיט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

זיך אַהער מיטגענומען ; אויך שרייבגעצייג איז געווען פאַרגע־
בּרייט.

ווייל ער איז אויף דאָס מינדסטע ניט שלעפעריק געווען, האָט ער אַרויסגענומען דעם מאַנוסקריפּט פון פּאָרטפעל און באַם שיין פון די ליכט איבערגעלעזן וואָס ער האָט צום לעצטן גע־האָט געשריבן. אַזוי ווי ער איז שטיין געבליבן אינמיטן פון אַ זאַץ, איז עס אים איצט לייכט געווען גלייך פאָרצוזעצן. ער האָט גענומען די פעדער אין האַנט, האָסטיק אָנגעשריבן אַ פּאָר זאַצן און איז פּלוצלונג שטיין געבליבן. „צו וואָס“, האָט ער זיך געפרעגט, ווי אין אַ גרויזאַמען אויפבליץ פון אינערלאַכער באַלייכטונג. „און ווען איך וואָלט אַפילו געוואוסט, אַז דאָס וואָס איך שרייב איצט און וואָס איך וועל נאָך שרייבן, וועט באַ־טראַכט ווערן פאַר גלענצנד גאָר אָן פאַרגלייך — יאָ, ווען אַפילו עס זאָל מיר אויף אַן אמת געלינגען וואָלטער׳ן צו פאַרניכטן און פאַרטונקלען זיין נאָמען מיט מיין רום — וואָלט איך דען ניט גרייט געווען מיט פאַרגעניגן צו פאַרברענען די אַלע פּאַפּירן, ווען דערפאַר וואָלט מיר נאָר דערלויבט געווען אין דעם איצטיקן מאָמענט מאַרקאָלינאַ׳ן צו אומאַרמען? וואָלט איך דען ניט פאַר דעמזעלבן פּרייז באַרייט געווען צו נעמען אויף זיך אַ נדר, אַז מיין פוס זאָל קיינמאָל ניט אַריינטרעטן קיין ווענעדיג — אַפילו ווען די ווענעציאַנער וואָלטן מיך געוואָלט צוריק ברייגנען אַהין מיט טריאומף?“

„ווענעדיג!“ ער האָט ווידערהאָלט דאָס וואָרט און דער נאָמען האָט אַרום אים אָפּגעקלונגען מיט זיין גאַנצער פּרעכ־טיקייט ; און אָט האָט עס ווידער געוואונען איבער אים די אַל־

מע מאַכט. די שטאָט פון זיין יוגנט איז פאַר אים אויפגע־גאַנגען אַרומגעהילט אין דעם גאַנצן צויבער פון זיין געדע־כעניש. בײַ דער דערינערונג איז אַזאַ קוויליקע בענקשאַפט זיך צעוואַקסן אין זיין האַרץ, וואָס ער האָט נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל אַזוי פיינלאַך ניט געפילט. זיך אָפּצוזאָגן פון דעם גע־דאַנק צוריק אומצוקערן זיך אַהיים, האָט אים אויסגעזען דער אוממעגלאַכסטער פון אַלע קרבנות, וואָס דאָס מזל וואָלט פון אים געקאָנט פאַרלאַנגען. וואָס וואָלט אים נאָך געבליבן צו טאָן אין דערדאָזיקער קלעגלאַכער, אָפּגעלעבטער וועלט אָן דער האָפּ־נונג, אָן דער זיכערקייט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל ווידער זען די געליבטע שטאָט נאָך יאָרן און יאָרצענדליק פון וואַנדערונגען און אַוואַנטורעס, נאָך אַלדאָס גליק און אומגליק וואָס ער האָט אי־בערגעלעבט, נאָך אַלדעם כבוד און שאַנד, נאָך די טריאומפן און נאָך די דערנידעריגונגען, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, מוז ער דאָך ענדלאַך אַ רו פּלאַץ געפינען, מוז ער דאָך אַמאָל האָבן אַ היים.

איז דען פאַר אים פאַראַן אַן אַנדערע היים חוץ ווענעדיג? און אַן אַנדער גליק ווי דער באַוואוסטזיין ווידער צו האָבן אַ היים? אין דער פרעמד האָט ער לאַנג שוין מער קיין גליק ניט געהאַט אָן וואָס זיך דויערהאַפט אָנצוהאַלטן. צייטנווייס איז ער נאָך בכוח געווען אומצופאַסן גליק, אָבער ניט מער ווי אויף אַ ווײַלע; לאַנג האָט ער עס ניט געקאָנט אָנהאַלטן. זיין מאַכט איבער די מענטשן, פרויען ווי מענער, האָט זיך פון אים אָפּגעטאָן. נאָר דאָרט וואו ער האָט דערוועקט דערינערונגען, האָט זיין וואָרט, זיין בליק, זיין שטים נאָך געקאָנט צויבערן.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

זיין געגנוואָרט אַליין האָט קיין ווירקונג מער ניט געקאָנט האָבן. זיין צייט איז געווען פאַרביי!

אין דעם מאָמענט האָט ער זיך אַפילו געקענט מודה זיין דאָס, וואָס ער האָט געוויינלאַך מיט באַזונדערער פלייסיקייט גע־זוכט צו באַהאַלטן, אַז אַפילו זיינע שריפטשטעלערישע אַרבעטן, איינשליסנדיק די פּאָלעמישע שריפט קעגן וואָלטער׳ן, אויף וואָס ער האָט געבויט זיין לעצטע האָפנונג, וועט קיינמאָל קיין ווייט־גייענדיקן דערפאָלג ניט דערגרייכן. אויך אויף דעם איז עס שוין צו שפּעט געווען. ער איז זיכער געווען, אַז ווען ער וואָלט אין די יונגערע יאָרן געהאַט דאָס געמיט און געדולד, מיט אַזעלכע אַרבעטן ערנסט זיך אָפּצוגעבן, וואָלט ער זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט די וויכטיקסטע אין דערדאָזיקער פּראָפעסיע, מיט די גרעסטע דיכטער און פילאָזאָפן. פּונקט אַזוי זיכער איז ער געווען, אַז ווען ער וואָלט נאָר באַזעסן מער אויסדויער און פאָרזיכטיקייט, ווי עס איז געווען אין זיין טבע, וואָלט ער געווען דערגרייכט די העכסטע שטופע אַלס פינאַנסיר אָדער דיפּלאָמאַט.

אָבער וואו איז געווען זיין גאַנצער געדולד און פאָרזיכט, וואו זיינען אַלע זיינע לעבנספּלענער אַהינגעקומען, ווען דער רייץ פון אַ נייער ליבע־אַוואַנטורע האָט אים געלאָקט? פרויען — פרויען איבעראַל. פאַר זיי האָט ער צו יעדער רגע אַלץ אַוועקגעוואָרפן; פאַר די איידעלע פרויען, ווי פאַר די פּראָסטע; פאַר די ליידנ־שאַפטלאַכע, ווי פאַר די קאַלטבלוטיקע; פאַר יונגפרויען ווי פאַר הורן; יעדער ערע פון דער וועלט און אַלע זעליקייטן פון יענער וועלט האָבן אים אויסגעזען צו ביליק פאַר איין נאַכט אויף אַ ניי ליבע־געלעגער.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

דאָך, האָט ער באַדויערט, וואָס ער האָט אין זיין לעבן פאַרשפּעטיקט דורך זיין אומאויפהערלאַכן זוכן און קיינמאָל־אָדער־־אַלעמאָל געפונען, דורך דעם ערדיש־איבער־ערדישן פליען כון באַגער צו פאַרגעניגן און פון פאַרגעניגן צו באַגער ? ניין, ער האָט גאָרנישט באַדויערט. ער האָט געלעבט זיין לעבן אַזוי, ווי נאָך קיינער ניט פאַר אים ; און לעבט ער עס ניט נאָך היינט, אויף זיין אייגענעם שטייגער ? איבעראַל זיינען נאָך פאַראַן פרויען אויף זיין וועג : ווען אַפילו זיי זאָלן מער ניט אַזוי משוגע זיין פאַר אים ווי אַמאָל.

אַמאַליאַ ? — ער וואָלט זי געקאָנט האָבן ווען ער וואָלט נאָר געוואָלט, אין אַט דער איצטיקער שעה, אין איר שכור׳ן מאַנס בעט. און די גאַסט־ווירטן אין מאַנטואַ — איז זי ניט געווען אין אים פאַרליבט מיט דערזועלבער צערטלאַכקייט און אייפערזוכט, ווי אין אַ שיינעם איינגל ? און פעראָטי׳ס געשטופּלטע, אָבער שיין געבויטע געליבטע ? בלויז דער נאָמען קאַסאַנאָוואַ האָט זי פאַרשכורט מיט דער ליידנשאַפט פון טויזנט ליבע נעכט. האָט זי דען ניט געבעטלט בא אים, אַז ער זאָל איר באַטש אַן איינציקע ליבע נאַכט באַוויליקן ? און האָט ער זי דען ניט אָפּגעשטויסן ווי איינער וואָס קאָן נאָך אַלץ ווײלן נאָך זיין געשמאַק ?

יאָ, אָבער מאַרקאַלינאַ — אַזעלכע ווי מאַרקאַלינאַ זיינען צו אים מער ניט געניינט געווען. אָדער — זיינען אַזעלכע ווי זי קיינמאָל צו אים ניט געניינט געווען ? יאָ, עס זיינען אַנצווייפל אויך געווען פרויען פון אירם גאַל. ער האָט מעגלאָך באַגעגנט אַזעלכע פרויען אין די פריערדיקע יאָרן. אָבער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אַלעמאָל איז אויפן שטעל געווען אַן אַנדערע, אַ גערן־וויליקע, און ער איז קיינמאָל ניט געווען דער מענטש, וואָס זאָל פאַר־שווענדן אַ טאָג אויף נוצלאָזן זיפצן. און ווען עס איז אפילו לאָרענצי׳ן ניט געלונגען מאַרקאָלינאַ׳ן צו געווינען, ווען זי האָט זאָגאַר אָפּגעשטויסן די האַנט פון דעם דאָזיקן מאַן, וואָס איז פונקט אַזוי שיין און פונקט אַזוי מוטיק ווי ער, קאַסאַנאָוואַ, איז געווען אין זיינע יונגע יאָרן — קאָן מאַרקאָלינאַ אויף אַן אמת מיט זיך פאַרשטעלן יענע וואונדערלאַכע באַשעפעניש אין דער דאָזיקער וועלט פון עקזיסטענץ, אין וואָס ער האָט ביז אַהער געצווייפלט — די טוגנטהאַפטע פרוי.

דאָ אָבער האָט ער זיך אַזוי הויך צולאַכט, אַז עס האָט אָפּגעהילכט איבערן צימער. „דער יאָלד, דער קריכער!“ האָט ער הויך אויסגערופן, ווי ער האָט עס אָפט געטאָן בײַ אַזעלכע זעלבסט־געשפּרעכן „ער האָט ניט פאַרשטאַנען אויסצונוצן די געלעגנהייט. אָדער די מאַרקיזע האָט אים די גאַנצע צייט ניט אָפּגעלאָזן. אָדער אפשר האָט ער זי אויסגעקליבן ערשט נאָכדעם, ווען ער האָט ניט געקאָנט קריגן מאַרקאָלינאַ׳ן, די געלערנטע — די פילאָזאָפין?“

פלוצלונג איז אים איינגעפאַלן אַ געדאַנק: „מאָרגן וועל איך פאַר איר פאָרלעזן מיין פאָלעמישע שריפט קעגן וואָלטערן! זי איז דער איינציקער מענטש אין וועמענס מבינות און צו־טרויען איך נויטיק זיך. איך וועל זי איבערצייגן . . . זי וועט מיך באַוואונדערן. אודאי וועט זי... „פאָרטרעפלאַך, הער קאַסאַנאָוואַ! איר שרייבט אין אַ בריליאַנטענעם סטיל, אַל־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

טער הער! מיין גאָט! איר האָט דאָך וואָלטערן פאַרטיליקט...
איר, געניאַלער גרייז!"

אַזוי האָט ער גערעדט און געצישעט אַרומלויפנדיק היז און צוריק איבערן צימער, ווי אין אַ שטייג. אַן אומגעהייערער גרימצאָרן האָט אים אַרומגענומען קעגן מאַרקאָלינאַ׳ן, קעגן וואָלטערן, קעגן זיך אַליין, קעגן דער גאַנצער וועלט. ער האָט זיך אָנגעשטרענגט מיט די לעצטע כחות ניט אַרויסצוברילן אויפן קול. ענדלאַך האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן בעט אין די קליידער, און אַזוי איז ער געלעגן, די אויגן ווייט פאַנאַנדערגעעפנט; קוקנדיק אַרויף צווישן די בעלקעס, האָט ער ערטערווייס געזען שפּינגעוועבן זילבערדיק גלאַנצן אין דעם שיין פון די ליכט. דאַן, ווי עס פלעגט אים אָפט טרעפן פאַרן איינשלאָפן נאָך קאָרטנשפּיל, האָבן קאָרטנבילדער זיך פאַרביי געיאָגט פאַר זיינע אויגן מיט אַ פאַנטאַסטישער געשווינדקייט, און ענדלאַך איז ער פאַרזונקען אין אַ חלומלאָזן שלאָף.

דאָס מאָל האָט זיין שלומער געדויערט בלויז אַ קורצע וויילע. ער האָט אויפגעוואַכט און זיך איינגעהערט אין דער געהיימניספולער שטילקייט וואָס האָט אים אַרומגערינגלט. צו מזרח און דרום זיינען די פענצטער פון טורעם־צימער געשטאַנען אָפן. פון גאָרטן און פעלד, האָבן אַריינגעדרונגען אַלערליי לינדע, זיסע ריחות. פון דער לאַנדשאַפט האָבן זיך געהערט אומבאַשטימטע גערוישן פון נאָענט און פון ווייט, וואָס זאָגן געוויינלאַך אָן דאָס אָנקומען פון באַגינען. קאַסאַנאָוואַ האָט מער ניט געקאָנט ליגן רואיק; אַ שטאַרקער דראַנג נאָך באַוועגונג האָט אים אַרומגענומען און אים געלאָקט אַרויס אויף

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

דער פריי. פויגל געזאַנג האָט אים גערופן אַרויס. מאָרגן־קילער ווינט האָט זיך געשפּילט אויף זיין שטערן. ער האָט ליכט געעפנט די טיר און איז פאַרזיכטיק אַראָפּגעגאַנגען פון די טרעפּ. מיט זיין אויסגעפּרוּווטער געשיקטקייט האָט ער עס געטאָן אַזוי ליכט, אַז אונטער זיינע טריט האָבן די שטיגן ניט אַרויסגעלאָזט דעם מינדסטן סקריפּ. דער נידריקער שטאָק האָט געהאַט שטיינערנע טרעפּ. איבער זיי איז ער אַראָפּ־געקומען אויפן גרונט־שטאָק. פון דאַנען, דורכן שפּייז־צימער, וואו עס זיינען נאָך אויפן טיש געשטאַנען די האַלבע גלעזער מיט וויין, איז ער אַרויס אין גאָרטן. ווייל אויפן זאַמד האָט זיך געמוזט הערן דער רויש פון זיינע טריט, איז ער גלייך אַריבער אויף דער לאַנקע, וואָס האָט איצט, אין דעם שיין פון מאָרגן־דעמער, זיך געשטרעקט צו פאַנטאַסטישע ווייטן. דאָן האָט ער זיך געשליכט אין דער זייט אַלעע, וואו ער זאָל קענען זען מאַרקאָלינאַ'ס פענצטער ; עס איז געווען פאַרפּעם־טיקט, פאַרשלאָסן, פאַרהאַנגען, אַזוי ווי ער האָט עס לעצטע נאַכט געזען. קוים אַ פופציק טריט פון הויז, האָט זיך קאַסאַ־נאָוואַ אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין־באַנק. ער האָט געהערט פאַרביי פאָרן אַ וואָגן פון דער אַנדערער זייט גאָרטן־מויער, דאַן איז ווידער שטיל געוואָרן. אַ דינער גרויער נעפּל האָט גע־שוועבט פון דער לאַנקע, וואָס האָט איצט אויסגעזען ווי אַ דורכזיכטיק טריבער טייך מיט פאַרשוואומענע ברעגן. ווידער האָט קאַסאַנאָוואַ געטראַכט פון יענער נאַכט אין זיין יוגנט אין דעם מאָנאַסטיר־גאָרטן פון מוראַנאָ ; אָדער ער האָט געטראַכט פון אַן אַנדערן גאָרטן — פון אַן אַנדערע נאַכט ;

קאסאנאוואַ׳ס אהיימקער

ער האָט קוים געקענט געדענקען וועלכע — פיליכט איז עס געווען הונדערט נעכט, וואָס האָבן זיך בא אים אין זכרון צוזאַמען געפלאָסן אין איינאיינציקער נאַכט, פונקט ווי טייל־מאָל האָבן הונדערט פרויען, וואָס ער האָט געליבט, זיך געשטאַלטיקט אין איינאיינציקער פרוי און ווי אַ רעטעניש־געשטאַלט געשוועבט דורך זיינע פרעגנדיקע געדאַנקען. און איז דען ניט, סוף־כל־סוף איין נאַכט געווען ווי די אַנדערע? און איין פרוי ווי די אַנדערע? באַזונדערס ווען אַלץ איז געווען פאַרביי. דאָס וואָרט „פאַרביי" האָט אים אָנגעהויבן צו האַמערן אין זייגע שלייפן, ווי דאָס וואָלט באַשטימט געוואָרן פון איצט אָן צו זיין דער פולס פון זיין פאַרלוירענעם לעבן.

עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז עפּעס האָט אָפּגעקלונגען איבער דער מויער הינטער אים. אָדער איז עס בלויז געווען אַווידערקלאַנג? יאָ, דער גערויש האָט זיך אָהער דערטראָגן פון הויז. מאַרקאָלינאַ׳ס פענצטער איז פּלוצלונג געשטאַנען פאַנאַנדערגעפענט, די גראַטע איז געווען פאַרוקט, דער פאַרהאַנג פאַרנומען אין אַ זייט. אין דער טונקלקייט פון אינערוויניק האָט זיך באַוועגט אַ שאָטנדיק געשטאַלט; עס איז געווען מאַרקאָלינאַ. איינגעהילט אין אַ הויד־געשלאָסענעם ווייסן שלאָף־קלייד, איז זי צוגעקומען צום פענצטער ווי איינצואָטעמען די פרישע מאָרגנלופט. קאַסאַנאָוואַ האָט זיך שנעל אַרונטערגעגליטשט אונטער דער באַנק. אַריבערקוקנדיק איבער דעם ראַנד, אין דער פאַרצווייגטער אַלעע, האָט ער אַ פאַרכאַפּטער געקוקט אויף מאַרקאָלינאַ׳ן. זי איז געשטאַנען, שיינבאַר, געדאַנקלאָז, אירע אויגן האָבן ציללאָז געקוקט אין דער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

דעמערונג. ערשט נאָך אַ פּאָר סעקונדן האָט איר, ווי נאָך
אין שלאָף פאַרוואַנדלטער ווען אויסגעזען ווי אויפּצעוואַכט,
זי איז געקומען צו זיך און האָט לאַנגזאַם געפירט איר בליק
אויף רעכטס און לינקס. דאַן האָט זי זיך אַריבערגעבויגן, ווי
זוכנדיק עפּעס אויפן זאַמד, און באַלד נאָכדעם געווענדט איר
קאָפּ מיט די צעלאָזענע האָר אַרויפצו, ווי צו אַ פענצטער
פון אויבערשטן שטאָק פון הויז. דאַן איז זי ווידער
געשטאַנען אַ ווײַלע באַוועגלאָז, די הענט געשטיצט אויף בײדע
זײַטן וויטרינע, ווי זי וואָלט געוועזן צוגעשלאָגן צו אַן אומזיכט־
באַרן קרייץ. ערשט איצט, ווי זי וואָלט פּלוצלונג באַלויכטן
געוואָרן פון אינערווייניק, זײַנען אירע גענוכט־צוגן געוואָרען
דײַטלאַך פאַר קאַסאַנאָוואַ׳ן. אַרום איר מויל האָט געשוועבט
אַ שמייכל, וואָס איז באַלד פאַרשוואונדן. זי האָט אַראָפּגע־
לאָזן אירע אָרעמס; אירע ליפּן האָבן זיך מאָדנע באַוועגט,
ווי זי וואָלט געפליסטערט אַ תּפילה; איר בליק האָט ווידער
לאַנגזאַם געוואַנדערט זוכנדיק איבערן גאָרטן, דאַן האָט זי אַ
קורצן נייג געטאָן מיטן קאָפּ, און אין דעמזעלבן אויגנבליק האָט
עמיץ, וואָס האָט ביז איצט געמוזט ליגן צונויפגעקנוילט בײַ
מאַרקאַלינאַ׳ס פיס, זיך אַ שוואונג געטאָן פון פענצטער־שוועל
אין דרויסן אַרויס. עס איז געווען לאָרענצי. ער איז מער
געפלויגן ווי געלאָפן איבערן זאַמד אין דער אַלעע אַריין, וואָס
ער האָט אַריבער געשפּרייזט, קוים אַ צען טריט פון קאַסאַנאָ־
וואַ׳ן, וועלכער איז דאַן געלעגן מיט אַן אײַנגעהאַלטענעם אָטעם
אונטער דער באַנק. לאָרענצי האָט געאײַלט צו דער אַנדערער
זײַט אַלעע אויף אַ שמאָלן לאַנקע פּאַס, וואָס איז געלאָפן בײַ דער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

וואנט און איז פארשוואונדן הינטערוויילאכטס פון קאסאנא־וואַ׳ס אויגן. קאסאנאָוואַ האָט געהערט דאָס סקריפּען פון אַ טיר אויף די זאוויעצעס — דאס איז אַנצווייפל געווען די טיר דורך וועלכער ער, אַליוואַ און דער מאַרקיז האָבן זיך נעכטן צוריקגעקערט אין גאָרטן — דאַן איז אַלץ שטיל גע־וואָרן. מאַרקאָלינאַ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען באַוועג־לאָז, אָבער באַלד ווי זי האָט פאַרשטאַנען, אַז לאָרענצי איז זי־כער פארשוואונדן, האָט זי טיף אָפּגעאָטעמט און גלייך פאַר־מאַכט די גראַטעס און דאָס פענצטער. דער פאַרהאַנג איז ווי פון זיך אַליין אַראָפּגעפאַלן, און אַלץ איז געווען, ווי גע־ווען; נאָר וואָס איצט, ווי ער וואָלט מער ניט געהאַט קיין אורזאַך צו פאַרשפּעטיקן, האָט דער טאָג זיך פאַרשפּרייט אי־בערן הויז און גאָרטן.

קאַסאַנאָוואַ איז נאָך אַלץ, ווי פריער, געלעגן אונטער דער באַנק די הענט אויסגעשטרעקט פאַר זיך. אַ ווײַלע שפּע־טער איז ער אָפּער געקראָכן אין מיטן פון דער אַלעע, און אַזוי האָט ער געפּויזט אויף אַלע פיער, ביז ער איז צוגעקומען צו אַ פּלאַץ פון וואַנען ער האָט ניט געקאָנט געזען ווערן, ניט פון מאַרקאָלינאַ׳ס און ניט פון די אַנדערע פענצטער. דאָ איז ער אויפגעשטאַנען מיט אַ ווייטיק אין רוקן; ער האָט זיך אויס־געשטרעקט אין דער הייך, אויסגעגלייכט די גלידער און קוים ענדלאַך געקומען צו באַזינונג; ערשט איצט איז ער געקו־מען צו זיך, ווי ער וואָלט פון אַ געשמיסענעם הונט זיך צוריק פאַרוואַנדלט אין אַ מענטשן, וועלכער איז געווען פאַראורטיילט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

די שמיץ ווייטער צו פילן, ניט ווי אַ קערפּערלאַכן ווייטיק, נאָר אַלס טיפע דערנידריקונג.

„פאַרוואָס" — האָט ער זיך געפרעגט — „בין איך ניט צו צום פענצטער, ווען עס איז נאָך געשטאַנען אָפן? פאַרוואָס בין איך ניט אַריינגעשפּרונגען צו איר? וואָלט זי זיך געקאָנט אַנטקעגן שטעלן — וואָלט זי דאָס געוואָגט — די היפּאָקריטקע, די ליגנערן, די הור?"

און ער האָט זי אַלץ ווייטער געזידלט, ווי ער וואָלט געהאַט אַ רעכט דאַצו, ווי ער וואָלט געווען איר געליבטער, צו וועמען זי האָט זיך פאַרקנאַסט דורך אַ שבועה און אים פאַראַטן. ער האָט זיך פאַרשוואוירן עס איר פאַרצוואַרפן פּנים־אל־פּנים; צו שליידערן איר אין אַנגעזיכט, פאַר אָליוואָ׳ן, פאַר אַמאַליאַ׳ן, פאַר דעם מאַרקיז, דעם אַבאַט, פאַר דער דינסט און די קנעכט, אַז זי איז ניט מער ווי אַן אויסגעלאַסענע, קליינע הור. און ווי פון איבונג וועגן האָט ער זיך אַליין, מיט אַלע אויספירלאַכקייטן איבערדערציילט, וואָס ער האָט דאָ נאַרוואָס בייגעוואוינט; און ער האָט זיך פאַרשאַפט דאָס פאַרגעניגן דאַמיט, וואָס ער האָט נאָך דערפינדן אַלערליי אינצידענטן, כדי זי נאָך טיפער צו דערנידריקן: אַז זי איז געשטאַנען אַ נאַקעטע ביים פענצטער, אַז אינ׳ם שפּיל פון מאָרגן ווינט, האָט זי זיך דערלויבט אומציכטיקע צערטלערייען מיט איר געליבטן.

נאָכדעם ווי ער האָט אַ ביסל געשטילט דעם ערשטן אויסברוך פון זיין צאָרן, האָט ער גענומען נאָכדענקען צי ער וואָלט אפשר ניט געקאָנט אַרויסברענגען בעסערע נוצן פון

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

דעם וואָס ער ווייסט איצט. האָט ער זי דען ניט איצט אין זיין מאַכט? קאָן ער ניט איצט דורך סטראַשונקעס אַרויס־צווינגען פון איר די גינציקייט, וואָס זי האָט מיט גוטן אים ניט געוואָלט באַוויליקן? אָבער דער דאָזיקער שענדלאַכער פּלאַן איז זיך באַלד צעפאַלן; ניט אַזוי דאַפאַר ווייל קאַסאַנאָוואַ האָט איינגעזען די שענדלאַכקייט דערפון, נאָר ווייל גראָד אין דעם פאַל, האָט ער גלייך געמוזט איינזען די צוועק־און זינ־לאָזיקייט פון אַזאַ איינפאַל. פאַרוואָס זאָל מאַרקאָלינאַ, וואָס רעכנט זיך ניט מיט קיינעם, זיך קימערן פון זיינע דראָאונגען? און אין ערגסטן פאַל, ווען עס זאָל נאָר קומען דאַצו, איז זי געווען מוטיק גענוג צו פאַרטרייבן אים פון דער שוועל, אַלס פאַרלוימדער און אויספּרעסער. און ווען זי זאָל אַפילו, אויס אירגנד־וועלכן גרונט, באַרייט זיין אויסצוקויפן מיט זיך די געהיימנים פון אירע ליבע באַציאונגען מיט לאָרענצי׳ן (ער האָט גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער שפּעקולירט אויף עפּעס וואָס ליגט אויסער אַלע גרענעצן פון מעגלאַכקייט) וואָלט פאַר אים אַזאַ אַרויסגעצוואונגענער גענוס, זיך געמוזט פאַרוואַנדלען אין אַן אומענדלאַכער פּייניקונג. קאַסאַנאָוואַ׳ן, וועמענס אַנטציקונג אין ליבע איז געווען טויזנטפאַך שטאַרקער דאָס באַגערטע גליק צו געבן ווי גליק אויפצונעמען, וואָלט עס געטריבן צו וואַנזין און פאַרצווייפלונג.

ער האָט זיך פלוצלונג געפונען בא דער גאָרטנטיר. זי איז געווען פאַרשלאָסן. לאָרענצי האָט אַלזאָ אַ נאָכשליסל. אָבער ווער — איז אים איצט איינגעפאַלן — איז באַנאַכט געווען אויפן רייט־פערד, וואָס איז פון דאַנען אַוועקגעריטן, נאָכדעם

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ווי לאָרענצי האָט פאַרלאָזן דעם קאָרטן־טיש ? וואַרשיינלאַך אַ דינער וואָס איז באַשטעלט געווען פאַר דעם צוועק.

ניט ווילנדיק האָט קאַסאַנאָווא אַ שמייכל געטאָן פון אָנער־קענונג. זיי זיינען זיך ווערט געווען איינס דאָס אַנדערע, מאַרקאָלינא און לאָרענצי, די פילאָזאָפין און דער אָפיציער, און פאַר זייביידע לויפט נאָך אַ לאַנגער הערלאַכער וועג.

ווער וועט זיין מאַרקאָלינאַ׳ס נעקסטער געליבטער ? האָט ער זיך געפרעגט. דער פּראָפעסאָר פון באָלאָנאַ, אין וועמענס הויז זי וואוינט? אַ, איך נאַר. ער איז עס שוין פון לאַנג געווען... ווער נאָך ? אַליוואַ? דער אַבאַט ? פאַרוואָס ניט?! אָדער דער יונגער דינער, וואָס איז נעכטן געשטאַנען ביים טויער און געגלאָצט מיט די אויגן ווען מיר זיינען געקומען צו פאָרן ? אַלע ! דאָס ווייס איך. אָבער לאָרענצי ווייסט עס ניט. אין דעם בין איך אים פאַרלאָפן דעם וועג.

אין דער אמת׳ן אָבער, איז ער טיף אין זיך געווען איבער־צייגט, אַז ניט נאָר איז לאָרענצי מאַרקאָלינאַ׳ס ערשטער גע־ליבטער, נאָר ער האָט אַפילו געגלויבט, אַז היינט איז מעגלאַך די ערשטע נאַכט וואָס זי האָט אים געשענקט. פונדעסטוועגן האָט עס אים ניט אָפּגעהאַלטן ווייטער צו טרייבן דעם להכעיס־תאווה׳דיקן געדאַנקען שפּיל, בעת ער האָט אַרום געקרייזט די לענג פון דער גאָרטנמויער.

ענדלאַך איז ער צוריק אָנגעקומען צו דער זאַל־טיר. וואָס ער האָט געלאָזן אָפן. ער האָט איינגעזען אַז עס איז אים פאַר־לויפיק גאָרניט געבליבן וואָס צו טאָן, נאָר זיך צוריק אומצו־קערן אומגעזען און אומגעהערט אין טורים־צימער. מיט דער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

מעגלאַכסטער פאַרזיכט האָט ער זיך אַרויסגעשליכט. ווען ער איז אַריינגעקומען איז ער אַראָפּגעזונקען אויף דעם לענשטול, וואָס ער איז פריער געזעסן. אויפן טיש האָבן די פּלי־בלעטער פון דעם מאַנוסקריפּט אויסגעזען ווי צו וואַרטן אויף זיין צוריקקומען. ניט ווילנדיק איז זיין אויג געפאַלן אויף דעם זאַץ וואָס ער האָט פריער אָפּגעבראָכן אין דער מיטן; ער האָט געלעזן: „וואָלטער וועט אַנצווייפל זיין אומשטערבלאַך; אָבער די דאָזיקע אומשטערבלאַכקייט וועט ער זיך האָבן פאַר־דינט מיט זיין אומשטערבלאַכן טייל. דער שאַרפזין האָט פאַר־צערט זיין האַרץ, פּונקט ווי דער צווייפל האָט פאַרצערט זיין נשמה, און דעריבער — “

אין דעם אויגנבליק האָט זיך דורכגעבראָכן די מאָרגן זון און האָט אַריינגעפלייצט אַ רויט ליכט, אַזוי אַז דאָס בלאַט, וואָס ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט אָנגעפאַנגען צו גליען. און ווי באַזיגט האָט ער עס אַוועקגעלייגט אויפן טיש לעבן די אַנדערע פּאַפּירן. ער האָט פּלוצלונג דערפילט ווי זיינע ליפּן זיינען טרוקן און האָט זיך אָנגעגאָסן אַ גלאָז וואַסער פון דער קאַראַפינקע, וואָס איז געשטאַנען אויפן טיש. דאָס וואַסער האָט געהאַט אַ לעבלאַך־זיסלאַכן טעם. געאיבלט האָט ער אָפּגע־ווענד זיין קאָפּ פון גלאָז אין דער אַנדערער זייט. פון דעם שפּיגל איבער דער קאָמאָדע האָט אויף אים אַרויסגעקוקט אַ בלייך, אַלט געזיכט, מיט פאַרפּלאָנטערטע האָר, צעוואָרפן איי־בערן שטערן. אין אַ באַגער פון זעלבסט־פּייניגונג האָט ער אַראָפּגעלאָזט די מויל־ווינקלען נאָך שלאַפער, ווי ער וואָלט גע־שפּילט אויף אַ בינע די ראָל פון אַ פאַרוואַלאָזטן. ער האָט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איבערגעוואָרפן די האָר אויף נאָך מער פאַרפּלאָנטערטע בינטלאַך, אַרויסגעשטעקט די צונג זיין אייגן אָנגעזיכט אין שפּיגל; אַרויסגעקרעכצט, מיט אַן אַבזיכטלאַך הייזעריקער שטים אַ רייע זידל־ווערטער קעגן זיך אַליין; און ענדלאַך, ווי אַ צולאָזן קינד, אַראָפּגעבלאָזן פון טיש די בלעטער פון זיין מאַנוסקריפּט.

דאָן האָט ער אויפסניי אָנגעהויבן צו זידלען מאַרקאָלינאַ׳ן און נאָכדעם ווי ער האָט זי אָנגערופן מיט די שמוציקסטע נעמען, האָט ער געשיפּעט פון צווישן די ציין: „מיינסט דו, אַז די פרייד געדויערט לאַנג? דו וועסט ווערן פעט און גע־רינצלט און אַלט, ווי די אַנדערע ווייבער, וואָס זיינען פּונקט ווי דו געווען יונג. דו וועסט זיין אַן אַלטע פרוי, מיט איינ־געפאַלענע בריסטן, מיט טרוקענע גרויע האָר; וועסט זיין ציינערלאָז און מיט אַן איבלדיקן גערוך... און צום סוף וועסטו שטאַרבן! דו קאָנסט אַפילו שטאַרבן יונגערהייט! און וועסט פאַרפוילט ווערן! און וועסט זיין שפּייז פאַר די ווע־רים“.

כדי צו נעמען אין איר אַ לעצטע נקמה, האָט ער זי גע־פּרוּווט זיך פאָרצושטעלן אַלס טויטע. ער האָט זי געזען ליגנ־דיק אין אַן אָפענער טרונע, געקליידט אין ווייסע תכריכים. אָבער ער איז ניט מסוגל געווען צו זען אויף איר אירגנט וועלכן צייכן פון צעשטערונג, און איר אמתע איבערערדישע שיינקייט, האָט אים געפירט צו נייער משוגעת. פאַר זיינע געשלאָסענע אויגן האָט די טרונע זיך פאַרוואַנדלט אין אַ כלה־בעט. מאַרקאָלינאַ איז געלעגן און געשמייכלט מיט לייכטנדע אויגן. מיט אירע קליינע בלייכע הענט האָט זי, ווי אויף אָפּ־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

צושפּעטן, אַראָפּגעריסן דאָס ווייסע קלייד איבער אירע צאַרטע בריסטן. אָבער ווי נאָר ער האָט אויסגעשטרעקט זיינע אָרימס צו איר, זי צו דערגרייכן, זי אַרומצונעמען, איז זיך די דערשיינונג צעפלאָסן און פאַרשוואונדן.

V

עמעץ האָט אַנגעקלאַפּט אין דער טיר. קאַסאַנאָווא האָט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ טיפן שלאָף. לעבן אים איז געשטאַנען אַליוואַ.

— וואָס, שוין באַם שרייבטיש?

קאַסאַנאָווא האָט זיך גלייך געפונען און געענטפערט: „עס איז מיין געוואוינהייט אָפּצוגעבן די ערשטע מאָרגנשטונדן אויף אַרבעט. ווי שפּעט קען איצט זיין?

— אַכט אַזייגער — האָט געענטפערט אַליוואַ — פרישטיק איז געגרייט אין גאָרטן. גלייך ווי איר וועט עס פאַרלאַנגען, שעוואַליע, וועלן מיר אָנפאַנגען אונדזער רייזע צום מאָנאַס־טיר. אָ, וואָס זע איך, דער ווינט האָט אייך צובלאָזן די פּאַ־פּירן!

ער האָט זיך איינגעבויגן אויפצוקלייבן די צעפלויגענע בלעטער פון דיל. קאַסאַנאָווא האָט זיך ניט אומגעקוקט. ער איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און אַרויסגעקוקט. באַם געדעקטן פרישטיק־טיש, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט אויף דער לאַנקע אין שאָטן פון הויז, האָט ער געזען אַמאַליאַ'ן, מאַרקאָלינאַ'ן און די דריי קליינע מיידלאַך, אַלע אין ווייסן געקליידט. זיי האָבן צו אים אַרויפגערופן אַ גוטמאָרגן. ער האָט זיך ניט אומגעקוקט אויף קיינעם אויסער מאַרקאָלינאַ'ן, וועלכע האָט פריינט־לאַך און מיט העלע אויגן צו אים אַרויפגעשמייכלט. אויפן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

שוים האָט זי געהאַלטן אַ טעלער מיט יונגע וויינטרויבן און געגעסן איינציקווייס, טרויב נאָך טרויב.

די גאַנצע פאַראַכטונג, דער גאַנצער צאָרן און האַס איז צע־שמאָלצן און פאַרשוואונדן פון קאַסאַנאָוואַ׳ס האַרץ; ער האָט געוואוסט נאָר איינס, אַז ער האָט זי ליב. ווי שכור פון איר בלויזן אַנבליק, האָט ער זיך אומגעקערט צוריק אין צימער אַריין, וואו אַליוואַ, נאָך אַלץ ליגנדיק אויף אַלע פיער, האָט זיך באַמיט צונויפצוקלייבן די צעפאַלענע בלעטער פון אונטערן טיש און קאַמאָדע. ער האָט געבעטן זיין גאַסט־ווירט, זיך מער ניט צו באַמיען און פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל אים איבער־לאָזן אַליין, כדי זיך צוצוגרייטן צו דער שפּאַציר־רייזע

— עס וועט ניט אַנטלויפן — האָט אַליוואַ געזאָגט, אָפּ־טרייסלענדיק דעם שטויב פון די קני — מיר וועלן גאָר לייכט קענען זיין צוריק צו מיטאָג. מיר וועלן אין יעדנפאַל זיין צוריק פרי, ווייל דער מאַרקיז האָט געלאָזן בעטן, אַז מיר זאָלן היינט אַנפאַנגען שפּילן גלייך נאָך מיטאָג וואָרשיינלאַך וויל ער אַהיים פאָרן פאַר זון אונטערגאַנג.

— מיר איז אַלצאיינס ווען איר וועט אַנפאַנגען שפּילן — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ, בעת ער האָט צונויפגעלייגט די פּאַפּירן אין פּאָרטפעל — איך וועל מיך אויף קיין אופן ניט באַ־טייליקן אין שפּיל.

— איר וועט זיך יאָ באַטייליקן — האָט אַליוואַ דערקלערט מיט אַן אַנטשידנקייט, וואָס איז געוועזנלאַך ניט געוועזן זיין שטייגער, און ער האָט אַוועקגעלייגט אַ קופּקע גאָלדשטיקער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אויפן טיש — דאָס איז מיין חוב, שעוואַליע, אַ שפּעטער אָפּ־צאָל, אָבער עס קומט מיט אַ פול דאַנקבאַר האַרץ.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך אַנטקעגן געשטעלט.

— איר מוזט עס נעמען — איז אַליוואַ צוגעשטאַנען — אויב איר ווילט מיך ניט באַליידיקן ביז גאָר. חוץ דעם, אַמאַליאַ האָט היינט באַנאַכט געהאַט אַ חלום, וואָס וועט אייך אויפ־קלערן — אָבער זאָל זי עס אייך אַליין דערציילן.

ער האָט שנעל פאַרלאָזן דאָס צימער.

קאַסאַנאָוואַ האָט איבערגעציילט דאָס געלט. עס זיינען געווען פופצן הונדערט און פופציק גאָלדשטיקער, פּונקט די סומע, וואָס ער האָט פאַר פופצן יאָרן געשאַנקען דער כלה, אָדער דעם חתן, אָדער דער כלה׳ס מוטער — ער האָט שוין אַליין ניט קלאָר געדענקט וועמען.

„דאָס פאַרניכטיקסטע וואָלט געווען״, האָט ער צו זיך געזאָגט, „ווען איך זאָל אַריינלייגן דאָס געלט, זיך אָפּגעזעגנען. און גלייך פאַרלאָזן דאָס הויז, אויב נאָר מעגלאַך, ניט צו יען מאַרקאָלינאַ׳ן נאָכאַמאָל. נאָר ווען האָב איך געטאָן אַ פאַר־נונפטיקע זיך? — איך בין נייגעריק צו וויסן, צי עס איז ניט אָנגעקומען עפּעס נייעס פון ווענעדיג? אָבער מיין גוטע באַלע־באָסטע האָט מיר צוגעזאָגט איבערצושיקן גלייך ווי עפּעס וועט זיך דערהאַלטן.״

אין דעם האָט די דינסט אַרויפגעבראַכט אַ גרויסן ערדע־נעם קרוג מיט וואַסער פריש פון קוואַל. קאַסאַנאָוואַ האָט זיך איינגעריבן דאָס גאַנצע ליַיב, און דאָס האָט אים שטאַרק דערפרישט; דאַן האָט ער אָנגעטאָן זיין בעסטן אָנצוג, פון

קאַסאַנאַוואַ'ס אַהיימקער

אַ מיליטערישן שניט, וואָס ער האָט נאָך געזאָלט אַנטאָן נעכטן אָוונט, ווען ער וואָלט נאָר געהאַט אַ געלעגנהייט צו בייטן די קליידער. אָבער איצט איז ער געווען גאַנץ צופרידן וואָס ער איז היינט געווען אין אַ לייטישערער קליידונג ווי נעכטן. וואָס ער האָט געקאָנט דערשיינען פאַר מאַרקאָלינאַ'ן אין אַ מער ווייניקער נייער אויסשטאַטונג.

ער איז אַרויסגעקומען אין אַ ראָק פון גרויען אַטלעס, געשטיקט און באַפּוצט מיט שפּאַנישע זילבער שפּיצן, און אַ געלער וועסט און קאַרשן־רויטע זיידענע קני־פּלודערן, מיט אַ ווירדי־קער, אָבער ניט שטאָלצער האַלטונג; אויף די ליפּן האָט ער געהאַט אַן איבערלייגטן ליבווירדיקן שמייכל, און זיינע אויגן האָבן געשטראַלט ווי אין פייער פון אומפאַרלעשבאַרער יוגנט. אַזוי איז ער אַרויסגעקומען אין גאָרטן. צו זיין אַנטוישונג, איז שוין קיינער ניט געווען אויסער אָליוואַ, וואָס האָט אים איינגעלאַדן צו זיצן לעבן אים באַם טיש און זיך באַגנייגנען מיט דעם באַשיידענעם פרישטיק. קאַסאַנאַוואַ האָט געגעסן פון ווייס ברויט, פּוטער, מילך, אייער און דאַן האָט ער גענומען פערסיקעס און ווייַנטרויבן, וואָס האָבן זיך אים אויסגעדאַכט צו זיין פון די קאָסטבאַרסטע וואָס ער האָט ווען ניט איז געגעסן. די דריי מיידלאַך זיינען אָנגעקומען צו לויפן פון דער לאָנקע, קאַסאַנאַוואַ האָט זיי אַלע געקושט און דער דרייצן־יעריקער טערעזינאַ'ן, האָט ער אַרויסגעוויזן אַזעלכע צערטלאַכ־קייטן, ווי דער אַבאַט האָט זיך דערלויבט נעכטן. אָבער די פונקען וואָס האָבן אויפגעלויכטן אין אירע אויגן, ווי קאַסאַ־נאָוואַ האָט באַלד דערקענט, זיינען געווען פון אַ פאַרגעניגן, וואָס

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איז אַנדערש, ווי דער וואָס קומט פון אַ קינדיש אומשולדיקן שפּיל.

אַליוואַ׳ן האָט געפריידט צו זען ווי גוט דער שעוואַליע האָט געוואוסט אומצוגיין מיט די קינדער.

— און איר ווילט אונדז טאַקע שוין מאָרגן פאַרלאָזן ?

— האָט ער מיט פאַרכטזאַמער צערטלאַכקייט געפרעגט.

— היינט אוונט — האָט קאַסאַנאָוואַ געענטפערט און מיט אַ שפּאַסיקן וואונק צוגעגעבן — איר ווייסט דאָך, מיין טייערער אַליוואַ, איך מוז זיך רעכענען מיט דעם פאַרלאַנג פון די ווע־נעציאַנישע סענאַטאָרן.

— זיי האָבן עס באַ אייך ניט פאַרדינט — האָט אים אַליוואַ מוטיק אונטערבראָכן — זאָלן זיי וואַרטן. בלייבט דאָ באַ אונדז ביז איבערמאָרגן, אָדער ניין, אויף אַ וואָך צייט.

קאַסאַנאָוואַ האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ ; אין דעם האָט ער די קליינע טערעזינאַ אָנגעכאַפּט באַ די הענט און ווי אַ גע־פאַנגענע זי געהאַלטן צווישן זיינע קני. זי האָט זיך לייכט אָפּגעוואונדן, מיט אַ שמייכל וואָס איז דאָס מאָל געווען גאָרניט קינדיש. אַמאַליאַ און מאַרקאָלינאַ זיינען צוריק אַרויסגעקומען פון הויז, די ערשטע מיט אַ שוואַרצן און די אַנדערע מיט אַ ווייסן שאַל איבער די העלע קליידער. אַליוואַ האָט זיי ביידע אויפגעפאָדערט זיך צו פאַראייניקן מיט אים אין זיין איינלאַ־דונג.

— עס איז אוממעגלאַך — האָט קאַסאַנאָוואַ געענטפערט מיט אַן איבערטריבענער שטרענגקייט אין דער שטים און אויס־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

דרוק, נאָכדעם ווי אַמאַליאַ און מאַרקאַלינאַ, האָבן קיין וואָרט ניט געפונען צו אונטערשטיצן אַליוואַ׳ס פאָרשלאָג.

בעת זיי זיינען געגאַנגען צום טויער דורך דער קאַשטאַנ־אַלעע, האָט מאַרקאַלינאַ זיך געווענדט צו קאַסאַנאָוואַ׳ן מיט אַ פראַגע, צי ער האָט היינטיקע נאַכט געמאַכט באַדייטנדן פאָר־שריט אין זיין אַרבעט. וואָרים אַליוואַ האָט איר דערציילט, אַז ער האָט נאָך געפונען זיין גאַסט באַם שרייבטיש, ווען עס איז שוין געווען העלער מאָרגן.

קאַסאַנאָוואַ האָט שוין געקלערט איר צו געבן אַ צוויי־דייטיק־בייזוויליקן ענטפער, וואָס וואָלט זי איינגאַנצן צוטומלט און פונדעסטוועגן זיך אַליין ניט פאַרראַטן. ער האָט זיך אָבער איבערלייגט, אַז יעדער איבערגעאיילטקייט קאָן בלויז ברענגען שאָדן, איינצוימענדיק זיין שאַרפזין האָט ער העפלאַך געענט־פערט, אַז ער האָט נאָר אַריינגעבראַכט אייניקע ענדערונגען, צו וואָס ער איז אָנגערעגט געוואָרן אַ דאַנק זיין נעכטיקן געשפּרעך מיט איר.

זיי זיינען אַריינגעשטיגן אין דעם פאַרמלאָזן, שלעכט גע־פאַלסטערטן, אָבער אַזוי זייער באַקוועמען וואָגן. קאַסאַנאָוואַ איז געזעסן קעגן מאַרקאַלינאַ׳ן, אַליוואַ קעגן איבער זיין פרוי; אָבער די פור איז געווען אַזוי גערוים, אַז טראָץ דאָס וואַקלען זיך אַהין־און־אַהער האָט עס ניט געקענט פאַראורזאַכן קיין אומוויליקע באַרירונג פון איינעם צום אַנדערן. קאַסאַנאָוואַ האָט געבעטן אַמאַליאַ׳ן צו דערציילן אים איר חלום. זי האָט צו אים געשמייכלט פריינטלאַך, כמעט וואוילטעטיק ; פון

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איר געזיכט איז פארשוואונדן יעדער סימן פון דערשלאגנקייט אדער צארן. זי האט דערציילט:

„איך האב אייך געזען, קאסאנאווא, איז א הערלאכער קארעטע — געשפאנט מיט זעקס ברוינע פערד, פארבייפארן א העלער געביידע. אדער ריכטיקער: די קארעטע איז שטיין געבליבן און איך האב נאך ניט געוואוסט, ווער עס איז אינערווייניק געזעסן — אינדעם זענט איר ארויסגעשטיגן; אנגעטאן אין פרעכטיקע, ווייסע גאלדגעשטיקטע מיליטערישע קליידער. זענט איר געווען שיער ניט נאך פרעכטיקער אין אויסזען ווי איר זענט היינט" — (אין איר מינע איז געווען א פריינטלאכער חוזק) — „און איר האט געטראגן, איך געדענק עס זייער גוט, איר האט געטראגן די דינע גאלדענע קייט, אט די, וואס איר טראגט היינט, כאטש אין דער אמתן האב איך עס אויף אייך נאך קיינמאל נישט געזען!" (די דאזיקע קייט מיט דעם גאלדענעם זייגער און גאלדענע שקאטולקע באזעצט מיט האלבאיידלשטיינער, וואס קאסאנאווא האט איצט, ווי שפילנדיק געהאלטן אין דער האנט, זיינען געווען די לעצטע שטיקלאך צירונג פון א מעסיקן ווערט, וואס ער האט נאך באוויזן בא זיך איינצוהאלטן). „אן אלטער מאן, וואס האט אויסגעזען ווי א בעטלער, האט געעפנט די טיר פון דער קארעטע; עס איז געווען לארענצי! אבער איר, קאסאנאווא, זענט געווען יונג, זייער יונג, נאך יונגער ווי איר זענט געווען, דעמאלס." (זי האט געזאגט „דעמאלס" ניט קימערנדיק זיך וואס אין דעם דאזיקןווארט האבן ווי אויף רוישיקע פליגלען אנגעפלאטערט אלע אירע דערינערונגען). „איר האט זיך פארנייגט אין אלע זייטן, כאטש

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אין דער גאַנצער געגנט האָט מען נישט געקאָנט זעען קיין מוטער־מענטש. און דאָן זענט איר אַריין אין הויז ; הינטער אייך האָט זיך דער טויער האַסטיק פאַרקלאַפּט. איך האָב ניט געוואוסט, צי דער שטורים האָט אים אַ שליידער געטאָן אָדער לאָרענצי; — אַזוי האַסטיק איז געווען דער קלאַפּ, אַז די פערד האָבן זיך דערשראָקן און האָבן אַוועקגאַלאָפּירט מיט דער קאַרעטע. דאָן האָב איך דערהערט אַ געשריי פון די דאָבייאַיקע גאַסן, ווי פון מענטשן וואָס זוכן זיך צו ראַטעווען פון איבערגעפאָרן צו ווערן; עס איז גלייך שטיל געוואָרן. איר אָבער האָט זיך באַוויזן אין פענצטער פון דעם הויז, איצט האָב איך געוואוסט אַז דאָס איז געווען אַ שפּיל־הויז. און ווידער האָט איר זיך פאַרנייגט אין אַלע זייטן, כאָטש עס איז דאָרט קיינער נישט געווען. דאָן האָט איר זיך געווענדט הינטערווייל־אַכטס. איבער אייערע אַקסלען, ווי עמעץ וואָלט געשטאַנען הינטער אייך אין צימער ; אָבער איך האָב געוואוסט, אַז אויך דאָרט איז קיינער נישט געווען. דאָ האָב איך אייך פּלוצלונג דערזען אין אַן אַנדערן פענצטער, אויף אַ העכערן שטאָק, וואו עס האָט זיך ווידערהוילט פונקט דאָס זעלבע ; דאָן נאָך העכער, און נאָך העכער ; עס האָט אויסגעזען ווי די געביידע וואָלט אומענדלאַך געוואָקסן ; און פון איבעראַל האָט איר זיך פאַרנייגט אַרונטער, זיך אומגעקערט און געשפּראָכן מיט מענטשן, וואָס זיינען געשטאַנען הינטער אייך, אָבער אין דער אמת׳ן איז דאָרט גאָר קיינער נישט געווען. לאָרענצי אָבער איז אייך אַלץ נאָכגעלאָפן אויף די טרעפּ אַרויף, נאָר האָט אייך נישט גע־

קענט כאַפּן. איר האָט אים נעמלאָך פאַרגעסן צו געבן אַ נדבה..."

— נו, און ווייטער? — האָט קאַסאַנאָוואַ געפרעגט, ווען אַמאַליאַ איז שטיל געוואָרן.

— עס זיינען פאָרגעקומען נאָך אַ סך פאַרשידענע זאַכן, אָבער איך האָב פאַרגעסן — האָט געזאָגט אַמאַליאַ.

קאַסאַנאָוואַ איז געווען אַנטוישט. אין אַזעלכע פאַלן, ווען עס האָט זיך שוין געהאַנדלט וועגן חלומות, אָדער אַפילו איבער־געבנדיק אַ רעאַלע געשעעניש, איז געווען זיין טבע צו געבן דער דערציילונג אַן אָפּגערונדלטע פאַרענדיקונג, פּראָוואָנדיק אָנ־צודייטן אויף אַ זין. דאָפאַר האָט ער איצט באַמערקט אַ ביסל אומצופרידן:

— ווי פאַרקערט אַלץ איז אין חלום — מאַלט אייך, איך — אַלס רייכער מאַן און לאָרענצי אַלס בעטלער און אַלטער מאַן.

— לאָרענצי'ס רייכקייט — האָט געזאָגט אָליוואָ — איז ניט זייער הויך פון דאַנען. זיין פאָטער איז טאַקע גאַנץ פאַרמעג־לאָך, אָבער מיט דעם זון האַלט עס ניט אַזוי גוט.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך מער ניט געדאַרפט באַמיען מיט פראַגן. ער איז גלייך אינפאָרמירט געוואָרן, אַז די באַקאַנטשאַפט מיט דעם לייטענאַנט האָבן זיי צו פאַרדאַנקען דעם מאַרקיז. מיט עטלאַכע וואָכן צוריק האָט דער מאַרקיז מיטגעבראַכט לאָרענצי'ן אין אָליוואָ'ס הויז אַריין. וועגן די באַציאונגען צווישן דעם יונגן אָפיציער און דער מאַרקיזע, דאַרף מען אַזאַ מענטשן־קענער ווי דעם שוועוואַליע, ניט לייגן קיין פינגער אין מויל

אַריין. און איבעריגנס, אויב דער אייגענער מאַן האָט קעגן דעם גאַרנישט וואָס אויסצוזעצן, קענען מיר אודאי זיך גאַנץ רואיק האַלטן פונדערווייטנס.

— עס איז נאָך באַ מיר אַ גרויסע פראַגע — האָט קאַסאַנאָווע געזאָגט — צי דער מאַרקיז איז טאַקע אַזוי איינפאַרשטאַנדן, ווי איר מיינט, אַליוואַ. האָט איר ניט באַמערקט מיט וואָס פאַר אַ געמיש פון פאַראַכטונג און גרימצאָרן ער האָט זיך באַצויגן צו דעם יונגענמאַן? איך וואָלט ניט געוואָלט שווערן אַז די זאַך וועט זיך אויסלאָזן צום גוטן.

אַפילו איצט האָט זיך גאַרנישט געביטן אין מאַרקאַלינאַ׳ס אַנבליק און האַלטונג. זי האָט ניט אויסגעזען צו געבן די מינדסטע אופמערקזאַמקייט דעם שמועס וועגן לאָרענצי׳ן. נאָר איז שטיל געזעסן און מיט הנאה געקוקט אויפן לאַנדשאַפט. דער וועג האָט געפירט אַרויף מיט לייכטע דערהויבונגען און פילפאַכע זיגזאַגן, דורך אַ וואַלד פון אַליוון און שטיינאייכן. דאָ זיינען זיי געקומען צו אַ פּלאַץ, וואו די פערד האָבען געמוזט גיין נאָך לאַנגזאַמער ווי פריער און קאַסאַנאָווע האָט פאַרגעצויגען אַרויסצושטייגן און מיטגיין לעבן דעם געשפּאַן. מאַרקאַלינאַ האָט גערעדט פון דער שיינער אומגעבונג פון באָלאָגנאַ און פון די אָונטיקע שפּאַציר־גענג, וואָס זי פלעגט נעמען מיט דער טאָכטער פון דעם פּראָפעסאָר מאַרגאַני. זי האָט אויך דערמאָנט, אַז אויף נעקסטן יאָר פּלאַנט זי צו מאַכן אַ רייזע קיין פראַנקרייך, כדי זיך צו באַקענען פּערזענליך מיט סואַנדרענ׳ען, דעם באַרימטן מאַטעמאַטיקער פון דער פּאַריזער אוניווערזיטעט, מיט וועמען זי האָט געפירט אַ קאָרעספּאָנדענץ.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

„אינאייגנוועגס וועל איך זיך אפשר דערלויבן דאָס פאַרגעניגן". האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל, „אָפּצוטרעטן אין פערניי, כּדי צו הערן פון וואָלטערס אייגענע ליפּן, וואָס פאַר אַן איינדרוק עס האָט אויף אים געמאַכט די פּאָלעמישע שריפט פון זיין געפערלאַכסטן אַנטאַגאָניסט, דעם שעוואַליע פון סיינגאַלט".

קאַסאַנאָוואַ איז געגאַנגען מיט אַ האַנט אָנגעלענט אויף דער זייט פון וואָגן, לעבן מאַרקאָלינאַ׳ס אָרים, איר לויזער שאַל האָט אָנגערירט זיינע פינגער; ער האָט קיל געענטפערט:

— עס ווענדט זיך ניט אַזוי אין דעם הער וואָלטער׳ס מיינונג, נאָר אין דעם וואָס די קומענדיקע דורות וועלן דענקען וועגן מיין שריפט; ווארים נאָר זיי וועלן ערשט האָבן אַ רעכט אַרויסצוגעבן די ענדגילטיקע אַנטשיידונג וועגן דער פראַגע.

— גלויבט איר — האָט מאַרקאָלינאַ ערנסט געפרעגט — אַז אין פראַגן וועגן וועלכע עס איז דאָ די רייד קענען איבער־הויפּט מעגלאַך זיין ענדגילטיקע אַנטשיידונגען?

— די דאָזיקע פראַגע וואונדערט מיך צו הערן פון אייך. מאַרקאָלינאַ. כאָטש אייערע פילאָזאָפישע און, אויב דער אויס־דרוק איז געהעריק, רעליגיעזע אַנזיכטן, זענען מיר אויף קיין אופן נישט אויס אומבאַשטרייטבאַר, אָבער דאָך שיינען זיי צו זיין געגרונטפעסטיקט אין אייער נשמה — אויב איר גלויבט. אַז אַ נשמה איז פאַראַן.

מאַרקאָלינאַ, ניט אַכטנדיק די שפּיצקייט אין קאַסאַנאָ־וואַ׳ס רייד, האָט רואיק אַרויפגעקוקט צום הימל וואָס האָט זיך געשפּרייט טונקל־בלוי איבער די שפּיצן פון דיביימער, און געענטפערט:

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— טײַלמאַל, באַזונדערס אין טעג ווי הײַנט, — אירע ווערטער האָבן נאָר פאַר קאַסאַנאָוואַ׳ן, פאַר אים, וואָס האָט געוואוסט, מיטגעבראַכט אַ אָפּקלאַנג פון צײַטערדיקער פאַר־ערונג אין איר אויפגעוואַכט פרויען־האַרץ. — פיל איך ווי דאָס אַלץ וואָס ווערט אָנגערופן פילאָזאָפיע און רעליגיע וואָלט נאָר געווען אַ שפיל מיט ווערטער. אַ נאָבעלערער שפיל, אַן צווייפל, אָבער אויך זינלאָזער ווי עס זײַנען אַלע אַנדערע שפילן. צו באַנעמען די אומענדלאַכקייט און די אייביקייט, וועט אונדז שטענדיק זײַן פאַרבאָטן. אונדזער וועג פירט פון געבורט צום טויט. וואָס נאָך בלײַבט אונדז, חוץ לעבן לויט דעם געזעץ וואָס יעדער פון אונדז טראָגט אין זײַן האַרץ — אָדער אַ לעבן אין ווידערשפעניקונג קעגן דעם געזעץ? וואָרים ווידערשפּעניקייט ווי אונטערטעניקייט קומען בײַדע גלײַך פון גאָט.

אָליוואַ האָט געקוקט אויף זײַן פלעמעניצע מיט פאַרכמורזאַמער באַוואונדערונג. דאַן האָט ער אין אַנגסטן זיך אומגעקוקט אויף קאַסאַנאָוואַ׳ן. דער לעצטער האָט געטראַכט אויף אַן ענטפער וואָס זאָל קלאָר מאַכן פאַר מאַרקאָלינאַ׳ן, אַז זי האָט, אַזוי צו זאָגן, בשטעטיקט און פאַרלייקנט גאָט אין איין אָטעם־צוג; אָדער באַווײַזן, אַז גאָט און דער טײַוול זײַנען פאַר איר אַלצאיינס. אָבער ער האָט געשפּירט, אַז חוץ פוסטע ווערטער האָט ער קעגן איר געפיל גאָרניט וואָס אַנצואווענדן, און ווערטער זײַנען אים הײַנט גאָרנישט לײַכט אָנגעקומען. אָבער דער מאָדנער זיך פאַרצערנדער אויסדרוק פון זײַן פּנים האָט, ווייזט אויס, אַמאַליאַ׳ן דערמאָנט אין זײַנע משוגענע סטראַשונקעס פון נעכטן, און זי האָט זיך געאײַלט צו באַמערקן:

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— און דאָך איז מאַרקאָלינא אַ פרומע, איר מעגט עס מיר גלויבן, שעוואַליע.

מאַרקאָלינא האָט פאַרלוירן געשמייכלט.

— מיר זיינען אַלע רעליגיעז, יעדערער אויף זיין שטייגער — האָט קאַסאַנאָוואַ העפלאַך געזאָגט און געקוקט פאַראויס.

דער וועג האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעקערט און עס האָט זיך באַוויזן דער מאָנאַסטיר. איבער דער הויכער אַרומנעמענדער מויער האָבן זיך געשטרעקט די שפּיצן פון די שלאַנקע ציפּרעסן. אויף דעם גערויש פון דעם אָנקומענדן וואָגן האָט זיך דאָס טויער אויפגעעפנט. אַ פּאָרטער מיט אַ לאַנגער ווייסער באָרד האָט זיי געגריסט מיט ווירדע און אַריינגעלאָזט די געסט אימערוויניק. דורך אַן אָפענעם בויגן־שטעג, צווישן די זיילן, וואו מען האָט געזען אין ביידע זייטן אַ זייער פאַרוואַקסענעם טונקל־גרינעם גאָרטן, האָבן זיי גענענט צו דער קלויסטער געביידע. פון דער גרויער, אינגאַנצן אומבאַפּוצטער טורמע־מעסיקער מויער, האָט אויף זיי געוויינט אַן אומהיימלאַכע קילע לופט. אָליוואָ האָט אַ צי געטאָן דעם גלאָקן־שטריק, עס האָט שטאַרק אָפּגעהילכט און גלייך שטיל געוואָרן. אַ טיף פאַרשלייערטע נאָנע האָט שווייגנדיק געעפנט און האָט באַגלייט די געסט אין דעם גראָען ליידיקן אויפנעם־זאַל. דאָ זיינען בלויז געשטאַנען אַ פּאָר הילצערנע שטולן. די הינטערשטע זייט איז געווען אָפּגעשלאָסן מיט דיקע אייזערנע גראַטעס. פון יענער זייט איז אַלץ געווען פאַרשוואומען אין אַן אומבאַשטימטער טונקלקייט.

מיט ביטערניש אין הארצן האָט קאַסאַנאָוואַ זיך דערמאָנט אין יענעם אַוואַנטיור, וואָס האָט אים אַפילו נאָך היינט אויס־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

געזען צו זיין איינע פון זיינע וואונדערבאַרסטע איבערלעבונ־גען, און וואָס האָט זיך אָנגעפאַנגען אין אַן אומגעבונג זייער ענלאַך צו דערדאָזיקער. אין זיין דמיון זיינען אויפגעשטיגן די געשטאַלטן פון די צוויי נאָנען פון מוראַנאָ, וואָס זיינען גע־ווען פריינדינס אין זייער ליבע צו אים, און האָבן אים איינאיי־נעם פאַרשאַפט אומפאַרגלייכלאַכע שטונדן פון פאַרגעניגן. און ווען אָליוואָ האָט אין אַ פליסטער־טאָן אָנגעהויבן צו רעדן פון דער שטרענגער דיסציפלין אין וועלכער די שוועסטער ווערן דאָ געהאַלטן — זיינען זיי נאָר איינמאָל איבערגעקליידט געוואָרן. טאָרן זיי מער ניט צייגן דאָס אָנגעזיכט פאַר אַ מאַנסביל אומ־פאַרהילט, און חוץ דעם זיינען זיי געווען פאַראורטיילט צו איי־ביקן שווייגן — האָט אַ שמייכל אויפגעצוקט אַרום קאַסאַנאַ־וואַ׳ס ליפן וואָס זיינען באַלד ווידער פאַרגליווערט געוואָרן.

מיטאַמאָל איז די אַבעסע געשטאַנען צווישן זיי, ווי זי וואָלט אַרויסגעטויכט פון דער טונקלקייט. זי האָט שווייגנדיק באַגריסט די געסט. מיט אַ שטאַרק איבערגעטריבענער טיפער פאַרנייגונג פון איר פאַרהילטן קאָפּ האָט זי אָנגענומען קאַסאַ־נאָוואַס דאַנק פאַר דערלויבן אים, אַ פרעמדן, אַריינצוקומען. אָבער מאַרקאָלינאַ׳ן, וועלכע האָט געוואָלט קושן איר האַנט, האָט די אַבעסע איינגעשלאָסן אין אירע אָרעמס. דאַן האָט זי מיט אַ האַנטבאַוועגונג אַלעמען איינגעלאַדן איר נאָכצופאָלגן און האָט זיי געפירט דורך אַ קליינעם נעבנצימער, איבער אַ שטעג, וואָס איז געלאָפן אין אַ בליענדן פירעקיקן גאָרטן. אין קעגנזאַץ צו יענעם דרויסנדיקן, פאַרווילדעוועטן גאָרטן, האָט דער אויסגע־זען באַזונדער זאָרגזאַם אויפגעזען. די פיל רייכע זונבאַלויכ־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

טענע בלומען בייטן האָבן געפונקלט אין וואונדערלאַכע זיך־בייטנדיקע פאַרבן. אָבער די וואַרעמע, כמעט פאַר׳שכור׳נדע ריחות, האָבן זיך אויפגעלייזט מיט דעם דופט פון קעליש־בלי־אונג און האָבן געגעבן אַ געמיש אויף וואָס קאַסאַנאָוואַ האָט אין זיין זכרון ניט געקענט געפינען קיין פאַרגלייך. אָבער ווי נאָר ער האָט געוואָלט זאָגן אַ וואָרט וועגן דעם צו מאַרקאַ־לינא׳ן, האָט ער באַמערקט, האָט ער דערפילט ווי דערדאַזיקער אומפאַרשטענדלאַכער האַרץ־און־זין פאַר׳שכור׳נדער דופט אָטעמט אַרויס פון איר אַליין. דעם שאַל וואָס זי האָט ביז אַהער גע־טראָגן אויף די אַקסלען, האָט זי געהאַט אַראָפּגענומען און גע־האַלטן אויפן אָרים, און פון דעם אויסשניט פון איר לויז גע־וואָרענעם קלייד האָט אַרויסגעדופטעט דער אָדאָד פון איר לייב, וואָס איז געווען ווי נאַטור־פאַרוואַנט מיט די טויזנטער בלומען פון גאָרטן, און איז נאָך געווען מערקווירדיקער אין זיין אַרט.

די אַבעסע, נאָך אַלץ שווייגנדיק, האָט אַרומגעפירט די באַזו־כער צווישן די בלומען־בעטן אויף אַ שמאָלן פילפאָד געדרייטן שטעג, ווי דורך אַ זעלטענעם לאַבירינט. אין דער פלינקקייט און לייכטער ראַשיקייט פון איר גאַנג, האָט זיך געמערקט דער פאַר־גניגן וואָס זי אַליין האָט געהאַט צו ציינן אַנדערע די בונטע פּראַכט פון איר גאָרטן. און ווי זי וואָלט ביי זיך אָפּגעמאַכט צו מאַכן שווינדלען די קעפּ פון אירע געסט, האָט זי אַלץ פלינ־קער זיך געטראָגן פאָראויס, ווי די פירעריין פון אַ לעבעדיקן קאַראַהאָד. אָבער פּלוצלונג, אַזוי אַז קאַסאַנאָוואַ האָט געפילט ווי ער וואָלט זיך אויפגעכאַפּט פון אַ פאַרפּלאָנטערטן חלום, האָבן זיי זיך אַלע צוריק געפונען אין וואַרטזאַל. פון דער אַנדערער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

זייט גראַטעם האָבן געשוועבט טונקלע געשטאַלטן. קיינער האָט ניט געקאָנט אונטערשיידן אויב עס זיינען געווען דריי אָדער פינף אָדער צוואַנציק פאַרשלייערטע פרויען, וואָס האָבן געשוועבט הינטער די דיקע שטאַבעם אַהין און צוריק ווי אויפגעשוידערטע גייסטער. בלויז קאַסאַנאָוואַ׳ס נאַכטשניידנדיק אויג איז אימשטענד געווען גאָר אינגאַנצן צו דערקענען מענטשלאַכע סילועטן אין דער טיפער טונקלקייט..

די אַבעסע האָט באַגלייט אירע געסט צו דער טיר, שטומערהייט זיי געגעבן אַ געזעגנונג צייכן און איז שפּורלאָז פאַרשוואונדן. איידער יענע האָבן נאָך צייט געהאַט אויסצודריקן אַ געהעריקן דאַנק פאַר איר העפלאַכקייט.

פלוצלונג, ווען זיי האָבן שוין געהאַלט באַם פאַרלאָזן דעם זאַל, האָט פון יענער זייט גראַטעם זיך דערהערט אַ פרויען־שטים — „קאַסאַנאָוואַ“ — בלויז דער נאָמען און גאָרנישט מער, אָבער אין אַ טאָן וואָס קאַסאַנאָוואַ האָט נאָך, דאַכט זיך, קיינמאָל ניט געהערט. איז עס געווען זיינס אַן אַמאָליקע געליבטע, אָדער האָט ער קיינמאָל ניט געזען די פרוי וואָס האָט געבראָכן אַ הייליקן נדר כדי צום לעצטן, אָדער צום ערשטן מאָל צו הערן זיין נאָמען אָפּקלינגען אין דער לופט? איז געווען אין דעם די זעליקייט פון אַן אומדערוואַרטן ווידערזעען, די פיין פון דעם אומצוריקקערבאַרן, פאַרלוירענעם; אָדער האָט עס אויפגעציטערט אַ יאָמער, וואָס אַ הייסער באַגער פון די פאַרגאַנגענע טעג, איז אַזוי שפּעט און אַזוי נוצלאָז דערפולט געוואָרן? קאַסאַנאָוואַ האָט עס ניט געקאָנט באַשיידן, ער האָט בלויז געוואוסט, אַז זיין נאָמען, וואָס האָט אַזוי אָפט אַרויס־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

גערופן געפליסטער פון צערטלאַכקייט, געשטאַמל פון לײדנשאַפט, אויסרופן פון גליק, האָט היינט צום ערשטן מאָל מיט דעם פולן אָפּקלאַנג פון ליבע אַרײנגעדרונגען אין זיין האַרץ. און טאַקע דערפאַר אַליין האָט עס אים אויסגעזען זינלאָז און אומזויבער אַרויסצואווייזן וועלכע ניט איז נייגעריקייט; די טיר האָט זיך פאַרמאַכט הינטער זיי, איינשליסנדיק אַ סוד, וואָס ער האָט קיינמאָל ניט געזאָלט אויפלייזן. וואָלטן די אַנדערע זיך ניט אומגעקוקט און ניט איבערגעוואָרפן זיך מיט בליקן, אַז אויך זיי האָבן פאַרנומען דעם אויסרוף, וואָלט יעדערער פאַר זיך געקאָנט גלויבן, אַז דאָס איז געווען אַ שפּיל פון זיין אָדער איר פאַנטאַזיע. ווען זיי זיינען געגאַנגען צום טויער, דורך דעם שטעג צווישן די זיילן, האָט קיינער ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. קאַסאַנאָוואַ האָט זיי נאָכגעפאָלגט דער לעצטער מיט אַ געבויגענעם קאָפּ, ווי פון אַ זייער ערנסטן אָפּשיד.

דער פאָרטער האָט געוואַרט באַם טויער, האָט צוגענומען דאָס געשענק־געלט, די געסט זיינען אַרײנגעשטיגן אין וואָגן און האָבן זיך גלייך געלאָזט פאָרן אַהיים. אָליוואָ האָט אויסגעזען פאַרלוירן; אַמאַליאַ איז געווען פאַרכאַפּט. מאַרקאָלינא אָבער האָט אויסגעזען גאָרניט גערירט; און שווין צו אַבזיכטלאַך, ווי קאַסאַנאָוואַ׳ן האָט זיך אויסגעדוכט, האָט זי פאַרפירט אַ שמועס מיט אַמאַליאַ׳ן וועגן הויז־ווירטשאַפטלאַכע אַנגעלעגנהייטן, אין וואָס אָליוואָ האָט גלייך געמוזט קומען זיין ווייב צו הילף. קאַסאַנאָוואַ האָט זיך גלייך גענומען באַטייליקן אין דעם געשפּרעך וועגן קיך און קעלער. האָבנדיק אַן אויסגעצייכנטע פאַרשטענדניש אין אַזעלכע פראַגן, האָט ער ניט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אײַנגעזען קיין אורזאַך פֿאַרוואָס ער זאָל ניט אַרויסצייגן זיינע קענטנישן אויך אויף דעם דאָזיקן געביט. און ער האָט זיך גלייך גענומען באַווייזן זיין פּילזייטיקייט. אויך אַמאַליאַ האָט אויפֿגעוואַכט פֿון איר פֿאַרטראַגנקייט. נאָך דער כמעט זונדערבאַרער און פֿאַרפֿאָלגנדער אַוואַנטורע, פֿון וועלכער זיי האָבן איצט ווי אויפֿגעוואַכט, איז פֿאַר אַלעמען און באַזונדערס פֿאַר קאַסאַנאָוואַ׳ן, געווען אַן אַנגענעמער פֿאַרגעניגן זיך צו געפֿינען אין דער ערדישער אַטמאָספֿערע פֿון אַלטעגלאַכן לעבן. ווען דער וואָגן איז שטיין געבליבן פֿאַר אָליוואָ׳ס הויז, פֿון וואַנען עס האָט זיי אַנטקעגן געשמעקט דער איינלאַדנדיקער ריח פֿון בראָטן און אַלערליי געווירצן, האָט קאַסאַנאָוואַ פּונקט געהאַלטן אין מיטן אַן אַפּעטיט־רייצנדער שילדערונג פֿון אַ זייער געשמאַקן פּוילישן פּאַסטערן מאכל, צו וואָס אויך מאַרקאָלינאַ האָט זיך צוגעהערט מיט אַ געפֿיל פֿון ליב פֿאַר קאַסאַנאָוואַ׳ן און מיט דער ליבווירדיקייט פֿון אַ באַלעבאָסטע.

VI

אין אַ זעלטן באַרואיקטער כמעט פריידיקער שטימונג, וואָס האָט אים אַליין פאַרוואונדערט, האָט קאַסאַנאָוואַ זיך געזעצט צום טיש מיט די אַנדערע. אויף אַ שפּאַסיקן אופן האָט ער מאַרקאַליטאַ'ן אַרויסגעוויזן אַזאַ העפלאַכקייט, ווי עס וואָלט געפּאַסט פאַר אַ פאַרנעמען עלטערן מאַן צו אַן איידל-דערצויגענער יונגער פרייליין פון מיטלשטאַנד. זי האָט גערן אָנגענומען די העפלאַכקייט און אים אָפּגעענטפערט אין דעם זעלבן צירלאַכן מאַניער. עס איז אים איינפאַך שווער געווען זיך פאָרצושטעלן, אַז זיין זיטלאַכע שכנה איז עס געווען די זעלבע מאַרקאָלינאַ, פון וועמענס פענצטער ער האָט היינטיקע נאַכט געזען אַרויסשפּרינגען אַ יונגן אָפיציער, וואָס האָט זי זי-בער, מיט אַ פּאָר סעקונדן פריער געהאַלטן אין זיינע אָרעמס; עס איז אים אויך שווער געווען צו באַנעמען, אַז דאָס דאָזיקע צאַר-טע מיידל, וואָס האָט ליב געהאַט אַרומצושטיפן אויפן גראָז מיט קוים דערוואַקסענע קינדער, האָט געקאָנט פירן אַ געלערנטע קאָרעספּאָנדענץ מיט דעם באַרימטן סאַוואַנט פון פּאַריז. אין דערזעלבער צייט האָט ער פון זיך אָפּגעשפּעט פאַר דער נאַ-רישער פאַרשלאָפנקייט פון זיין פאַנטאַזיע. האָט ער דען ניט בײַ אומציילן געלעגנהייטן זיך איבערצייגט, אַז אין יעדער באמת לעבעדיקער מענטשלאַכער נשמה לעבן צוזאַמען, ניט נאָר פאַר-שידענע, נאָר אפילו פיינטלאַכע עלעמענטן אויף דעם פריד-

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

לאַכסטן אופן? ער אַליין, וואָס איז ערשט ניט לאַנג געווען אַן אויפגערודערטער ביז אין דער טיפעניש, אַ פאַרצווייפלטער, אַ מענטש וואָס איז באַרייט געווען אויף אַ בייזוויליקע טאַט, איז איצט געווען איידל, גינציק און אופגעלייגט צו אַזעלכע גוט־מוטיקע שפּאַסן, אַז אַליוואַ׳ס קליינע טעכטער האָבן זיך גע־קייקלט פון געלעכטער. נאָר נאָך זיין אומגעווינלאַכן, כמעט חיה׳שן אַפּעטיט, וואָס פלעגט אים שטענדיק באַפאַלן נאָך שטאַרקע אויפרעגונגען, האָט ער אַליין דערקענט, אַז קיין פולע אָרדנונג אין זיין נשמה איז נאָך דערווייל ניט געווען.

מיט איר לעצטן גאַנג האָט די דינסט מיטגעבראַכט אַ בריוו, וואָס אַ שליח פון מאַנטוא האָט נאַרוואָס געבראַכט פאַר דעם שעוואַליע. אַליוואַ האָט באַמערקט ווי קאַסאַנאָוואַ איז בלייך געוואָרן; ער האָט געהייסן געבן דעם שליח עסן און טרינ־קען, דאַן האָט ער זיך געווענדט צו זיין גאַסט:

— פילט אייך ניט געשטערט, שעוואַליע, איר קענט אייך רואיק לעזן אייער בריוו.

— איך בעט מיר אַנטשולדיקן — האָט געענטפערט קאַסאַנאָוואַ; מיט אַ לייכטער פאַרנייגונג האָט ער זיך אויפ־געהויבן פון טיש, איז צוגעגאַנגען צום פענצטער און געעפנט דעם צושריפט מיט אַ געמאַכטער גלייכגילטיקייט. עס איז געווען פון דעם הער בראַגאַדינאָ, אַן אַלטער פריינט פון זיין פאַמיליע, אַן אַלטער בחור וואָס איז שוין איצט געווען איבער אַכציק און זינט די לעצטע צען יאָר, אַ מיטגליד פון אויבערשטן ראַט; ער האָט אויסגעזוכן זיך צו באַשעפטיקן מיט קאַסאַנאָוואַ׳ס אָנ־געלעגנהייט מיט מער טיכטיקייט ווי די אַנדערע. דער בריוו

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איז געווען געשריבן אין אַ זעלטן צירלאַכער אָבער אַ ביסל צי־טערדיקער האַנטשריפט און האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

„מיין ליבער קאַסאַנאָוואַ:

ענדלאַך געפין איך זיך היינט אין דער אנגענעמער לאַגע צו שיקן אייך די נאַכריכט, וואָס דאַרף, ווי איך האָף, רעכטפאַר־טיקן דעם עצם פון אייערע וואונטשן. דער אויבערשטער ראַט האָט אויף דער זיצונג, וואָס איז נעכטן פאָרגעקומען, זיך ניט נאָר דערקלערט בארייט צו באַוויליקן אייער צוריקקער קיין ווע־נעדיג, נאָר ווינטשט זאָגאָר, אַז אייער קומען זאָל ווי ווייט מעג־לאַך צוגעאיילט ווערן. דערמיט ווערט באַאבזיכטיקט גלייך אויפצופאָדערן פון אייך די טעטיקע דאַנקבאַרקייט, וואָס איר האָט אָנגעקינדיקט אין אייערע צאָלרייכע בריוו.

אייך איז עס פיליכט ניט באַקאַנט (ווייל מיר האָבן דאָך אַזוי לאַנג געמוזט אויסקומען אָן אייער נויטיקער קעגנוואַרט), אַז די אינערלאַכע אַנגעלעגנהייטן פון אונדזער טייערער געבורט־שטאָדט, האָבן אין פאַרלויף פון דער לעצטער צייט אומגינסטיק זיך געענדערט, אין פּאָליטישע פונקט ווי אין מאָראַלישע הינ־זיכטן. עס זיינען דאָ אַנטשטאַנען געוויסע געהיימע געזעל־שאַפטן, וואָס זיינען אין קעגנערשאַפט צו אונדזער שטאַט און קאָנסטיטוציע, און זעען אַפילו אויס צו פּלאַנעווען אַ געוואַלטזאַמע איבערקערעניש. די מיטגלידער פון די דאָזיקע פאַרבאַנדן, וועלכע מען מעג אויך באַצייכנען מיט דעם האַרבן וואָרט, פאַר־שווערונגען, קומען הויפּטזאַכלאַך, ווי עס איז צו דערוואַרטן, פון געוויסע פרייזיניקע, אומרעליגיעזע, דיסציפּלינלאָזע עלעמענטן.

שוין אָפּגערעדט פון דעם וואָס עס גייט אָן אין דער שטיל,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ווערן געפירט די סקאַנדאַלעזמע, יאָ, ווי אונדז איז באַקאַנט, אַ צווייפל שטאַאַט־פאַררעטערישע געשפּרעכן אויף עפנטלאַכע פּלע־צער און אין די קאַפע־הייזער. אָבער נאָר אין זעלטענע פאַלן געלינגט עס די שולדיקע צו דערטאַפּן בעת זייער טעטיקייט אָדער צו קריגן קעגן זיי וועלכע ניט איז זיכערע באַווייזן. גראָד האָבן אייניקע, דורך פייניקונג אַרויסגעצוואונגענע קאָנפעסיעס זיך אַרויסגעוויזן פאַר זייער ניט גלויבנסווערט, אַזוי אַז אַ טייל מיטגלידער פון אויבערשטן ראַט האָבן זיך אויסגעשפּראָכן דאַפאַר, אַז אין דער צוקונפט זאָל מען זיך ליבערשט צוריק־האַלטן פון אַזעלכע גרוויזאַמע און דערצו אָפט צו טעות פירנ־דיקע אונטערזוכונגס מעטאָדן. אין דער אמת׳ן איז נישטאָ קיין מאַנגל אין אַזעלכע לייט, וואָס וואָלטן זיך גערן געשטעלט אין דינסט פון דער רעגירונג, פאַר דעם וואוילשטאַנד פון דער עפנטלאַכע אָרדנונג און נוצן פון שטאַאַט ; אָבער פון דידאָ־זיקע לייט זיינען די מערסטע צו גוט באַקאַנט אַלס טיכטיקע אָנ־הענגער פון דער עקזיסטירנדיקער קאָנסטיטוציע, אַזוי אַז אין זייער קעגנוואַרט, היט מען זיך אויס ניט אַרויסצוכאַפּן זיך מיט קיין שטאַאַט־פאַררעטערישע אויסדרוקן.

בײַ דער נעכטיקער זיצונג האָט איינער פון די סענאַטאָרן, וועמענס נאָמען איך וועל פאַרלויפיק ניט אָנרופן, אויסגע־שפּראָכן די מיינונג, אַז איינער וואָס איז באַטראַכט געווען אַלס אַ מענטש אָן מאָראַלישע גרונטפּרינציפּן און נאָך מער באַקאַנט אַלס פריידענקער — קורץ, אַ מענטש ווי איר, קאַסאַנאָוואַ, — ווען ער וואָלט זיך צוריקגעוויזן אין ווענעדיג, וואָלט ער אָנצווייפל געקראָגן אַ סימפּאַטישע אויפנאַם, גראָד אין אַזעלכע קרייזן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

פון וועלכע עס איז דאָ די רייד ; און — מיט אַ ביסל גע־שיקטקייט פון זיין זייט — וואָלט ער געמוזט אַרויסרופן פול־שטענדיקן פאַרטרויען.

נאָך מיין מיינונג נאָך, וועלן אומפאַרמיידלאַך, ווי צו־געצויגן דורך דעם געזעץ פון דער נאַטור, זיך אַרומזאַמלען אַרום אייך אַלע יענע עלעמענטן, וואָס דער אויבערשטער ראַט, אין זיין אומדערמידלאַכער באַזאָרגטקייט פאַר דעם וואָולשטאַנד פון דעם שטאַט, זוכט צו מאַכן אומשעדלאַך און באַשטראָפן אויף אַן עקזעמפּלאַרן אופן. און אַזוי מיין ליבער קאַסאַ־נאָוואַ, וועלן מיר עס באַטראַכטן ניט נאָר אַלס באַווייז פון אייער פּאַטריאָטישער איבערגעבנקייט, נאָר אויך אַלס אומצווייפל־האַפטן צייכן פון אייער פולקומענער אָפּקערונג פון אַלע יענע טענדענצן, פאַר וועלכע איר האָט אין יענער צייט געמוזט אָפּקומען אין די בלייקאַמערן, אַ שטראָף, כאָטש זייער אַ הארבע, אָבער ווי איר זעט עס איצט אַליין איין (אויב מיר דאַרפן גלויבן אייערע ברייוולאַכע פאַרזיכערונגען) איז ניט געווען גאַנץ אומפאַרדינט. דאָס מיין איך, ווען איר זאָלט זיין באַרייט גלייך באַ אייער אַהיימקער צו האַנדלען אין דעם פריער אָנגעדייטן זין, צו זוכן באַקאַנטשאַפט מיט די אויווען אויספירלאָך גע־שילדערטע עלעמענטן, צו מאַכן מיט זיי פאַרבינדונגען אויף אַ חבר׳שן אופן, ווי איינער וואָס איז אַן אָנהענגער פון דיזעלבע טענדענצן און איבערגעבן אַן אויספירלאַכן באַריכט צום סע־נאַט, וועגן אַלץ וואָס וועט אייך אויסזען פאַרדעכטיק אָדער וואָס איז ווערט צו וויסן.

פאַר דערדאָזיקער דינסט איז מען גענייגט אייך אָנצובאַ־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

מען פאַר דער אָנפאַנג צייט אַ מאַנאַטלאַכן געהאַלט פון צוויי הונדערט און פופציק לירעס. חוץ די עקסטרא גראַטיפיקאַציעס אין איינצלנע באַזונדערע וויכטיקע פאַלן. עס וועלן, נאַטירלאַך אויך, געדעקט ווערן, אַן נאָכרעכנונג און קאַרגשאַפט, די אַלע קאָסטן וואָס וועלן זיך אייך פאָדערן זייענדיק אין דינסט, (ווי אַ שטייגער, דאָס טראַקטירן פון דער אָדער יענער פּערזאָן, קליינע מתנות פאַר פרויען און אַזוי ווייטער).

איך וויל עס אויף קיין פאַל פון זיך ניט פאַרהוילן, אַז איר וועט האָבן צו באַקעמפן געוויסע צווייפלען איידער איר וועט זיך אַנטשליסן אויסצופירן אונדזערע וואונטשן אין דעם אַנגעגעבענעם זין. אָבער דערלויבט מיר, אַלס אייערם אַן אַלטן אויפריכטיקן פריינט (וועלכער איז אַליין אויך אַמאָל יונג געווען) אייך אויפצוקלערן, אַז עס קאָן קיינמאָל ניט גילטן אַלס אומערנהאַפט פאַר אַ מענטש צו געבן וועלכע ניט איז דינסט, נויטווענדיק פאַר דעם זיכערשטאַנד פון זיין באַליבטן פאָטערלאַנד, אַפילו ווען דאָס איז אַ דינסט וואָס קען פאַר דעם אויבערפלאַכן און ניט פּאַטריאָטיש־דענקענדן בירגער, אויסזען פון אַן אומווירדיקן כאַראַקטער. איך וואָלט אויך וועלן צוגעבן, אַז איר, קאַסאַנאָוואַ, זענט מענטשן־קענער גענוג צו קאָנען אונטערשיידן דעם לייכטזיניקן פון דעם פאַרברעכער, אָדער דעם אָפּשפּעטער פון דעם אפיקורס ; און אַזוי וועט איר אַליין האָבן די מאַכט, אין באַדענקונגווערטע פאַלן, צו פאַרבייטן גנאָד פאַר גערעכטיקייט און אַלעמאָל איבערגעבן צום באַשטראָפן נאָר דעם יעניקן, וואָס האָט עס, נאָך אייער איבערצייגונג, פאַרדינט.

פאַר אַלעם אָבער, וואָלט איך וועלן איר זאָלט אין זינען

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

האָבן, אַז ווען איר זאָלט צוריקווייזן דעם גענעדיקן פאָרשלאָג פון דעם אויבערשטן ראַט, איז מעגלאַך אַז די דערפילונג פון אייער הייסטן וואונטש — צוריק צו קערן אין אייער געבורט־שטאָט — זאָל פאַרשיבט ווערן אויף אַ לענגערע, און ווי איך האָב מורא, אויף אַן אומבאַשטימטע צייט; און אַז איך אַליין, אַלס אַן איינאונאַכציק יעריקער זקן, וועל, לויט יעדער מענטשלאַכער מעגלאַכקייט, זיך מוזן אָפּזאָגן פון דער פרייד אייך ווידער אַמאָל צו זען אין מיין לעבן.

ווייל צוליב פאַרשטענדלאַכע אורזאַכן, וועט אייער באַשטימונג זיין פון אַ פאַרטרוילאַכן און ניט עפנטלאַכן כאַראַקטער, בעט איך אייך צו אַדרעסין צו מיר פערזענלאַך אייער ענטפער, פאַר וועלכן איך פיל זיך געבונדן און פאַרלאַנג מיטצוטיילן דעם אויבערשטן ראַט צו דער נעקסטער זיצונג, וואָס וועט פאָרקומען פון היינט איבעראַכטאָג; און זעט ווי ווייט מעגלאַך זיך צוצואיילן, וואָרים, ווי איך האָב אייך שוין פריער אָנגעוויזן, קומען אונדז טעגלאַך אָן אַנבאָטן פון פיל העכסט פאַרטרויענסווערטיקע פערזאָנען, וואָס זיינען גרייט אויס ליבע צום פאָטערלאַנד, פרייוויליק צו טאָן דעם פאַרלאַנג פון דעם אויבערשטן ראַט. עס איז אָבער אַנצווייפל ניטאָ קיין איינער פון זיי, וואָס וואָלט זיך געקאָנט פאַרגלייכן מיט אייך, מיין ליבער קאַסאַנאָוואַ, אין דערפאַרונג און אין אינטעליגענץ; און ווען צו דעם אַלץ וואָס איך האָב דאָ פאָרגעבראַכט, וועט איר נאָך נעמען אין באַטראַכט מיין אייגענע סימפאַטיע פאַר אייך, דאַן קען איך קוים צווייפלען אין דעם, אַז איר וועט

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

פריידיק ענטפערן אויף דעם רוף, וואָס קומט צו אייך פון אַזאַ הויכן און גיטיקן שטאַנד.

ביז דאַן פאַרבלייב איך, אין אומפאַרענדערלאַכער פריינט־שאַפט, אייער איבערגעבענער

בראַגאַדינאָ.

פּאָסטסקריפּט. גלייך נאָך דער פאַרקינדיקונג פון אייער אָנטשלוס, וועט עס זיין מיין פאַרגעניגן אויסצושטעלן אַ וועקסל אויף צוויי הונדערט לירעס אויף דעם באַנקהויז פּאָלאַרי אין מאַנטואַ, צו דעקן אייערע רייזע קאָסטן.

דערזעלבער."

לאַנג נאָכדעם ווי קאַסאַנאָוואַ האָט געהאַט איבערגעליי־ענט דעם בריוו, האָט ער נאָך אַלץ געהאַלטן דאָס בלאַט פאַרן פּנים, כדי צו פאַרשטעלן די טויטע בלאַסקייט פון זיין פאַר־קרעמפּטן געזיכט. דאָס קלינגעריי פון טעלער און קלימפּערן פון גלעזער באַם טיש, איז אָנגעגאַנגען כסדר, אָבער קיינער האָט ניט אַרויסגערעדט קיין וואָרט. ענדלאַך האָט זיך דערהערט אַמאַליאַ'ס שטים ווי אין פאַרלעגנהייט:

— דאָס עסן ווערט קאַלט שעוואַליע, ווילט איר זיך ניט וואָקזועצן ?

— איך דאַנק אייך זייער — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ. באַווייזנדיק ווידער זיין געזיכט, וואָס ער האָט איצט, אַ דאַנק זיין אויסערגעוויינלאַכער קענטשאַפט זיך צו פאַרשטעלן, גע־קענט געבן אַ רואיקן אויסזען, — עס איז זייער גוטע נייעס פון ווענעדיג, וואָס איך האָב דאָ דערהאַלטן, און איך מוז גלייך

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אוועקשיקן מיין ענטפער, איך בעט דערפאר, איר זאָלט מיר אנטשולדיקן, ווייל איך מוז אייך איצט פארלאָזן.

— טוט אזוי ווי עס איז אייך באקוועם, שעוואליע, — האָט געזאָגט אָליוואָ, — אָבער פארגעסט נישט, אז אין א שטונדע ארום פאנגען מיר אָן צו שפילן.

קאַסאַנאָוואַ איז ארויפגעגאנגען אין זיין צימער. ער איז אראָפּגעזונקען אויף א שטול. א קאַלטער שווייס האָט ארומגעזעצט פון זיין גאנצן קערפער, ער האָט געציטערט ווי אין פיבער און דער עקל איז אים ארויפגעשטיגן ביז צום האלדז. אזוי אז ער האָט געפילט אז ער וועט דאָ באלד דערשטיקט ווערן. א צייט לאנג איז ער ניט אימשטאנד געווען אויפצונעמען קיין קלאָרן געדאנק, און ער האָט אנגעווענדט אלע זיינע כוחות זיך איינצוצווימען, ניט ווייסנדיק אליין אויף קלאָר פארוואָס. דען דאָ אין דעם צימער איז דאָך ניט געווען קיינער, אויף וועמען ער זאָל קאָנען אויסגיסן זיין אומגעהייערן צאָרן. אָבער ער האָט נאָך געהאט גענוג קלאָרקייט איינצוזעען דעם אומזין פון דעם אומקלאָרן איינפאל, אז מארקאַלינא איז אויף א וועלכן ניט איז אופן א מיטשולדיקע אין דער נאָמענלאָזער שאַנד וואָס איז אויף אים ארויפגעלייגט געוואָרן.

ווען ער איז געקומען צו זיך, איז זיין ערשטער געדאנק געווען צו נעמען נקמה אין די אויסוואורפן, וואָס האָבן גע־גלויבט, אז מען קאָן אים דינגען אלס פּאָליציי־שפּיאָן. א פארשטעלטער וואָלט ער זיך געוואָלט אוועקלאָזן קיין ווענעדיג און אויף א ליסטיקן אופן אריבערפעקלען אויף יענער וועלט

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

אַלע די מאַכטהאָבער — אָדער ווייניקסטנס, די יעניקע וואָס האָבן אויסגעאַרבעט דעם פאַרעכטלאַכן פּלאַן.

איז עס אפשר גאָר געווען בראַגאַדינאָ אַליין ? פאַרוואָס נישט ? אַ זקן וואָס האָט אינגאַנצן פאַרלוירן יעדער בושה, אַזוי אַז ער האָט געוואָגט צו שרייבן דערמאָזיקן בריוו צו קאַסאַנאָוואָ'ן; אַזוי שוואַכזיניק איז ער געוו[illegible]ן ער האָט געקאָנט אָננעמען, אַז ער, קאַסאַנאָוואַ, — קאַסאַנאָוואָ ! — דער, וועמען ער האָט אַמאָל געקענט, וועט זיך פּאַסן צו זיין אַ שפּיאָן. אַ. ער האָט קאַסאַנאָוואָ'ן פּשוט מער נים געקענט ! קיינער האָט אים מער נים געקענט, אין ווענדיג פונקט אַזוי ווייניק ווי אַנדערשוואו. אָבער מען וועט זיך ווידער דערוויסן ווער ער איז.

ער איז אמת מער ניט געווען יונג גענוג און שיין גענוג, כדי צו פאַרפירן אַ צניעותדיק מיידל. ער האָט אויך מער נישט געהאַט די פלינקייט און גענוג פייאיקייט, וואָס פאַדערט זיך אויף צו מאַכן פלטה פון טורמע און אויף גימנאַסטישע טורנירן איבער דעכער — אָבער ער איז נאָך אַלץ קליגער פון זיי אַלעמען ! און זאָל ער נאָר איינמאָל אַריינקומען קיין ווענדיג, אַזוי וואָלט ער זיך דאָרט געקאָנט דערלויבן אָפּצוטאָן, וואָס עס וואָלט זיך אים געגליסט ; די ערשטע זאַך וואָס דאַרף געטאָן ווערן איז, אַהין קומען ! דאָן וואָלט עס אפשר גאָרניט נויטיק געווען וועמען ניט־איז אומצוברענגען. עס זיינען פאַראַן אַנדערע, פאַרשידענע סאָרטן נקמות, און שאַרפזיניקערע, מער טייוולישע, ווי אַ געוויינלאַכער מאָרד וואָלט געווען. ווען ער זאָל כלומר'שט אָננעמען דעם אָנבאָט פון די

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

אויטאָריטעטן, וואָלט עס געווען די לייכטסטע זאַך אין דער וועלט, צו רואינירן גראַד די יעניקע, וועמען ער האָט געוואָלט רואינירן, אַנשטאָט צו דערפירן צו רואינע דידאָזיקע מענטשן, וועמען דער אויבערשטער ראָט האָט געהאַט אין זינען. און וועלכע זיינען זיכער געווען די בראַווסטע בירגער צווישן אַלע ווענעציאַנער! וואָס? ווייל זיי זיינען געווען שונאים פון דערדאָזיקער נידערטרעכטיקער רעגירונג, ווייל זיי האָבן גע־גאָלטן אַלס אַפּיקורסים, זאָלן זיי פינצטערן אין די בלייקאַ־מערן, וואו ער האָט אָפּגעפינצטערט מיט פינפאונצוואַנציק יאָר צוריק? אָדער אפשר זאָלן זיי גאָר גיין אונטערן תליונ'ס האַק? ער האָט געהאַסט די רעגירונג נאָך הונדערט מאָל מער פון זיי, און פאַר בעסערע אורזאַכן ווי זיי האָבן געהאַט; און זיין גאַנץ לעבן לאַנג איז ער געווען אַן אַפּיקורס, איז עס נאָך געווען היינט צו טאָג און מיט היילוקערע איבערצייגונג־גען פון זיי אַלע! אַ מאָדנע קאָמעדיע האָט ער עס זיך אָפּ־געשפּילט פאַר די לעצטע יאָרן — בלויז אויס לאַנגווייליקייט און נודאַטע. ער זאָל גלויבן אין גאָט? וואָס איז דאָס פאַר אַ גאָט, וואָס איז גנעדיק בלויז צו די יונגע, און די אַלטע האָט ער געלאָזן אויף הפקר? אַ גאָט, וואָס האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַ טייוול, ווען עס איז אים געפעלן, און האָט פאַרביטן רייכטום אויף אָרימקייט, גליק אויף אומגליק און פרייד אויף פאַרצווייפלונג. — „דו מאַכסט דיר שפּאַס מיט אונדז — און מיר זאָלן ליבן צו דיר? צו צווייפלען אין דיר איז דער איינציקער מיטל וואָס עס בלייבט אונדז — אויב מיר

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

זאָלן דיך נישט לעסטערן! דו עקזיסטירסט ניט! און ווען דו עקזיסטירסט יאָ, מוז איך די שעלטן!"

ער האָט געבײלט די פויסטן צום הימל און זיך אויסגעשטרעקט אין דער הייך. אומווילִיק האָט זיך אַ פאַרהאַסטער נאָמען אַראָפּגעריסן פון זיינע ליפּן. וואָלטער! יאָ, איצט איז ער געווען אין דער ריכטיקער שטימונג צו פאַרענדיקן זיין פּאָלעמיק קעגן דעם אַלטן חכם פון פערניי. צו פאַרענדיקן? ניין, איצט איז די צייט עס אָנצופאַנגען. אַ נייע! אַן אַנדערע! אַזאַ, אין וועלכער דער לעבערלאַכער גרייז זאָל אָוועקגעשטעלט ווערן ווי ער האָט עס פאַרדינט... פאַר זיין פאַרזיכטיקייט, פאַר זיין גיין האַלב־וועג, פאַר זיין באַהעלפערישן ווילן. ער, אַן אומגלויבקער? דער מאַן, וועגן וועמען מען הערט נישט אויף צו דערציילן, זינט אַ לענגערע צייט, אַז ער געפינט זיך אין די בעסטע באַציאונגען מיט די גלחים, גייט אין קלויסטער, און אַז אין די יום־טוב טעג איז ער אפילו זיך געגאַנגען מתודה זיין. אַן אַפּיקורס איז ער? אַ פּלוידערזאַק, אַ באַרימערישער פּחדן — און גאָרנישט מער! איצט אָבער איז געקומען דער מורא׳דיקער יום־הדין, נאָך וועלכן עס וועט פון דעם פילאָזאָף ניט איבערלייבן מער ווי אַ קליינער וויציקער טינטלער."

מיט וואָס פאַר אַ מינע ער האָט עס זיך אַ זאָג געטאָן, דער ווירדיקער הער וואָלטער... „אַ, מיין ליבער הער קאַסאַנאָוואַ, איך בין אויף אַן אמת בייז אויף אייך. וואָס גייען מיך אָן די ווערק פון דעם הער מערלין? עס איז אייער שולד וואָס איך האָב פאַרשווענדט פיר שטונדן אויף זינלאָזיקייטן."

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

עס איז אַ געשמאַק זאַך, מיין בעסטער הער וואָלטער! מענטשן וועלן ניט אויפהערן צו לעזן מערלינ׳ס ווערק לאַנג נאָכדעם ווי La Pucelle וועט שוין זיין פאַרגעסן. גאַנץ מעגלאַך, אַז אויך מיינע סאָנעטן וועט מען נאָך דאַן שאַצן, דיזעלבע סאָנעטן. וואָס איר האָט מיר מיט אַזאַ אומפאַרשעמטן שמייכל צוריק־געגעבן, ניט פאַרלירנדיק אַפילו קיין וואָרט וועגן זיי. אָבער לאָמיר ניט פאַרטושן אַזאַ גרויסע אַנגעלעגנהייט דורך שריפט־שטעלערישער עמפינדלאַכקייט. דאָ האַנדלט זיך וועגן דער פילאָזאָפיע — וועגן גאָט! מיר וועלן קרייצן די שווערדן. הער וואָלטער, איר זאָלט מיר נאָר ניט שטאַרבן פאַר דער צייט.

ער האָט שוין געדענקט גלייך אויפן אָרט זיך נעמען צו דעם אָנפאַנג פון זיין נייער אַרבעט, ווען ער האָט זיך דער־מאָנט, אַז דער שליח וואַרט אויף אַן ענטפער. מיט אַ שנעלער האַנטשריפט האָט ער אָנגעוואָרפן אַ בריוו צו דעם אַלטן שוטה בראַגאַדינאָ, אַ בריוו פול מיט היפּאָקריטישער באַשיידנקייט און כלומר׳שטער אַנטציקונג: מיט פריידיקער דאַנקבאַרקייט נעמט ער אָן די גנאָד פון דעם אויבערשטן ראַט, און אַז ער דערוואַרט דאָס וועקסל מיט דער אָנקומענדער פּאָסט, כּדי ער זאָל קענען אַזוי שנעל ווי מעגלאַך זיך שטעלן פאַר זיינע וואויל־טעטער, און פריער פון אַלץ, אַראָפּצוקנידערן צו די פיס פון זיין שטאַרק פאַרערטן פאַמיליען פריינט, בראַגאַדינאָ.

בעת ער האָט געהאַלטן באַם פאַרזיגלען דעם בריוו, האָט זיך דערהערט אַ לייכט קלאַפּן אין דער טיר; אַלאַיוואַ׳ס טאָכ־טער, די דרייצניעריקע טערעזינאַ, איז אים געקומען אָנזאָגן,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אַז די גאַנצע קאָמפּאַניע איז פאַרזאַמלט באַם קאָרטנטיש און אַז זיי וואַרטן אומגעדולדיק אויף דעם שעוואַליע אַנצופאַנגען, אירע אויגן האָבן מאָדנע געפינקלט, אירע באַקן זיינען געווען פאַרויטלט, די פּרוויליאַר־געדיכטע האָר זיינען אַראָפּגעפאַלן מיניענדיק שוואַרץ איבער אירע שלייפן; דאָס קינדישע מויל איז געווען האַלב אויפגעעפנט.

— האָסט געטרונקען וויין, טערעזינאַ, — האָט קאַסאַנאָוואַ געפרעגט און מיט איין לאַנגן שפּריין צו איר צוגעקומען.

— וואָרהאַפטיק — און דער הער שעוואַליע האָט עס גלייך באַמערקט? — זי איז נאָך רויטער געוואָרן און ווי אין פאַרלעגנהייט האָט זי געפירט מיט דער צונג איבער דער אונטערשטער ליפּ.

קאַסאַנאָוואַ האָט זי אַ פּאַק געטאָן באַ די אַקסלען, געאָטעמט איר אין פּנים אַריין, און זי מיטגעצויגן מיט זיך צום בעט; זי האָט געקוקט אויף אים מיט גרויסע הילפלאָזע אויגן. אין וועלכע דער אָפּשיין איז איצט געווען פאַרלאָשן. אָבער ווען זי האָט געעפנט איר מויל צו שרייען, האָט איר קאַסאַנאָוואַ געוויזן אַזאַ סטראַשענדיקן אויסזען, אַז זי איז כמעט פאַרגליווערט געוואָרן און האָט אים געלאָזט טאָן מיט זיך וואָס אים האָט זיך געגלוסט.

ער האָט זי געקושט מיט אַ ווילדער צערטלאַכקייט און געפליסטערט: „דו זאָלסט דאָס ניט דערציילן דעם אַבאַט, טערעזינאַ, אפילו ניט אין דער קאָנפעסיע. און שפּעטער ווען דו וועסט האָבן אַ געליבטן אָדער אַ חתן אָדער אפילו אַ מאַן,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

דאַרף ער אויך גאָרניט וויסן וועגן דעם. זאָלסט איבערהויפּט קיינמאָל ניט זאָגן דעם אמת; אפילו פאַר דעם טאַטן, דער מאַמען, די שוועסטער זאָלסטו דעם אמת ניט זאָגן; כדי עס זאָל דיר גוט זיין אויף דערדאָזיקער ערד. האָב דאָס אין זי־נען."

אַזוי האָט ער געלעסטערט, און טערעזינאַ האָט זיינע רייד אודאי געמוזט אָננעמען פאַר אַ הייליקע ברכה, ווארים ווען ער האָט דאָס איבער איר געזאָגט, האָט זי אָנגענומען זיין האַנט און זי פרום געקושט, ווי דאָס וואָלט געווען די האַנט פון אַ גלח.

ער האָט הויך אויפגעלאַכט: „קום," האָט ער געזאָגט, "קום, מיין קליינע פרוי, געאָרעמט וועלן מיר אַרונטערגיין אונטן אין זאַל אַריין."

זי האָט זיך אַ ביסל געשעמט, אָבער גאַנץ צופרידן געשמייכלט.

עס איז געווען די העכסטע צייט פאַר זיי צו פאַרלאָזן דאָס צימער; ווארים אַליוואַ איז אָנגעקומען צו לויפן אויף די טרעפּ אַרויף; ער איז געווען אַ דערהיצטער, דאָס פנים פאַרצוקט, אַזוי אַז קאַסאַנאָוואַ האָט זיך גלייך אַמעשטוויסן, אַז דער מאַרקיז אָדער דער אַבאַט, האָבן מיט אַ ניט איידעלן שפּאַס אין אים אויפגעוועקט אַ פאַרדאַכט וועגן דעם, וואָס טערעזינאַ זוימט זיך אַזוי לאַנג. זיין פנים האָט גלייך אויפ־געלעבט ווען ער האָט דערזען קאַסאַנאָוואַ׳ן שטייענדיק אויף דער שוועל, און ווי אויף שפּאַס, געאָרעמט מיט דער מיידל.

— אַנטשולדיקט מיר, מיין ליבער אַליוואַ, וואָס איך האָב

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איך געלאָזט ווארטן — האָט קאַסאַנאָוואַ געזאָגט — איך האָב געמוזט ענדיקן מיין בריוו — ער האָט געהאַלטן דעם קאָנווערט אַנטקעגן אַלאָוואַ׳ן ווי פאַר אַ באַוויַיז.

— נעם עס — האָט אַליוואַ געזאָגט צו טערעזינאַ׳ן, צו־גלעטנדיק אירע אַ ביסל צעוואָרפענע האָר — און גיב עס איבער דעם שליח.

— דאָ זיינען צוויי גאָלדשטיקער, גיב עס דעם מאַן — האָט קאַסאַנאָוואַ צוגעגבן — ער מוז זיך צואיילן, כדי דער בריוו זאָל נאָך היינט אָפּגיין פון מאַנטואַ קיין ווענעדיג. און מיין באַלעבאָסטע פון גאַסטהויז זאָל ער אָנזאָגן, אַז נאָך היינט אַוונט וועל איך אַהין צוריקקומען.

— היינט אָוונט! — האָט אַליוואַ אויסגערופן — אומ־מעגלאַך!

— נו, מיר וועלן נאָך זען — האָט קאַסאַנאָוואַ נאָכגיביק געזאָגט — און דאָ, טערעזינאַ, נעם, אַ גאָלדשטיק פונדיינעטוועגן.
— וועזן אַליוואַ האָט עס אָפּגעווענט האָט ער צוגעגעבן — לייג עס אריין אין דיין שפּאַר־קעסטל, טערעזינאַ; דער בריוו וואָס דו האָסט אין דער האַנט, איז ווערט טויזנטער מאָל אַזוי פיל.

טערעזינאַ איז אַוועקגעלאָפן און קאַסאַנאָוואַ האָט צופרידן געשאָקלט מיטן קאָפּ, ווי האָט ער גאָר געקאָנט פאַרגעסן אַז אויך איר מאַמע און באַבע האָבן זיך אים שוין אַמאָל געהאַט אָפּ־געגעבן און עס איז פאַר אים געווען אַ גאַנץ באַזונדערער שפּאַס צו באַצאָלן דער קליינער מיידל פאַר דער הנאה אין די אויגן פון איר אייגענעם פאָטער.

VII

ווען קאסאנאָוואַ איז מיט אַליוואַ'ן אַריינגעקומען אין זאַל, האָט מען דעם קאָרטן־שפּיל שוין געהאַט אָנגעפאַנגען. ער האָט געענטפערט מיט מונטערקייט און ווערדע אויף די עמפּאַטישע באַגריסונגען פון די פאַרזאַמלטע און האָט פאַר־נומען אַ פּלאַץ אַנטקעגן דעם מאַרקיז, וואָס האָט געהאַלטן די באַנק. די פענצטער צום גאָרטן זיינען געווען אָפן. קאַסאַנאָוואַ האָט דערהערט שטימען זיך דערנענטערן; מאַרקאַלינאַ און אַמאַליאַ זיינען פאַרביי געגאַנגען, האָבן אַריינגעקוקט אין זאַל און זיינען פאַרשוואונדן אויסן אויג.

בעת דער מאַרקיז האָט געגעבן קאָרטן, האָט לאָרענצי זיך געווענדט צו קאַסאַנאָוואַ'ן און מיט גרויס העפלאַכקייט גע־זאָגט: „נעמט אָן מיין קאָמפּלימענט, שעוואַליע, איר זענט געווען בעסער אינפאָרמירט פון מיר; אונדזער רעגימענט איז ווירקלאַך גרייט אַרויסצומאַרשירן מאָרגן נאָכמיטאָג.“

דער מאַרקיז האָט אויסגעזען דערשטוינט: „און אַט דאָס זאָגט איר אונדז ערשט איצט, לאָרענצי?“

— עס איז ניט זייער וויכטיק!

— פאַר מיר איז עס גאָר ניט וויכטיק — האָט געזאָגט דער מאַרקיז — אָבער דענקט איר ניט, אַז דאָס איז זייער וויכטיק פאַר מיין פרוי? — ער האָט געלאַכט אויף אַן אָפּ־שטויסנדיקן אופן — חוץ דעם איז עס פאַר מיר אויך אַ ביסל

קאסאנאָוואַ׳ס אַהיימקער

וויכטיק! ווארים איך האָב נעכטן פאַרלוירן צו איך פיער הונדערט דוקאַטן און דאָ איז מיר גאָר קיין צייט ניט גע־בליבן זיי אָפּצואָגעווינען.

— דער לייטענאַנט האָט אויך באַ אונדז געלט געוואָר־נען — האָט געזאָגט דער יונגערער ריקאַרדי און דער עלטערער האָט שווייגנדיק אַרויפגעקוקט איבער זיין אַקסל צום ברודער, וואָס איז ווי נעכטן געשטאַנען הינטער אים.

— גליק און פרויען — האָט אָנגעפאַנגען דער אַבאַט. און דער מאַרקיז האָט עס פאַר אים פאַרענדיגט: „ווער קען דען באַצווינגען."

לאָרענצי האָט נאַכלעסיק צעוואָרפן לעבן זיך זיינע גאָלד־שטיקער. „דאָ זיינען זיי. אויב איר ווילט, וועל איך זיי אַלע איינשטעלן אויף איין קאַרט, מאַרקיז, כדי איר זאָלט ניט דאַרפן לאַנג וואַרטן אויף אייער געלט."

קאַסאַנאָוואַ האָט פּלוצלונג דערפילט אין זיך אַ מין מיט־געפיל צו לאָרענצי'ן, וואָס ער האָט זיך אַליין רעכט ניט גע־קענט דערקלערן. אָבער ווען ער האָט זיך איינגעהערט אין דעם שטאַרקן פאַרגעפיל וואָס ער האָט פאַרמאָגט, איז ער געווען אי־בערצייגט, אַז דער לייטענאַנט וועט פאַלן אין דער ערשטער שלאַכט וואָס איז אים דאָ פאַרגעשטאַנען.

דער מאַרקיז האָט דעם הויכן איינשטעל ניט אָנגענומען; לאָרענצי איז וועגן דעם ניט צוגעשטאַנען. אַזוי איז דאָס שפּיל ווייטער אָנגעגאַנגען, ווי אַ טאָג פריער; די אַנדערע האָבן זיך באַטייליקט אויף זייער מעסיקן שטייגער, איינשטעלנדיק אין אָנפאַנג בלויז באַשיידענע סומען. אָבער אַ פערטל שעה

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

שפּעטער האָבען די סומען אָנגעהויבן צו שטייגן און אין פאַר־לויף פון אַ קורצער צייט, האָט לאָרענצי געהאַט פאַרלוירן זיי־נע פיער הונדערט דוקאַטן צום מאַרקיז.

וועגן קאַסאַנאָוואַ׳ן האָט זיך דאָס מזל װאַרשיינלאַך גאָר־ניט געקימערט; ער האָט געוואונען, פאַרשפּילט און צוריק גע־וואונען, אין אַ כמעט קאָמיש רעגלמעסיקן אויסבייט.

לאָרענצי האָט לייכט אָפּגעאָטעמט, ווען זיין לעצטער גאָלד־שטיק האָט זיך איבערגעקייקלט צום מאַרקיז. ער איז אויפ־געשטאַנען און געזאָגט: „איך דאַנק אייך, מיינע הערן. דאָס וועט אַלזאָ האָבן געווען״ — ער האָט געשטאַמלט — „מיין לעצטער שפּיל, אויף אַ זייער לאַנגער צייט אין דעמדאָזיקן גאַסטפריינטלאַכן הויז. און איצט, מיין געערטער הער אַליוואָ, דערלויבט מיר נאָך זיך צו געזעגנען מיט די דאַמען, איידער איך רייט אַוועק אין שטאָט אריין; איך מוז אָנקומען קיין מאַנטואַ פאַר זונאונטערגאַנג, כדי צו מאַכן מיינע פאַרבאַרייטונגען אויף מאָרגן.

„אומפאַרשעמטער ליגנער.״ האָט געטראַכט קאַסאַנאָוואַ. „באַנאַכט וועסטו זיך אומקערן אַהער און — צו מאַרקאָלינאַ׳ן!״ דער צאָרן האָט אין אים אויפגעפלאַמט פון דאָס ניי.

— וואָס ? — האָט דער מאַרקיז אויסגערופן בייזוויליק געשטימט — ביז נאַכט זיינען נאָך פאַראַן שטונדן, זאָל מען שוין אויפהערן שפּילן ? אויב איר פאַרלאַנגט, לאָרענצי, מעג מיין קומשער אהיים פאָרן און אָנזאָגן דער מאַרקיזע, אַז איר וועט זיך הייגט פאַרשפּעטיקן.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— איך רייט קיין מאַנטוא. — האָט לאָרענצי אומגעדול־דיק געענטפערט.

דער מאַרקיז, ניט אַכטנדיק אויף דעם, האָט ווייטער גע־רעדט: „עס איז נאָך דאָ גענוג צייט. קומט מיר נאָר אַרוים מיט אייערע אייגענע גאָלדשטיקער, ווי ווייניק זיי זאָלן ניט זיין.“ און ער האָט אים צוגעוואָרפן אַ קאָרט.

— איך האָב ניט מער, קיין איינאיינציקן גאָלדשטיק אַפילו — האָט לאָרענצי מיד גע׳טענה׳ט.

— וואָס רעדט איר?

— קיין איינס, ניט — האָט געענטפערט לאָרענצי, ווי פאַר־גודעט.

— וואָס אַרט׳ס אייך — האָט דער מאַרקיז אויסגערופן מיט אַ פלוצלונגער, אומאַנגענעם ווירקנדער פריינטלאַכקייט — איר זענט בײַ מיר גוט אויף צען דוקאַטן, און אויף נאָך מער, אויב ס׳זאָל נאָר קומען דערצו.

— נו, גוט, אַ דוקאַט — האָט געזאָגט לאָרענצי און האָט זיך געלאָזט געבן קאָרטן.

דער מאַרקיז האָט געוואונען. לאָרענצי האָט ווייטער גע־שפילט, ווי דאָס וואָלט איצט געווען אַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכע זאַך און גאָר אין קורצן, איז ער געווען אַ בעל־חוב צום מאַרקיז אויף הונדערט דוקאַטן.

דאָ האָט קאַסאַנאָוואַ איבערגענומען די באַנק און ער האָט געהאַט נאָך מער מזל פון דעם מאַרקיז. איצט זיינען בײַם שפיל געבליבן בלויז דריי. די ברידער ריקאַרדי זיינען היינט ווידער אָפגעשטאַנען, אָן אַ שום אויסזעצונגען; צוזאַמען מיט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אַליוואַ׳ן און דעם אבאַט זיינען זיי געווען פאַראינטערעסירטע צו־קוקער.

קיין איין הויך וואָרט איז ניט ארויסגערעדט געוואָרן. בלויז די קאָרטן האָבן גערעדט און זייערע רייך זיינען געווען דייט־לאַך גענוג. דאָס צופעליקע מזל פון שפּיל האָט געוואָלט, אַז דאָס גאַנצע בארע געלט זאָל זיך אריבערקייקלען צו קאַסאַנאַ־וואַ׳ן. עס איז קוים פאַרלאָפן אַ שטונדע און ער האָט געהאַט געוואונען צוויי טויזנט דוקאַטן ; אין דער אמת׳ן האָט ער עס געוואונען בא לאָרענצי׳ן, אָבער געקומען איז עס אינגאַנצן אויס די קעשענעס פון דעם מאַרקיז, וואָס איז דאָ איצט געזעסן אַן אַ סאָלדאָ.

קאַסאַנאָוואַ האָט אים אָנגעבאָטן פון זיין געלט, וויפיל ער זאָל ניט פאַרלאַנגען. דער מאַרקיז האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „איך דאַנק אייך.“ האָט ער געזאָגט. „אויף היינט, ווער שוין זיין גענוג. וואָס אַנבאַלאַנגט מיר, האָט זיך דאָס שפּיל געענ־דיקט.“

פון דעם גאָרטן האָט אָפּגעקלונגען אַ געלעכטער און אויס־רופן פון קינדער. קאַסאַנאָוואַ האָט באַזונדערס ארויסגעהערט טערעזינאַ׳ס שטים ; ער איז געזעסן מיטן רוקן צום פענצ־טער, אָבער האָט זיך ניט אומגעקערט. ער האָט נאָכאַמאָל גע־פּרואווט באַוועגן דעם מאַרקיז פאָרצוזעצן דאָס שפּיל — לאָ־רענצי׳ן צוליב, כאָטש ער האָט אַליין ניט געוואוסט פאַרוואָס. דער מאַרקיז האָט זיך אָפּגעזאָגט שאָקלענדיק בלויז מיטן קאָפּ. אָבער נאָך אַנטשידענער ווי פריער.

לאָרענצי האָט זיך אויפגעהויבן זאָגנדיק: „איך וועל האָבן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

די ערע, הער מאַרקיז, אייך פּערזענלאַך אָפּצוגעבן אין דער האַנט אַריין די סומע, וואָס איך בין אייך שולדיק, מאָרגן צוועלף אַ זייגער מיטאָג צייט".

דער מאַרקיז האָט אַ קורצן לאַך געטאָן. „איך בין נייגער־ריק צו וויסן, ווי אַזוי איר וועט דאָס קענען באַווייזן, הער לייטענאַנט לאָרענצי. עס איז ניטאָ קיין איינציקער מענטש אין מאַנטוּאַ אָדער אַנדערש־וואו, וואָס וואָלט אייך געליגן געלט, ווען אַפילו בלויז צען דוקאַטן, שוין אָפּגערעדט פון צוויי טויזנט, און באַזונדערס נאָך היינט. וואָרים מאָרגן גייט איר דאָך אַוועק אין דער מלחמה אַריין און עס איז גאָרניט אַזוי זיכער, אַז איר וועט זיך אַ מאָל אומקערן.

— איך גיב אייך מיין ערנוואָרט, הער מאַרקיז, אַז איר וועט קריגן אייער געלט מאָרגן אַכט אַזייגער אינדערפרי.

— אייער ערנוואָרט — האָט דער מאַרקיז קאַלט געזאָגט — איז בּאַ מיר ניט ווערט קיין איינציקן דוקאַט, פון צוויי טויזנט קען גאָר קיין רייד ניט זיין.

די אַנדערע האָבן איינגעהאַלטן דעם אָטעם. אָבער לאָרענצי, אויגנשיינלאַך ניט שטאַרק גערירט, האָט בלויז געענטפערט:

— איר וועט מיר געבן סאַטיספאַקציע, הער מאַרקיז.

— מיט פאַרגעניגן, הער לייטענאַנט — האָט געענטפערט דער מאַרקיז — באַלד נאָכדעם ווי איר וועט האָבן באַצאָלט אייער חוב.

אָליוואָ איז געווען צום טיפסטן פאַרצווייפלט, מיט אַ לייכטן שטאַמל האָט ער געזאָגט :

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

— איך בין אַן ערב פאַר דער סומע, הער מאַרקיז, צום באַדויערן האָב איך ניט אויף דער האַנט געגוג באַרגעלט, אום שוין אויפן אָרט — אָבער דאָ איז מיין הויז, מיינע גיטער. — און ער האָט פאַרענדיקט מיט אַן אומגעשיקטן קרייז מיט די הענט פאַר זיך.

— איך אַנטזאָג זיך אָנצונעמען אייער ערבות פון אייער טובה וועגן — האָט געזאָגט דער מאַרקיז — איר וואָלט אייער געלט פאַרלוירן.

קאַסאַנאָוואַ האָט געזען ווי אַלעמענס אויגן האָבן זיך גע־ווענדט צו דעם גאָלד, וואָס איז לעבן אים געלעגן. „און ווען איך זאָל ערב זיין פאַר לאָרענצי'ן." האָט ער געטראַכט. „ווען איך זאָל פאַר אים באַצאָלן דעם חוב ? דער מאַרקיז וואָלט דאָס געמוזט אָננעמען. בין איך דען ניט כמעט פאַרפליכטעט דער־צו ?"

אָבער ער האָט געשוויגן. ער האָט געפילט ווי אין דער טונקלקייט פון זיין מוח, איז אַנטשטאַנען אַ פּלאַן, וואָס ער האָט פריער פון אַלץ געמוזט געבן צייט זיך צו געשטאַלטן.

— איר וועט האָבן אייער געלט נאָך היינט, איידער די נאַכט פאַלט צו — האָט געזאָגט לאָרענצי — אין אַ שעה אַרום וועל איך זיין אין מאַנטוע.

— אייער פערד קען נאָך ברעכן דעם קאַרק — האָט גע־ענטפערט דער מאַרקיז — איר אויך... און עס קאָן זיין גאָר אַבזיכטלאָך.

— יעדנפאַל — האָט דער אַבאַט אומגערן געזאָגט — קען דאָך איך דער לייטענאַנט דאָס געלט ניט אָהער בשופ'ן.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ביידע ריקאַרדי׳ס האָבן אויפגעלאַכט; האָבן אָבער גלייך צוריקגעהאַלטן דאָס געלעכטער.

— עס איז קלאָר — האָט אַליוואַ זיך נאָכאַמאָל געווענדט צום מאַרקיז — אַז פריער פון אַלץ מוזט איר דעם לייטענאַנט לאָרענצי געבן די דערלויבניש צו פאַרלאָזן

— יאָ, אויף אַ משכון — האָט דער מאַרקיז אויסגערופן מיט פינקלדיקע אויגן, ווי דער דאָזיקער איינפאַל וואָלט אים פאַרשאַפט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן.

— דאָס זעט מיר אויס ניט קיין שלעכטער איינפאַל — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ, אַ ביסל צושטרייעט, וואָרים זיין פּלאַן האָט, אָנגעהויבן רייף צו ווערן.

לאָרענצי האָט אַראָפּגענומען אַ רינג פון׳ם פינגער און האָט אים אַ שיק געטאָן איבערן טיש.

דער מאַרקיז האָט עס גענומען און געזאָגט: „דאָס קאָן פאַרגעלטן אַ טויזנטער.“

— און דער דאָ? — האָט לאָרענצי אַראָפּגענומען נאָך אַ רינג און האָט אים אַ שמיץ געטאָן פאַרן מאַרקיז.

דער לעצטער האָט גענייגט מיטן קאָפּ און געשאַצט: „איז ווערט פּונקט אַזוי פיל.“

— נו, איצט זענט איר צופרידן, הער מאַרקיז? — האָט געזאָגט לאָרענצי, און האָט זיך פאַרנומען אַוועקצוגיין.

— איך בין צופרידן — האָט געענטפערט דער מאַרקיז מיט אַ גראָב געלעכטערל — און נאָך מער, דערפאַר ווייל איך זע, אַז די דאָזיקע רינגען זיינען גע׳גנב׳עט.

לאָרענצי האָט זיך שנעל אומגעקערט, ער האָט אַ הייב

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

געטאָן די פאַרקלאַמערטע פויסט איבערן טיש און זי גלייך געוואָלט אַראָפּלאָזן אויפן מאַרקיז׳ס קאָפּ. אַליוואַ און דער אַבאַט האָבן אָנגעכאַפּט זיין אָרים און אים אָפּגעהאַלטן.

— איך קען די ביידע שטיינער, כאָטש זיי זיינען ניי איי־בערגעפּאַסט — האָט געזאָגט דער מאַרקיז, נישט רירנדיק זיך פון זיין אָרט — קוקט זיי אָן, מיינע הערן, דער שמאַראַגד האָט אַ קליינעם פלעק, אַנדערש וואָלט ער ווערט געווען צען מאָל אַזוי פיל. דער רובין איז פערלערלאָז, אָבער ער איז נישט זייער גרויס. ביידע שטיינער שטאַמען פון די צירונג, וואָס איך אַליין האָב אַמאָל געגעבן מיין פרוי אַלס געשאַנק. און, ווייל איך קען דאָך אודאי נישט אָננעמען, אַז די מאַרקיזע האָט די דאָזיקע שטיינער געלאָזט איבערפאַסן אין רינגען פאַר דעם לייטענאַנט לאָרענצי, איז עס קלאָר, אַז זיי זיינען גע׳גנב׳עט — אַז אויגנשיינלאַך איז דאָס גאַנצע צירונג גע׳גנב׳עט. אַלזאָ — דער משכון איז גוט און גענוג פאַר מיר, הער לייטענאַנט, ביז דער באַשטימטער ציים.

— לאָרענצי — האָט אַליוואַ אויסגערופן — מיר אַלע גיבן אייך אונדזער ערנוואָרט, אַז קיין לעבעדיק וועזן וועט זיך קיינמאָל נישט דערוויסן וועגן דעם וואָס דאָ איז נאַרוואָס פאַרגעקומען.

— און וואָס הער לאָרענצי זאָל נישט האָבן באַגאַנגען, — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ — צווישן אייך ביידע, הער מאַרקיז, זענט איר דער גרעסערער אויסוואורף.

— איך האָף, אַז אַזוי איז עס — ווען מען איז שוין אַזוי אַלט ווי מיר זיינען, הער שעוואַליע פון סיינגאַלט, דאַרף מען

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

זיך ווייניקסטנס ניט לאָזן איבערטרעפן אין נידערטרעכטיקייט פון אַנדערע. אַ גוטן אָוונט, מיינע הערן.

ער איז אויפגעשטאַנען, קיינער האָט ניט געענטפערט אויף זיין גרוס, און ער איז אַוועקגעגאַנגען.

אויף אַ קורצער ווייַלע איז עס אַזוי שטיל געווען, אַז דאָס לאַכן פון די קינדער אין׳ם גאָרטן, וואָס האָט זיך ווידער אַהער דערטראָגן, האָט זיך געהערט אומגעוויינלאַך הויך.

ווער איז דען מסוגל געווען צו געפינען דאָס וואָרט, וואָס האָט איצט געענבערט אין דער נשמה בא לאָרענצי׳ן, וואָס איז געשטאַנען באָם טיש, ווי פריער, מיט זיין אָרים נאָך אַלץ אויפּ־געהויבן. קאָסאַנאָוואַ, דער איינציקער, וואָס איז געבליבן זיצן אויף אַן אָרט, האָט געפונען אַן אומוויליקן קינסטלערישן פאַרגע־ניגן אין דעם אָנבליק פון דער פאַרשטיינערטער, איצט זינלאָז געוואָרענער, דראָענדיקער פאָזע, וואָס האָט געמאַכט דעם איינ־דרוק, ווי דער גאַנצער יונגערמאַן וואָלט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ סטאַטוע.

ענדלאַך האָט אָליוואָ זיך צו אים געווענדט מיט אַ טרייסטנ־דיקער מינע; אויך די ברידער ריקאַרדי האָבן זיך דערנענטערט; און דער אַבאַט האָט אויסגעזען זיך צו אַנטשליסן אויף אַ דרשה. אָבער אינדעם האָט זיך ווי אַ קורצער שוידער דורכגעטאָרגן דורך לאָרענצי׳ס גלידער. מיט אַ געביטערישער שווייגנדיקער באַ־וועגונג, האָט ער אָפּגעווענדט יעדער פאַרזוך זיך אַריינצומישן. דאַן האָט ער, מיט אַ העפלאַכער פאַרנייגונג מיטן קאָפּ לאַנגזאַם פאַרלאָזן דאָס צימער.

קאַסאַנאָוואַ, וואָס האָט דערוויַיל געהאַט אַריינגעלייגט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

דאָס גאָלד וואָס איז פאַר אים גלעגן אין אַ זיידענער פּאַטשיילע, האָט אין דעם זעלבן אויגנבליק זיך אויפגעהויבן און נאָכגעפאָלגט אַרויס. ניט זעענדיק די געזיכטער פון די אַנדערע, האָט ער גע־פילט, ווי אַלע זיינען זיכער געווען, אַז איצט אײַלט ער זיך צו טאָן דאָס, וואָס זיי האָבן דורך דער גאַנצער צייט פון אים דער־וואַרט, אַז ער וועט די געוואונענע סומע שטעלן לאָרענצי׳ן צו דינסט.

VIII

אין דער קאַשטאַן אַלעע, וואָס פירט פון הויז צום טויער, האָט קאַסאַנאָווא אָפּגעהאַלטן לאָרענצי'ן און אין אַ לייכטן טאָן צו אים געזאָגט: „ווערט איר מיר דערלויבן, הער לייטענאַנט לאָרענצי, צו נעמען מיט אייך אַ שפּאַציר?“

לאָרענצי האָט, ניט קוקנדיק אויף אים געענטפערט אין אַ גרויסמוטיקן טאָן וואָס האָט זיך קוים אויסגעזען צו פּאַסן פאַר זיין לאַגע: „אויב עס געפעלט אייך, הער שעוואַליע. אָבער איך האָב מורא, אַז איר וועט אין מיר ניט געפונען קיין אונטער־האַלטנדן באַגלייטער.“

— פיליכט, לייטענאַנט לאָרענצי, וועט איר אין מיר גע־פינען אַ מער אונטערהאַלנדן באַגלייטער — האָט געזאָגט קאַ־סאַנאָווא — און אויב איר האָט גאָרניט דאַגעגן, וועלן מיר נעמען דעם וועג דורך די וויינשטאָקן, וואו מיר וועלן קענען שמועסן אומגעשטערט.

זיי האָבן זיך פאַרנומען פון דעם שאָסע אויף דער שמאָ־לער סטעשקע, וואָס האָט זיך געצויגן בא דער גאָרטן מויער, וואו קאַסאַנאָווא איז מיט אַ טאָג פריער געגאַנגען מיט אַליוואָ'ן.

— איך דאַרפט זיך משער זיין און מיט רעכט — האָט קאַסאַנאָווא אָנגעפאַנגען — אַז איך בין געניינט אייך אָנצוביטן די געלט סומע, וואָס איר זענט שולדיק דעם מאַרקיז, ניט אַלס הלוואה, וואָרים דאָס — דערפאַר בעט איך מיר אַנטשולדיקן —

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

האַלט איך פאַר אַ צו ריזיקאַליש געשעפט. אָבער איך וואָלט עס אייך געקאָנט געבן אַלס אַ לייכטע פאַרגעלטונג פאַר אַ טובה, וואָס איר זענט פיליכט אימשטאַנד צו טאָן פאַר מיר.

— איך הער אייך — האָט לאָרענצי קאַלט געזאָגט.

— איידער איך פאַרנעם מיך ווייטער — האָט געענטפערט קאַסאַנאָוואַ אין דעם זעלבן טאָן — פיל איך פאַר נויטיק אייך צו שטעלן אַ קאָנדיציע און אין אייער צושטימונג דערצו, מאַך איך אָפּהענגיק די פאָרזעצונג פון דעם דאָזיקן געשפּרעך.

— רופט אָן אייער קאָנדיציע.

— איך פאַרלאַנג פון אייך אייער ערנוואָרט, אַז איר וועט מיך אויסהערן, אָן אַ שום אונטערברעכונג, אפילו דאַן ווען דאָס, וואָס איך האָב אייך צו זאָגן, זאָל אייך איבעראַשן, אָדער ניט געפעלן, אָדער זאָגאַר ווען דאָס זאָל אַרויסרופן אייער צאָרן. עס וועט זיך דערנאָכדעם פולשטענדיק ווענדן אין אייך, הער לייטענאַנט לאָרענצי, צי איר זאָלט אָננעמען מיין פאָרשלאַג, וועלכער איז, אויסער יעדן צווייפל, פון אַ זייער אומגעוויינלאַכן כאַראַקטער, אָדער ניט. אָבער דער ענטפער, וואָס איך פאַרלאַנג פון אייך, זאָל זיין אין אַ בלויזן י א אָדער נ י י ן. און אַז וואָס דער אויסגאַנג זאָל ניט זיין, וועט קיין מוטערמענטש זיך קיינמאָל ניט דערוויסן פון דעם, וואָס עס איז דאָ פאַרהאַנדלט געוואָרן צווישן צוויי ערן־מענער, וועלכע זיינען פיליכט ביידע גלייך ניט בעסער ווי זיי וואָלטן געדאַרפן זיין.

— איך בין גרייט צו הערן אייער פאָרשלאַג.

— און איר נעמט אָן מיינע קאָנדיציעס ?

— איך וועל אייך ניט אונטערברעכן.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— און איר וועט ניט ענטפערן קיין אַנדער וואָרט אויסער יאָ אָדער ניין?

— גאָרניט, אויסער יאָ אָדער ניין.

— זייער גוט. — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ.

בעת זיי זיינען לאַנגזאַם געגאַנגען אַרויפצו צו די בערגלאַך, צווישן די וויינשטאָקן, אונטער דעם דערהיצטן שפּעטנאָכמיטאָג הימל, האָט קאַסאַנאָוואַ אָנגעפאַנגען: „מיר וועלן זיך פאַרשטיין איינער דעם אַנדערן צום בעסטן, אויב מיר וועלן די אַנגעלעגנהייט באַהאַנדלען לויט דעם לאָגישן פאַרשטאַנד. עס איז אוממעגלעך פאַר אייך קיין שום מעגלאַכקייט זיך צו פאַרשאַפן דאָס געלט, וואָס איר זענט שולדיק דעם מאַרקיז, ביז צו דער, פון אים באַשטימטער צייט; און עס קען גאָר קיין צווייפל ניט זיין, אַז ער איז בא זיך פעסט אַנטשלאָסן אייך צו רואינירן, אויב איר זאָלט אים ניט אָפּצאָלן. ווייל ער ווייסט וועגן אייך מער ווי ער האָט עס היינט פאַר אונדז אַרויסגעוויזן", (דאָ האָט זיך קאַסאַנאָוואַ דערלויבט מער, ווי ער האָט געוואוסט, אָבער ער האָט ליב געהאַט אַזעלכע קליינע ניט איינגאַנצן אומגעפערלאַכע אַוואַנטורעס, זיך האַלטנדיק אויף אַ פאַראויס באַשטימטן וועג) „זענט איר אַבסאָלוט אינגאַנצן אין דער מאַכט פון דעם דאָזיקן אויסוואורף, און אייער שיקזאַל אַלס אָפיציער, אַלס איידלמאַן, וועט פאַרזיגלט ווערן. דאָס איז איין זייט פון דער פראַגע. דאַגעגן אָבער זענט איר געראַטעוועט, אַזוי שנעל ווי איר האָט באַצאָלט אייער חוב און גלייך ווי איר וועט צוריק אַריינקריגן אין אייער האַנט די רינגען, וועלכע, אויף וואָס פאַר אַן אופן איר זאָלט זיך זיי ניט האָבן איינגעשאַפט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

— איז עס אייער רעטונג. דאָס וועט מיינען פאַר אייך, ניט ווייניקער, ווי די רעטונג פון אייער עקזיסטענץ מיט וואָס איר האָט זיך שוין אַזוי גוט ווי אָפּגעזעגנט; און ווייל איר זענט איצט יונג, שיין און מוטיק, מיינט דאָס די רעטונג פון אַן עקזיסטענץ פול מיט פּראַכט, גליק און רום. דאָס זעט מיר אויס אַ גענוג הערלאַכע צוקונפט; באַזונדערס ווען עס זעט זיך ניט קיין אַנדערער אויסוואַל, אויסער אַן אומערנהאַפטער, יאָ, אַפילו אַ שאַנדפולער אונטערגאַנג. און צוליב דעם וואָלט איך מקריב געווען אַ פאָראורטייל, וואָס איך האָב אין דער אמת׳ן קיינמאָל ניט געהאַט. איך ווייס זייער גוט, לאָרענצי", האָט ער שנעל צוגעגעבן, ווי ער וואָלט דערוואַרט אַן אָפּשפּאַרונג און אים גע־וואָלט פאַרלויפן דעם וועג. „איך ווייס, אַז איר זענט פריי פון פאָראורטיילן, גראַד ווי איך בין עס איצט אָדער ווען־ניט איז געווען. וואָס איך וועל פון אייך דאָ פאַרלאַנגען, איז ניט עפּעס מער ווי דאָס, וואָס איך אַליין וואָלט אויף אייער אָרט און אונטער אַזעלכע אומשטענדן געטאָן, אַן איין מאָמענט פון איי־בערלייגונג. אין דער ווירקלאַכקייט האָב איך זיך קיינמאָל ניט געקליגלט, ווען דאָס מזל אָדער אַפילו ווען בלויז אַ קאַפּריז האָט עס געפאָדערט, צו באַגיין אַ לומפּעריי אָדער בעסער געזאָגט, דאָס וואָס די נאַראָנים פון דערדאָזיקער ערד רופן אַן מיט אַזאַ נאָ־מען. דערפאַר אָבער בין איך פונקט ווי איר, לאָרענצי, יעדער ווייַלע גרייט געווען, פאַר אַ לאָדע גאָרנישט צו שפּילן מיט מיין לעבן, און דאָס האָט אַלץ געקוויטירט. אויך איצט בין איך גרייט דערויף — אין פאַל ווען מיין פאָרשלאַג זאָל אייך אויף אַזוי וויט ניט געפעלן. מיר זיינען ביידע פון דעם זעלבן טייג

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

געקנאָטן, לאָרענצי, מיר זיינען ברידער אין גייסט; דערפאַר דאַרפן אונדזערע נשמה'ס אָן פאַלשער בושה זיך אַנטפּלעקן שטאָלץ און נאַקעט איינע פאַר דער אַנדערער. דאָ זיינען מיינע צוויי טויזנט דוקאַטן. זיי בלייבן אייערע, אויב איר וועט מעגלאַך מאַכן, אַז די היינטיקע נאַכט זאָל איך, אַנשטאַט אייך, פאַרברענגען מיט מאַרקאָלינאַ'ן — לאָמיר ניט שטיין בלייבן, לאָרענצי, לאָמיר ווייטער שפּאַנען."

זיי זיינען געגאַנגען דורך די פעלדער אונטער די נידריקע פרוכט ביימער, צווישן וועלכע דער טרויבן באַלאַדענער וויינרעב האָט זיך אַפער געשלענגלט. קאַסאַנאָוואַ האָט אָן אַ פּויזע ווייטער גערעדט: "ענטפערט מיר נאָך ניט, לאָרענצי, ווייל איך האָב נאָך ניט געענדיקט. מיין פאַרלאַנג וואָלט נאַטירלאַך געווען, קאָן זיין חוצפּה'דיק, אָבער אויך אָן אויסזיכט און דערפאַר זינלאָז, ווען איר וואָלט געהאַט די אַבזיכט צו מאַכן מאַרקאָלינא'ן פאַר אייער פרוי, אָדער ווען מאַרקאָלינאַ אַליין זאָל אירע האָפנונגען און וואונטשן לאָזן וואַנדלען אין דער דאָזיקער ריכטונג. אָבער פּונקט אַזוי ווי נעכטן איז געווען אייער ערשטע ליבע נאַכט," (ער האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע השערה ווי אַן אומצווייפלהאַפטע זיכערקייט), "פּונקט אַזוי איז די קומענדיקע נאַכט פון פאָראויס באַשטימט, נאָך יעדער מענטשלאַכער אויסרעכנונג, אַפילו נאָך אייערע אייגענע און מאַרקאָלינאַ'ס פאָראויסגעזעענע אויסזיכטן, צו זיין אייער לעצטע נאַכט איינאייגעם אויף אַ זייער לאַנגער צייט, און וואַרשיינלאַך אויף אייביק. איך בין פולשטענדיק איבערצייגט, אַז מאַרקאָלינאַ אַליין, כדי צו ראַטעווען איר געליבטן פון זיכערן אונטערגאַנג, און איינ-

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

פאַר אויף זיין וואונטש, וואָלט אָן צווייפל באַרייט געווען זיך אָפּצוגעבן אויף דערדאָזיקער איינער נאַכט צו זיין אויסלייזער. וואָרים אויך זי איז אַ פילאָזאָף און איז דעריבער פונקט אַזוי ווי מיר ביידע פריי פון פאָראורטיילן. נאָר דאָך, בײַ מיין גאַנצער זיכערקייט אַז זי וועט די דאָזיקע פּראָבע אויסהאַלטן, איז עס אָבער ניט מיין אַבזיכט אַז דאָס זאָל אויף איר אַרויפגעצוואונגען ווערן. צו באַזיצן אַ ווילנלאָזע און אינערלאַך ווידערווויליקע פרוי, וואָלט ווייט ניט באַפרידיקט מיין פאַרלאַנג, נאָך ווייניקער אין דעם איצטיקן פאַל. ניט נאָר אַלס ליבהאָבער, נאָר אויך אַלס געליבטער וויל איך געניסן דאָס גליק, וואָס זאָל מיר פאַרקומען גרויס גענוג, איך זאָל גרייט זיין דערפאַר מיט מיין לעבן צו באַצאָלן. פאַרשטייט מיך ריכטיק, לאָרענצי. צוליב אָט דער אורזאַך דאַרף מאַרקאָלינא אַפילו ניט אָנען, אַז איך בין דאָס דער מאַן, וועמען זי דרוקט צו איר פּרעכטיקער ברוסט. נאָך מער, זי מוז זיין פולשטענדיק איבערצייגט, אַז אייך און ניט קיין אַנדערן, האַלט זי אין אירע אָרימס. עס באַלאַנגט צו אייך צו שטאַנט צו ברענגען די דאָזיקע פאַרביטונג, צו מיר עס אָנצוהאַלטן. איר וועט אָן באַזונדערע שוועריקייטן איר קענען געבן צו פאַרשטיין, אַז איר זענט גענויט זי צו פאַרלאָזן פאַר זונאויפגאַנג, און איר דאַרפט ניט פאַרגעסן אָנצוגעבן אַן אויסרייד פאַרוואָס דאָס מאָל, ווען איר וועט באַנאַכט צוריקקומען, וועט איר זיך מוזן באַגליקן מיט בלויז שטומע צערטלאַכקייטן. כדי צו פאַרמיידן יעדער געפאַר פון אַנטדעקונג אין דעם לעצטן מאָמענט, וועל איך, ווען די צייט וועט קומען, מאַכן דעם אָנשטעל ווי איך וואָלט געהערט אַ פאַרדעכטיקן גערויש אין דרויסן הינ־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

טערן פענצטער, און נעמענדיק מיין מאַנטל — אָדער בעסער אייערן, וואָס איר וועט מיר, נאַטירלאַך, מוזען אַנטלייען פאַר דעם צוועק, — וועל איך פאַרשווינדן דורכן פענצטער, אויף קיינמאָל זיך ניט אומצוקערן. וואָרים עס וועט זעלבסטפאַרשטענדלאַך הייסן, אַז נאָך היינט אוונט פאָר איך אָפּ פון דאַנען. אָבער פון מיטן וועג קיין מאַנטואַ וועל איך הייסן דעם קוטשער ער זאָל זיך אומקערן אַהער, אונטער דעם אויסרייד אַז איך האָב דאָ פאַרגעסן וויכטיקע פּאַפּירן. דורך דער הינטער טיר פון גאָרטן (איר וועט מיר אַזוי גוט זיין געבן דעם נאָכשליסל, לאָרענצי), וועל איך זיך צושלייכן צו מאַרקאָלינאַ׳ס פענצטער וואָס וועט זיך פאַר מיר עפענען אָרום האַלבע נאַכט. מיינע קליידער וועל איך האָבן אויסגעטאָן אין דער קאַרעטע, אַפילו די שיך און זאָקן און וועל בלויז זיין אָנגעטאָן אין דעם מאַנטל, כדי בײַ מיין פּלוצלונגן פאַרשווינדן זאָל קיין זאַך ניט איבערבלייבן, וואָס וואָלט מיך אָדער אייך געקאָנט פאַרראָטן. דעם מאַנטל צוזאַמען מיט די צוויי טויזנט דוקאַטן, וועט איר אָפּנעמען אין מיין גאַסט הויז אין מאַנטואַ מאָרגן פינף אַ זייגער אינדערפרי, אַזוי אַז נאָך פאַר דער באַשטימטער שעה זאָלט איר קענען אַ שליידער טאָן דעם מאַרקיז׳ס געלט פאַר זיינע פיס. אין דעם פאַרזיכער איך אייך מיט מיין פייערלאָכער שבועה. און איצט האָב איך געענדיקט.״

ער איז פּלוצלונג שטיין געבליבן. די זון האָט געהאַלטן באַם אונטערגאַנג. אַ לייכט ווינטל האָט געוויגט די געלע אויער בלימלאַך. רויטלאָכער אוונט שיין האָט געגליט איבער דעם טורים פון אָליוואַ׳ס הויז. אויך לאָרענצי איז שטיל געשטאַנען; אין זיין בלאַסן געזיכט האָט קיין איין מוסקל זיך ניט באַוועגט. ער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איז געשטאַנען און געקוקט איבער קאַסאַנאָוואַ׳ס אַקסל אין דער ווייטקייט אַריין. זיינע אָרימס זיינען שלאַף אַראָפּגעהאַנגען. בעת קאַסאַנאָוואַ, וואָס איז אויף אַלץ גרייט געווען, האָט ווי צופעליק געהאַלטן די האַנט אויפן הענטל פון זיין שווערד. אַ פּאָר סעקונדן זיינען פאַרלאָפן און לאָרענצי איז אַלץ געשטאַנען אומבאַוועגלאַך, שטאַר און שטיל. ער האָט אויסגעזען פאַר־טיפט אין אַ געלאַסענער נאָכדענקונג. דאַך איז קאַסאַנאָוואַ געבליבן אויף דער וואַך, אין דער לינקער האַנט האָט ער געהאַלטן דאָס טיכל מיט די דוקאַטן און די רעכטע האַנט אויף דעם שווערד־הענטל. ער האָט ווייטער גערעדט: „איר האָט געהאַלטן מיינע באַדינגונגען ווי אַן ערן־מאַן. איך ווייס, אַז דאָס איז איך ניט לייכט אָנגעקומען. ווארים ווען אַפילו מיר האָבן ניט קיין פאָראורטיילן, איז אָבער די אַטמאָספערע, אין וועלכער מיר לעבן אַזוי פאַרפעסטעט פון זיי, אַז מיר קענען ניט אינגאַנצן פריי זיין פון זייער איינפלוס. און גראָד ווי איר, לאָרענצי, זענט אין פאַרלויף פון דער לעצטער האַלבער שעה, מער ווי איינמאָל שיער ניט גרייט געווען מיר אין גאָרגל אַריינ־צופאָרן, אַזוי האָב איך — דערלויבט מיר זיך פאַר אייך מודה צו זיין — אויף אַ ווייַלע געשפּילט מיט דעם געדאַנק, צו שענקען אייך די צוויי טויזנט דוקאַטן — ווי עמעצן — ניין, ווי מיינס אַ פריינט; ווארים זעלטן ווען, לאָרענצי, האָב איך געפילט צו אַ מענטשן אַזאַ מערקווירדיקע סימפּאַטיע פון ערשטן אויגנבליק אָן, ווי צו אייך. אָבער וואָלט איך נאָכגעגעבן דעם דאָזיקן גרויסמוטיקן אימפּולס, וואָלט איך עס אַ סעקונדע שפּעטער זייער טיף באַ־דויערט. גראָד ווי איר, לאָרענצי, ווען איר האָט זיך מיט אַ

קאסאנאוואס אהיימקער

מאמענט פריער דאס אינגעווייד פון קאפ געריסן, וואלט געקומען צום פארצווייפלונגפולן באדויערן, אז איר זענט געווען אזן אומפארגלייכלאכער נאר צו פארווארפן טויזנט ליבע־נעכט, מיט אלץ נייע און נייע פרויען, פאר איינאיינציקער, נאך וועלכער עס וואלט מער קיין נאכט — און קיין טאג ניט געקומען".

לארענצי האט נאך אלץ געשוויגן. זיין שווייגן האט אנגעהאלטן מינוטן און מינוטן לאנג, און קאסאנאווא האט זיך אנגעהויבן צו פרעגן, ווי לאנג ער דארף דאס נאך אזוי געדולדיק אויסהאלטן. ער איז שוין געווען גרייט זיך אפצוקערן מיט א לייכטער פארנייגונג און דערמיט באווייזן, אז ער באטראכט זיין פארשלאג פאר צוריקגעוויזן, ווען לארענצי, נאך אלץ שווייגנדיק, האט מיט א זייער לאנגזאמער באוועגונג אריינגעלייגט זיין רעכטע האנט אין דער רוקן־קעשענע אין דער הינטער פאלע פון זיין ראק. קאסאנאווא, נאך אלץ אויף דער וואך, איז אין זעלבן אויגנבליק צוריקגעטראטן אויף א שריט, ווי גרייט זיך אונטערצוטוקן. לארענצי האט אים דערלאנגט דעם שליסל פון דער גארטן טיר.

קאסאנאוואס באוועגונג, וואס האט גאנץ קלאר אויסגעדרוקט א רעגונג פון שרעק, האט ארויסגערופן אויף לארענצי'ס ליפן א פאראכטלאכן שמייכל, וואס איז באלד פארשוואונדן. קאסאנאווא האט פארשטאנען צו פארבארגן יעדן סימן פון זיין אויפשטייגנדיקן כעס, ווארים ער האט געוואוסט, אז ווען ער וואלט זיך דערלויבט אן אויסברוך, וואלט דאס געקאנט אלץ צוריק צונישט מאכן. ער האט גענומען צו זיך דעם שליסל מיט א לייכטן נייג מיטן קאפ און בלויז געזאגט: „דאס דארף איך אננעמען גילט אזוי גוט ווי יא. פון איצט אין א שטונדע ארום —

קאַסאַנאָוואַ'ס אהיימקער

ביז דעמאָלס ווען איר האָבן געקומען צו אַ קלאָרער פארשטענ־דיקונג מיט מארקאַלינאַ'ן — דערוואַרט איך אייך אין דעם טורים צימער, וואו איך וועל מיר דערלויבן דאָס פארגעניגן, קריגנדיק אייער מאַנטל, אייך גלייך איבערצוגעבן די צוויי טויזנט גאָלדשטיקער. ערשטנס אַלס צייכן פון מיין צוטרויען צו אייך און צווייטנס, ווייל איך וויים בע'אמת ניט וואו איך זאָל דאָס גאָלד אהינטאָן אויף איבער נאַכט."

זיי האָבן זיך צושיידט אָן ווייטערדיקע צערעמאָניעס. לאָ־רענצי האָט זיך אומגעקערט צוריק מיטן וועג אויף וועלכן זיי זיינען ביידע געקומען; קאַסאַנאָוואַ האָט זיך פארנומען אויף אַן אַנדערן וועג צום דאָרף צו. דאָרטן אין דעם גאַסטהויז האָט ער, פאַר אַ גוט באַצאָלטע סומע, זיך געקאָנט פארזיכערן מיט אַ געשפאַן, וואָס זאָל אים אָפּוואַרטן צען אַ זייגער באַנאַכט פאַר אָליוואָ'ס הויז אַרויסצופאָרן מיט אים קיין מאַנטוע.

IX

ווען ער איז צוריקגעקומען, האָט קאַסאַנאָווא אַוועקגעלייגט זיין גאָלד אויף אַ זיכער פּלאַץ אין דעם טורים צימער. באַלד נאָכדעם איז ער אַרונטערגעקומען אין אָליוואָ'ס גאָרטן, וואו ער האָט פאַר זיך דערזען אַ בילד, וואָס איז אין זיך אַליין גאָר־ניט מערקווירדיק געווען, אָבער אים, אין זיין איצטיקער שטימונג האָט עס מאָדנע גערירט. אויף אַ באַנק באַ דעם ראַנד פון דער לאָנקע, איז געזעסן אָליוואָ, לעבן אים אַמאַליאַ. זיין אָרים האָט ער געהאַט אַרומגענומען אַרום אירע אַקסלען; זיי צופיסנס האָבן געלאָגערט די דריי מיידלאַך, ווי אויסגעמאַטערט פון די שפּילערייען אין'ם נאָכמיטאָג; די יונגסטע, מאַריאַ, האָט גע־האַלטן דאָס קעפּל אויף דער מוטערס שויס און האָט אויסגעזען צו שלומערן; נאַנעטאַ איז געלעגן צופיסנס אינגאַנצן אויסגע־שטרעקט אויפן טאַרף מיט די אָרימס אונטערן נאַקן; טערע־זינאַ איז געווען אָנגעלעגט אָן דעם פאָטערס קניען, זיינע פינ־גער האָבן צערטלאַך געפירט איבער אירע לאָקן; ווען קאַסאַ־נאָווא האָט זיך דערנעטערט האָט זי אים געגריסט, ניט מיט אַ בליק, וואָס זאָל אויף דאָס מינדסטע אָנדייטן אויף אַ גלוסטיקע פאַרשטענדניש, ווי ער האָט דאָס ניט ווילנדיק דערוואַרט, נאָר מיט אַ פרייען שמייכל פון קינדישן פאַרטרויען, ווי דאָס וואָס איז ערשט מיט אַ פּאָר שטונדן צוריק צווישן איר און אים געשען, וואָלט געווען ניט עפּעס אַנדערש ווי אַן אומבאַדייטנדער שפּיל.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אַליוואַ׳ס געזיכט האָט פּריינטלאַך אופגעלויכטן און אַמאַליאַ האָט זיך פאַרנייגט פאַרן גאַסט מיט אַן אינערלאַכער דאַנקבאַרקייט. עס איז קלאָר געווען פאַר קאַסאַנאָוואַ׳ן, אַז זיי האָבן אים אויפגענומען ווי איינעם, וואָס איז נאָרוואָס באַגאַנגען אַ נאָבעלע טאַט. אָבער ווען ער וואָלט פונדעסטוועגן געוואָלט, אַז פון איידלקייט וועגן, זאָל מען אויסמיידן רייד אָדער רמזים וועגן דעם.

— זענט איר ווירקלאַך אַנטשלאָסן — האָט אָליוואַ געפרעגט — טאַקע מאָרגן אונדז צו פאַרלאָזן, מיין טייערער שעוואַליע?

— ניט מאָרגן — האָט געענטפערט קאַסאַנאָוואַ — נאָר, ווי געזאָגט, טאַקע היינט אָוונט.

ווען אָליוואַ האָט אים אויפסניי געוואָלט אָפּווענדן, האָט קאַסאַנאָוואַ מיט באַדויערן געצוקט מיט די אַקסלען און געזאָגט: „דער בריוו וואָס איך האָב היינט דערהאַלטן פון ווענעדיג לאָזט מיר ליידער ניט איבער קיין אַנדערן אויסוועג. די אויפפאָדערונג וואָס מען שיקט מיר דאָ, איז אַזוי ערנהאַפט אין יעדער הינזיכט, אַז אַ פאַרציאונג פון מיין אַהיימקער וואָלט געווען ניט שייך, וואָלט באַטייט אַן אומפאַרגעבלאַכע אומהעפלאַכקייט קעגן מיינע הויכגעשטעלטע שטיצער". דאָן האָט ער געבעטן זיך אַנטשולדיקן, ווייל ער דאַרף זיי איצט פאַרלאָזן אויף אַ ווײַלע זיך צוצוגרייטן צו דער רייזע, כדי דערנאָכדעם צו קענען די לעצטע שטונדן פון זיין דאָזיין, אומגעשטערט פאַרברייננגען אין דעם קרייז פון זיינע ליבווירדיקע פריינט.

ניט אַכטנדיק די ווייטערדיקע איינבעטונגען, האָט ער זיך פאַרנומען צום הויז צו, איז אַרויפגעשטיגן צום טורים־צימער און

צום אַלעם ערשטן האָט ער צוריק אויסגעטוישט זיינע פּראַקטיקע קליידער אויף די פּשוטערע, מיט וואָס ער האָט זיך געמוזט באַגנוגנען אויף דער רייזע. דאַן האָט ער איינגעפּאַקט זיין רייזעזאַק און האָט זיך איינגעהאָרכט אויב עס הערן זיך שוין ניט לאָרענצי'ס פּיסטריט, מיט אַן אויפמערקזאַמקייט. וואָס איז געוואָרן געשפּאַנטער פון מינוט צו מינוט. נאָך איידער די צייט איז פאַרלאָפן, האָט זיך דערהערט אַ קורצער קלאַפּ אין דער טיר און לאָרענצי איז אַריינגעקומען, טראָגנדיק אַ טונקל-בלויען רייטמאַנטל. אַן איין וואָרט אַרויסצורייד̈ן, האָט ער מיט אַ באַוועגונג געלאָזט אַראָפּגליטשן דאָס מאַנטל פון זיינע אַקסלען, אַזוי אַז עס איז געבליבן ליגן צווישן די צוויי מענער אַ פאָרמלאָז שטיק געוואַנד אויפן דיל. קאַסאַנאָוואַ האָט אַפּגענומען זיינע גאָלדשטיקער פון אונטער דער פּערנע און האָט זיי צעוואָרפן אויפן טיש. ער האָט פאָרזיכטיק געציילט די מטבעות פאַר לאָרענצי'ס אויגן — דאָס איז צוגעגאַנגען גאַנץ שנעל, ווייל פיל פון די גאָלדשטיקער זיינען געווען פון אַ ווערט העכער ווי איין דוקאַט. איבערגעבנדיק לאָרענצי'ן די אָפּגערעדטע סומע, וואָס ער האָט פריער צעטיילט אין צוויי בייטלען, איז אים אַליין נאָך פאַרבליבן אַרום הונדערט דוקאַטן. לאָרענצי האָט אַריינגעלייגט די געלט-בייטלען אין זיינע ביידע רוקן-קעשענעס און האָט זיך געוואָלט שווייגנדיק צוריקציען.

— וואָרט, לאָרענצי, — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ — עס קאָן זייער מעגלאַך זיין, אַז אונדזערע לעבנס-וועגן זאָלן זיך נאָך אַמאָל באַגעגענען. זאָל עס געשען אַז האָס. דאָס איז געווען אַ האַנדל, ווי יעדער אַנדערער האַנדל. מיר זיינען קווייט.

קאסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

קאסאנאָווא האָט אים אַנטקעגן אויסגעשטרעקט די האַנט. לאָרענצי האָט זי ניט אָנגענומען. נאָר איצט איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס ער האָט גערעדט: „איך קאָן זיך ניט דער־מאָנען, אַז עפּעס איז וועגן דעם דערמאָנט געוואָרן אין אונדזער אָפּ־מאַך.“ ער האָט זיך אומגעקערט און פארלאָזן דאָס צימער.

„האַלטן מיר זיך אַזוי פּינקטלאַך, מיין פריינט?“ האָט קאַ־סאנאָווא געטראַכט. „אויב אַזוי מעג איך דאָך נאָך זיכערער זיין: אין דעם, אַז איך וועל צום סוף ניט אַרויסקומען דער געשמיסע־נער.“ אין דער אמת׳ן האָט ער וועגן דערדאָזיקער מעגלאַכקייט אויף קיין איין מאָמענט ערנסט ניט אַ טראַכט געטאָן. ער האָט געוואוסט פון זיין אייגענער דערפאַרונג, אַז אַזעלכע לייט ווי לאָרענצי, האָבן זייערע אייגענע מאָדנע געזעצן וועגן ערע, גע־זעצן וואָס זיינען ניט צום פארשרייבן אין פאַרמעלע סטאַטוטן. דערפאַר אָבער קענען זיי זעלטן ווען באַצווייפלט ווערן.

ער האָט איינגעפּאַקט לאָרענצי׳ס מאַנטל פון אויוון־אויף און פארשלאָסן דעם רייזע־זאַק. די גאָלדשטיקער וואָס זיינען אים איבערגעבליבן, האָט ער באַהאַלטן בא זיך. ער האָט זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן פון דעם צימער, וואָס ער האָט אויף זיכער קיינמאָל מער ניט געזאָלט זען; און דאַן, מיט שווערד און הוט, פאַרטיק פאַר דער רייזע, האָט ער זיך פאַרנומען אין זאַל אַריין, וואו ער האָט שוין געטראָפן אָליווא׳ן מיט זיין פרוי און קינדער וואַרטנדיק באַם טיש. אין דערזעלבער צייט איז מאַר־קאָלינאַ אַריינגעקומען פון דער אַנדער זייט אויס דער גאָרטן־טיר. דאָס האָט קאַסאַנאָווא אויסגעטייטשט אַלס אַ מזלדיקן סימן. זי האָט געענטפערט אויף זיין גרוס דורך אַ פרייען נייג

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

מיטן קאָפּ. מען האָט דערלאַנגט עסן. דער געשפּרעך איז אין אָנפאַנג צוגעגאַנגען לאַנגזאַם, ווי געדרוקט פון אַ כמעט שווער אַפּשיד־שטימונג צוליב דעם פאַרשטייענדיקן אָפּפאָרער. אַמאַליאַ האָט אויסגעזען שוין אַ ביסל צו באַשעפטיקט מיט איר קינדער, זעענדיק אַז זיי זאָלן ניט קריגן אויף די טעלער צופיל אָדער צו ווייניק. אָליוואַ האָט אָן אַ געהעריקן צוזאַמענהאַנג גערעדט פון אַן אומוויכטיקן פּראָצעס, מיט זיינס אַ שכנ׳ישן גוטבאַזיצער, וואָס ער האָט ניט לאַנג צוריק געוואונען און פון אַ געשעפט־רייזע, וואָס ער וועט גאָר אין קורצן דאַרפן אונטערנעמען קיין מאַנטואַ און קרעמאָנאַ. קאַסאַנאָוואַ האָט אויסגעדרוקט די האָפנונג, אין אַ קורצער צייט אַרום צו אונטערהאַלטן זיין פריינט אין ווענעדיג, וואו אָליוואַ איז דורך אַ מאָדנעם צופאַל נאָך קיינמאָל ניט געוועזן. אַמאַליאַ אָבער האָט די וואונדערבאַרע שטאָט געזען מיט אַ סך יאָרן צוריק, ווען זי איז נאָך געווען אַ קינד. ווי אַזוי זי איז אַהין געקומען, האָט זי זיך ניט געקאָנט דערמאָנען נאָר זי האָט בלויז געדענקט, אַז זי האָט געזען ווי אַן אַלטער מאַן אין אַ שאַרלאַך רויטן מאַנטל, איז אַרויסגעשטיגן פון אַ לענגלאַכער שוואַרצער שיף, האָט זיך אויסגעגליטשט און זיך אויסגעצויגן אין דער גאַנצער לענג.

— זענט איר אויך ניט באַקאַנט מיט ווענעדיג? — האָט קאַסאַנאָוואַ געפרעגט מאַרקאָלינאַ׳ן, וואָס איז געזעסן פּונקט אַנטקעגן איבער אים און געקוקט איבער זיין אַקסל אין דער טיפער טונקלקייט פון גאָרטן. זי האָט שווייגנדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ. קאַסאַנאָוואַ האָט געטראַכט: „ווען כ׳וואָלט זי דיר נאָר געקאָנט ציינגן, די שטאָט, וואו איך בין יונג געוועזן!

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

א, ווען דו וואָלסט מיט מיר יונג געווען...״ און נאָך א געדאַנק, נאָך זינלאָזער ווי די ערשטע, איז אים איינגעפאַלן: „אפילו איצט, ווען איך וואָלט דיך מיטגענומען אַהין.״

זייענדיק אינגאַנצן פאַרנומען פון אַזעלכע געדאַנקען, האָט ער אין דערזעלבער צייט אָנגעהויבן צו ריידן פון זיין יוגנט־שטאָט מיט א לייכטקייט פון געמיט, וואָס ער האָט פאַרמאָגט אפילו אין מאָמענטן פון שטאַרקסטער אינערלאַכער אויפרעגונג. אַזוי קינסטלעריש און קיל איז געווען זיין שפּראַך, ווי ער וואָלט געשילדערט א געמעל. ביז זיין טאָן האָט זיך ניטווילנדיק דערוואַרימט, און ער איז אַריינגעטראָטן אין דער געשיכטע פון זיין אייגן לעבן. און מיטאַמאָל איז ער אַליין, אין זיין אייגענער געשטאַלט געשטאַנען אין מיטן פון דעם בילד, וואָס האָט ערשט איצט אָנגעהויבן צו לעבן און צו לויכטן. ער האָט גערעדט פון זיין מוטער, די באַרימטע שוישפּילערין, פאַר וועמען איר פאַרערער, דער גרויסער גאָלדאָני האָט פאַרפאַסט די זעלטענע קאָמעדיע La Pupilla. דאַן האָט ער דערציילט פון זיין טרויעריקער צייט, ווען ער האָט זיך אויפגעהאַלטן אין דעם פּענסיאָן פון דעם געלטגייציקן דאָקטאָר גאָצי; פון א קינדישער ליבע צו דעם גערטנערס קליינער טאָכטער, וואָס איז שפּעטער אַנטלאָפן געוואָרן מיט א לאַקיי. פון זיין ערשטער דרשה אַלס יונגער אַבאַט, נאָך וועלכער ער האָט געפונען אין דעם זאַקריסטענס בייטל, א חוץ די געוויינלאַכע צאָל מטבעות, אויך א פּאָר ליבע בריוולאַך; פון די שפּיצלאַך וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אַלס פידלער אין דעם סאַן סאַמועלי טעאַטער; די שפּאַסן וואָס ער און א פּאָר פון זיינע גוטע חברים, האָבן דורכגעפירט אין די

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

געסלאַך, שענקען, טאַנץ־און־שפּיל־זאַלן פון ווענעדיג, אָפּט פאַרמאַסקירט, אָדער אַפילו אָן מאַסקן. אָבער אַפילו די דאָזיקע העזה׳דיקע און טיילמאָל גאַנץ פאַרדעכטיקע שטיקלאַך, האָט ער איבערגעגעבן ניט געברויכנדיק צומאָל קיין צווײדײטיק וואָרט. ער האָט גערעדט אויף אַ פּאָעטיש בילדלאַכן שטייגער, ווי ער וואָלט זיך גוט אײַן אַכט גענומען די קינדער וואָס האָבן גראָד ווי די אַנדערע, מאַרקאָלינאַ׳ן ניט אויסגעשלאָסן, געשלונגען יעדער וואָרט פון זײַן דערציילונג.

די צײַט איז געלאָפן; עס איז געוואָרן שפּעט און אַמאַליאַ האָט געהייסן אירע טעכטער גיין צו בעט. פאַר אָפּשיד, האָבן זיי אַלע זייער צערטלאַך געקושט קאַסאַנאָוואַ׳ן, טערעזינאַ ניט אַנדערש ווי די צוויי יונגערע, און אַלע האָבן אים געמוזט צוזאָגן, אַז זיי וועלן צוזאַמען מיט די עלטערן גאָר אינגיכן קומען צו אים אויף אַ באַזוך קיין ווענעדיג. ווען די קינדער זײַנען אַוועק, האָט ער זיך ווייניקער צוריקגעהאַלטן. אָבער אַלץ וואָס ער האָט דערציילט, האָט ער פאַרגעבראַכט אָן וועלכער ניט איז צווײדײטיקייט און מער פון אַלץ, אָן דעם מינדסטן סימן פון איטלקייט, אַזוי אַז זײַנע צוהערער וואָלטן עס גיכער געקענט אָננעמען אַלס די דערציילונג פון אַ געפּילפּולן נאָר פון דער ליבע, ווי די געשיכטע פון קאַסאַנאָוואַ׳ן, דעם געפערלאַכן פאַרפירער און ווילדן אַוואַנטוריסט.

ער האָט דערציילט פון דער וואונדערלאַכער אומבאַקאַנטער, וואָס איז וואָכן־לאַנג מיט אים אַרומגעפאָרן פאַרקליידט אַלס אָפיציער און איז איין פרימאָרגן פלוצלונג פאַרשוואונדן פון זײַן זײַט; פון דער טאָכטער פון אַן אַדליגן שוד־לאַטוט־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ניק פון מאַדריד, וואָס האָט צווישן איין אומאַרמונג און דער אַנדערער, זיך אומאויפהערלאַך באַמיט צו מאַכן פון אים אַ פרומען קאַטאָליק; פון דער שיינער לאַה׳ן, די אידין פון טורין, וואָס האָט זיך פּרעכטיקער איינגעזעסן אויף אַ פערד ווי אירגנד וועלכע פירשטן; פון דער ליבלאַך אומשולדיקער מאַמאַן באַלעטי, די איינציקע פרוי מיט וועלכער ער האָט שיער ניט חתונה געהאַט; פון דער שלעכטער זינגערין אין וואַרשע, וועמען ער האָט אויסגעפייפט, צוליב וואָס ער האָט געדאַרפט האַלטן אַ דועל מיט איר געליבטן, דעם קרוין־גענעראַל בראַניצקי און דערפאַר זיך געמוזט אַפּטראָגן פון וואַרשע; פון דער שלעכטער טשאַרפילאָן, די פרוי וואָס האָט אים אַזוי קלוגלאַך צום נאַר אַרויסגעשטעלט אין לאָנדאָן; פון אַ שטורימדיקער נאַכטרייזע איבער דער אַזיערע קיין מוראַנאָ, צו זיין פאַרערטער נאַנע, אַ רייזע וואָס האָט אים שיער ניט געקאָסט זיין לעבן; פון קראָקע׳ן, דער קאָרטנשפּילער, וואָס, נאָכדעם ווי ער האָט פאַרשפּילט אַ פאַרמעגן אין ספּאַ, האָט ער מיט טרערנפולע אויגן זיך געזעגנט מיט אים אויפן לאַנד־וועג און זיך אַוועקגעלאָזט קיין פּעטערסבורג — אָט אַזוי ווי ער איז געשטאַנען און געגאַנגען, אין אַ פּאָר זיידענע זאָקן, אין אַן עפּל־גרין סאַטינעם ראָק און מיט אַ טראָסטענעם שפּאַציר־שטעקן אין דער האַנט.

ער האָט דערציילט פון אַקטריסעס, זינגערינס, מאָדיסטקעס, גראַפינעס, טענצערינס, קאַמערדינסטן; פון קאָרטנשפּילער, אָפיציערן, פירשטן, געזאַנדטע פינאַנצירן, מוזיקער און אַוואַנטוריסטן; אַזוי פאַרכאַפּט איז ער אַליין געווען פון דעם וואונדערלאַכן אויפסניי איבערלעבטן צויבער פון זיין פאַרגאַנ־

קאסאנאָוואַ'ס אַהיימקער

געגהייט, אַזוי פֿולשטענדיק איז געווען דער טריאומף פֿון די אַלע הערלאַכע, כאַטש אומצוריקערבאַרע איבערלעבונגען, איבער דער נויט, וואָס האָט געשאַטנט אין זיין קעגנוואַרט, אַז ער האָט שוין געהאַלטן דערביי זיך צו נעמען דערציילן די געשיכטע פֿון אַ זייער שיינער בלאָסער מיידל, וואָס האָט אין דער טונקלקייט פֿון קלויסטער בא מאַנטוא, אים אָנפּאַרטרויט אירע ליבע־ליידן; —פֿאַרגעסנדיק אינגאַנצן, אַז דאָס זעלבע מיידל איז דאָ איצט, אויף זעכצן יאָר געעלטערט, געזעסן באַם טיש קעגן איבער אים, אַלס די פֿרוי פֿון זיין פֿריינט אָליוואַ — ווען די דינסט איז מיט שווערע טריט אַריינגעקומען און געמאָלדן, אַז דער וואָגן וואַרט באַם טויער.

אויפֿן שטעל, מיט זיין אומפֿאַרגלייכלאַכער באַגאַבונג צו טאָן וואָס נויטיק איז אין חלום ווי אויפֿן וואָר אָן דער מינדסטער צעגערונג, האָט זיך קאַסאַנאָוואַ אויפֿגעהויבן צום געזעגנען. ער האָט נאָכאַמאָל זייער הארציק אויפֿגעפֿאָדערט אָליוואַ'ן, וואָס איז געווען אַזוי גערירט, אַז ער האָט פֿאַרלוירן דאָס לשון, אַז ער זאָל מיט פֿרוי און קינדער קומען צו אים אויף אַ באַזוך קיין ווענעדיג. נאָכדעם ווי ער האָט אומאַרימט אָליוואַ'ן, האָט ער מיט דערזעלבער אַבזיכט זיך דערנענטערט צו אַמאַליאַ'ן. אָבער זי האָט זיך לייכט אָפּגעווענדט און האָט אים בלויז דערלאַנגט די האַנט, וואָס ער האָט געקושט מיט איידלקייט.

ווען ער האָט זיך אומגעווענדט צו מאַרקאָלינאַ'ן, האָט זי געזאָגט:

— דאָס אַלץ, וואָס איר האָט אונדז דאָ היינט אָוונט דערציילט, און נאָך פֿיל מער ווי דאָס, דאַרפֿט איר אויפֿשרייבן.

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

הער שעוואַליע, אַט אַזוי ווי איר האָט אָנגעוואָרפֿן די געשיכטע פֿון אייער פּלטה פֿון די בלייקאַמערן.

— מיינט איר דאָס מיט אַן אמת, מאַרקאַלינא? — האָט ער געפֿרעגט, מיט דער באַשיידנקייט פֿון אַ יונגן אויטאָר.

זי האָט געשמייכלט מיט אַ לייכטן חוזק און געזאָגט:

— איך שטעל מיר פֿאָר, אַז אַזאַ בוך קען זיין אַ סך אונטערהאַלטנדיקער, ווי אייער פּאָלעמישע שריפֿט קענען וואָלטערן.

„דאָס קאָן גאַנץ מעגלאַך זיין", האָט ער פֿאַר זיך געטראַכט. „אַז איך זאָל אַמאָל פֿאָלגן דיין עצה. און דאַן זאָלסטו אַליין, מאַרקאַלינא, זיין די טעמע פֿאַר דעם לעצטן קאַפּיטל."

דערדאָזיקער איינפֿאַל, נאָך מער דער געדאַנק, אַז דאָס לעצטע קאַפּיטל האָט ער ערשט געזאָלט איבערלעבן אין פּאַרלויף פֿון דערזעלביקער נאַכט, האָט אַזוי מאָדנע דורכגעלויכטן זיין אָנבליק, אַז מאַרקאַלינא, וואָס האָט אים געהאַט דערלאַנגט איר האַנט צום געזעגנען, האָט זי גלייך אַרויסגעצויגן פֿון זיינער. איידער נאָך ער האָט באַוויזן זיך איינצובייגן אום זי אַ קוש צו טאָן.

ניט אַרויסצייגנדיק קיין סימן פֿון אַנטוישונג אָדער בייזקייט, האָט זיך קאַסאַנאָוואַ געלאָזט גיין, אָנווייזנדיק מיט איינעם פֿון יענע איינפֿאַכע זשעסטן, וואָס זיינען אים געווען אייגן. אַז קיינער, אַפֿילו אָליוואָ, זאָל אים ניט נאָכפֿאָלגן.

מיט שנעלע טריט האָט ער דורכגעשפּאַנט די קאַשטאַן־אַלעע, געגעבן אַ גאָלדשטיק דער דינסט, וואָס האָט אים גע־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

בראַכט דעם רייזע־זאַק צום וואָגן, איז אַריינגעשטיגן און אָפּ־
געפאָרן.

דער הימל איז געווען באַדעקט מיט וואָלקנס. דאָ און
דאָרט האָבן זיך נאָך געוויזן פייערלאַך, וואָס האָבן געפונקלט
אין די פענצטער פון אָרימע הייזלאַך. אָבער נאָכדעם ווי דאָס
דאָרף איז געווען הינטער זיי, האָט דורך דער פינצטערניש
בלויז געלויכטן דאָס ליכט פון דער געלער לאָמטערנע, וואָס איז
אַראָפּגעהאָנגען פון דעם דייקסל. קאַסאַנאָוואַ האָט געעפנט
דעם רייזעזאַק, וואָס איז אים געלעגן בײַ די פיס, אַרויסגענו־
מען לאָרענצי׳ס מאַנטל, עס אויסגעשפּרייט איבער זיך, און
דאַן, אונטער דעם איבערדעק אַלס שוץ, האָט ער זיך גענומען
אויסטאָן מיט יעדער מעגלעכער פאַרזיכטיקייט. די אויסגע־
טאָענע קליידער און די שיך און זאָקן, האָט ער אַריינגע־
פּאַקט אין וואַליז און זיך גוט איינגעהילט אין דעם מאַנטל.
איצט האָט ער אויסגערופן צום קוטשער:

— היי, מיר מוזן זיך אומקערן אויף צוריק.

דער קוטשער האָט זיך פאַרדראָסיק אומגעווענדט צו אים.

— איך האָב פאַרגעסן אין הויז מיינע פּאַפּירן, הערסט וואָס
איך רייד? מיר מוזן צוריקפאָרן.

ווען דער קוטשער, אַ פאַרביטערטער, אָפּגעצערטער גרוי־
בערדיקער מענטש, האָט אויסגעזען צו צעגערן, האָט קאַסאַנאָ־
וואַ געזאָגט: „פאַרשטייט זיך, אַז איך פאַרלאַנג עס ניט פון
דיר אומזיסט, דאָ האָסטו!“ און ער האָט אים אַריינגעלייגט
אַ גאָלדשטיק אין דער האַנט אַריין.

דער קוטשער האָט זיך גענייגט, עפּעס געמורמלט, און מיט

קאַסאַנאַוואַ׳ס אַהיימקער

אַ גאַנץ אומנויטיקן שמיץ מיט דער בייטש איבערן פערד, האָט ער אומגעווענדט דעם וואָגן. ווען זיי זיינען צוריק געפאָרן דורכן דאָרף זיינען אַלע הייזער געלעגן שטיל און אויסגע־לאָשן. אַז זיי זיינען אָפּגעפאָרן אַ שטיק פון דאָרף אַרויס, האָט שוין דער קוטשער געוואָלט פאַרקערעווען פון שאָסע אויפן שמאָלן לייכט אַרויפשטייגנדיקן וועג, וואָס האָט געפירט צו אַליוואַ׳ס גוט.

— שטיי — האָט קאַסאַנאַוואַ אויסגערופן — מיר וועלן נישט צופאָרן אַזוי נאָנט, ווארים מיר קענען נאָך אויפוועקן די מענטשן. וואַרט אויף מיר דאָ באַם עק וועג. איך וועל באַלד צוריקקומען... אויב ס׳וועט געדויערן און כ׳וועל דיך אויפהאַלטן לענגער, קריגסטו פאַר יעדער שעה אַ דוקאַט.

איצט האָט דער מאַן אויסגעזען צו פאַרשטיין וואו אומ־געפער ער געפינט זיך; קאַסאַנאַוואַ האָט עס דערקענט אין דעם שטייגער ווי יענער האָט גענייגט מיטן קאָפּ.

ער איז אַרויסגעשטיגן און באַלד פאַרשוואונדן פון דעם קוטשערס אויגן. קאַסנאַאווא האָט זיך געאיילט צום פאַרשלאָ־סענעם טויער איבערן שטעגל באַ דער וואַנט, וואָס האָט זיך אָפּגעקערט באַם סאַמע רעכטן ווינקל און דאָן האָט ער זיך פאַר־נומען אַפן וועג דורך די וויינבערגלאַד. האַבנדיק דאָ פריער געגאַנגען צוויי מאָל באַטאָג, איז אים ניט שווער געווען צו געפונען דעם וועג אין דער פינצטער. אַרויפצו אויף דער מיטל־סטער הייך פון די בערגלאַד, האָט זיך ווידער אָפּגעקערט אַ וואַנט־ווינקל. דאָ האָט ער זיך ווייטער געדאַרפן אָפּקערן אויף רעכטס איבער אַ ווייכער לאָנקע און אין דער געדיכטער פינצ־

טערניש פון דער נאַכט, האָט ער זיך געמוזט האַלטן נאָנט צו דער וואַנט און גענעדאָרפן גוט אַכטונג געבן, אַז ער זאָל ניט פאַרבייגיין די גאָרטן טיר. ער האָט געטאַפּט איבער דעם גלאַטן שטיינערנעם געביי, ביז זיינע פינגער האָבן דערשפּירט דאָס רויע האָלץ, וואו ער האָט שוין לייכט געקענט דערקענען די טיר דורך דער שמאָלער וויטרינע. ער האָט שנעל געפונען דעם שלאָס, אויפגעשלאָסען אריין אין גאָרטן און צוריק פאַרשפּאַרט די טיר הינטער זיך.

פון יענער זייט לאָנקע האָט ער געזען דאָס הויז מיט דעם טורים; זיי האָבן אויסגעזען אוממעגלאַך דערווייטערט און האָבן זיך געשטרעקט אין פּונקט אַזאַ אונגלויבלאַכער הייך. א ווײלע איז ער געשטאַנען רואיק און געקוקט אַרום זיך. וואָס פאַר אַן אַנדערנס אויגן וואָלט געווען אומדורכדרינגלאַכע פינצטערניש, איז פאַר אים געווען בלויז טיפער דעמערונג. ווייל דער שאָבער־וועג פון דער אַלעע האָט ווי געטאַן זיינע באָרוויסע פיס, איז ער ארויף אויף דער לאָנקע, וואָס האָט נאָך דערצו פאַרשלונגען דעם רויש פון זיינע טריט.

אזוי לייכט איז געווען זיין גאַנג, אַז ער האָט זיך געפילט ווי שוועבנדיק.

„איז דען מיין געמיט איצט אַנדערש", האָט ער געטראַכט. „ווי אין דער צייט, ווען איך בין אַלס דרייסיק יעריקער מאַן געגאַנגען אויף אַזעלכע אוואַנטורעס? פיל איך דען נישט, ווי דעמאָלס, דעם גאַנצן גלוט פון באַגערן און אַלע זאַפטן פון דער יוגנט שטראָמען דורך מיינע אַדערן? בין איך נישט היינט נאָך קאַסאַנאָוואַ, ווי כ׳בין עס דעמאָלס געווען? און ווייל איך בין

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

קאַסאַנאָוואַ פאַרוואָס זשע זאָל איך, פּונקט ווי אַנדערע, זיין אונטערוואַרפן דעם אומדערבאַרימדיקן געזעץ, וואָס מען רופט עלטער! פאַרוואָס זאָל עס מיך נישט מיידן!"

און ווערנדיק נאָך דרייסטער האָט ער זיך געפרעגט: „פאַרוואָס שלעפּ איך מיך אַ פאַרמאַסקירטער צו מאַרקאַלינאַ'ן? איז קאַסאַנאָוואַ נישט ווירדיקער פון לאָרענצי'ן, אַפילו ווען ער איז מיט דרייסיק יאָר עלטער? און איז זי נישט די פרוי וואָס וואָלט געקאָנט באַגרייפן דאָס אומבאַגרייפלאַכע? איז עס נויטיק געווען צו באַגיין אַ קלענערע לומפּעריי און צו פאַרפירן אַן אַנדערן מאַן צו אַ ביסל אַ גרעסערער לומפּעריי? וואָלט איך ניט, מיט אַ ביסל געדולד, געקומען צום זעלביקן ציל? לאָרענצי וואָלט סיי ווי סיי מאָרגן אָפּגעפאָרן, בעת איך וואָלט דאָ געבליבן... פינף טעג... דריי טעג — און זי וואָלט זיך מיר אָפּגעגעבן — באַוואוסטזיניק זיך מיר אָפּגעגעבן".

ער איז געשטאַנען צוגעדרוקט צו דער וואַנט פון הויז, לעבן מאַרקאַלינאַ'ס פענצטער, וואָס איז נאָך געווען פעסט פאַרשלאָסן און זיינע געדאַנקען זיינען ווייטער געפלויגן: „איז עס דען איצט צו שפּעט? איך קאָן נאָך צוריק קומען — מאָרגן, איבערמאָרגן. און איך פאַנג אָן די אַרבעט פון פאַרפירונג — אַלס ערנהאַפטער מאַן, אַזוי צו זאָגן. די היינטיקע נאַכט וואָלט געווען אַן אַדערויף אויף די קומענדיק. יאָ, מאַרקאַלינאַ טאָר זיך נישט דערוויסן, אַז איך בין דאָ היינט געווען — אָדער ערשט שפּעטער — פיל שפּעטער".

X

מאַרקאַלינאַ'ס פענצטער איז נאָך אַלץ געווען פאַרשלאָסן. אויך פון אינערוויייניק האָט זיך קיין שום באַוועגונג ניט געהערט. עס האָט נאָך געפעלט אַ פּאָר מינוט צו מיטנאַכט. זאָל ער געבן וועלכן ניט איז צייכן פון זיך ? אַ לייכטן קלאַפּ אין פענצטער ? ווייל וועגן דעם איז פון פריער גאָרנישט אָפּגערעדט געוואָרן. וואָלט עס נאָך געקאָנט אַרויסרופן אין מאַרקאַלינאַ'ן אַ פאַר־דאַכט, דאַרף מען וואַרטן. לאַנג קען עס שוין ניט געדויערן. דער געדאַנק, אַז זי קאָן אים גלייך דערקענען, אַז זי קען דערזעען דעם באַטרוג איידער נאָך ער איז געקומען נאָענט צו דער דערפילונג פון זיין וואונטש, איז אים איינגעפאַלן ניט צום ערשטן מאָל, אָבער בלויז ווי אַ פאַרביילויפיקע איינבילדונג, אַלס אַ נאַטירלאַכע באַטראַכטונג פון אַ ווייטלויפיקער, אומוואַרשיינלאַכער מעגלאַכ־קייט, אָבער ניט אַלס ערנסטע מורא.

עס האָט זיך אים דערמאָנט אַ קאָמישע אַוואַנטורע. דאָס איז געווען מיט צוואַנציק יאָר צוריק : ער האָט פאַרבראַכט אַ זעלטענע נאַכט מיט אַ העסלאַכער, געעלטערטער מרשעת, מיי־נענדיק אַז ער פאַרברענגט דאָס מיט אַ שיינער יונגער פרוי, וואָס ער האָט פאַרערט. ער האָט געדענקט ווי אויף דעם אַנדערן טאָג, האָט זי אים אָן אומפאַרשעמטן בריוו אָפּגעשפּאָט פון אים פאַר דעם טעות, וואָס איז געווען איר שטאַרקסטער באַגער, און וואָס זי האָט דורכגעפירט מיט אַזאַ פאַרעכטלאַכער ביטריקייט. ער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

האָט אויפגעשווידערט פון עקל באַ דער דערינערונג. גראָד וועגן דעם וואָלט ער ליבערשט ניט געוואָלט טראַכטן אין דעם איצטיקן מאָמענט, און ער האָט פאַרטריבן דאָס אַפּשויסנדיקע בילד פון זיינע געדאַנקען. איז עס נאָך אַלץ נישט מיטנאַכט ? ווי לאַנג נאָך דאַרף ער דאָ שטיין צוגעדרוקט צו דער וואַנט, און פרירן אין דער קילער נאַכט ? אָדער איז דאָס וואַרטן אַרויסגעוואָרפן ? צום נאַרן אים אַרויסגעשטעלט — נאַכאַלעמען ? צוויי טויזנט דוקאַטן פאַר גאָרנישט ? און לאָרענצי מיט איר הינטערן פאַר־האַנג ? און מאַכן נאָך פון אים חוזק ?

אומוויליק האָט ער פעסטער געקלאַמערט דאָס הענטל פון דעם שווערד, וואָס ער האָט געהאַלטן אונטערן מאַנטל נאָענט צו זיין נאַקעטן ליב. מיט אַזאַ חברה׳מאַן ווי לאָרענצי מוז מען נאַכאַלעמען פאַרגעברייט זיין אויף די פיינלאַכסטע איבעראַשונגען.

נאָר דאַ, אין דעם זעלבן אויגנבליק, האָט ער דערהערט אַ לייכטן קלימפּערדיקן גערויש — ער האָט געוואוסט, אַז דאָס קומט פון די גראַטעס, פון מאַרקאָלינאַ׳ס פענצטער, וואָס זי האָט איצט אָוועקגענומען. באַלד נאָכדעם האָבן זיך ברייט פאַנ־אַנדערגעעפנט ביידע פליגלען פון פענצטער, בעת דער פאָר־האַנג איז נאָך אַלץ געבליבן פאַרצויגן. קאַסאַנאָוואַ איז געבליבן אומבאַוועגלאַך אויף אַ פּאָר סעקונדן, ביז דער פאָרהאַנג איז פון אַן אומזיכטבאַרער האַנט אונטערגעהויבן געוואָרן אין אַ זייט. דאָס האָט קאַסאַנאָוואַ אָנגענומען פאַר אַ צייכן. ער איז אַריבער־געשפּרונגען די פענצטער־שוועל אין צימער אַריין און געשווינד פאַרשלאָסן הינטער זיך דאָס פענצטער און גראַטעס. דער אונ־טערגעהויבענער פאָרהאַנג איז צוריק אַראָפּגעפאַלן איבער זיינע

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אַקסלען, אַזוי, אַז ער האָט געמוזט פון אונטער דעם אָפּערקריכן. איצט וואָלט ער שטיין געבליבן אין פולשטענדיקער פינצטערניש, ווען נישט דער מאַטער שימער אויס דער טיפעניש פון געמאַך אין אַן אומבאַגרייפלאַכער ווייטקייט, וואָס האָט אויפגעהעלט, ווי דערוועקט פון זיין אייגענעם בליק און אים געוויזן דעם וועג. בלויז דריי טריט פאַראויס — און גאַרנדיקע אָרימס האָבן זיך אויסגעשטרעקט נאָך אים. ער האָט אַרויסגעלאָזט דעם שווערד פון דער האַנט, דאָס מאַנטל האָט זיך אַראָפּגעגליטשט פון זיינע אַקסלען און ער איז פאַרזונקען אין זיין גליקזעליקייט.

אין מאַרקאָלינאַ׳ס פאַרגיין זיך אין זיפצן, אין די טרערן פון זעליקייט, וואָס ער האָט אויסגעקושט פון אירע באַקן, אין דער ווידער און ווידער באַנייטער גלוטיקייט, מיט וועלכער זי האָט אויפגענומען זיין צערטלאַכקייט, האָט ער באַלד דערפילט אַז זי טיילט מיט אים זיין אַנטציקונג; און די אַנטציקונג האָט ער געפילט טיפער, האָט אים אויסגעזען פון אַ נייער, יאָ פון אַן אַנדערן אַרט, ווי די וואָס ער האָט ווען נים איז איבערגעלעבט. פאַרגעניגען איז געוואָרן פאַרערונג, טיפע פאַר׳שכור׳ונג איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין העלסטער וואַכזאַמקייט. דאָ איז ענדלאַך געוועזן די דערפילונג צו וועלכע ער האָט אַזוי אָפט געמיינט, אַז ער איז שוין נאָנט גענוג זי צו דערגרייכן, אָבער וואָס ער האָט אינדעראמת׳ן נאָך קיינמאָל נישט איבערגעלעבט — באַ מאַרקאָ־לינאַ׳ס האַרצן איז געוועזן די דערפילונג. ער האָט געהאַלטן אין זיינע אָרימס די פרוי, פאַר וועלכער ער האָט זיך געדאַרפט פאַר־שווענדן כדי צו דערפילן אומדערשעפלאַך; די פרוי אויף וועמענס ברוסט דער לעצטער אויגנבליק פון זעלבסטלאָזער הינגעבונג און

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

דער באַנייטער באַגער, זיינען זיך צוזאַמען געפֿלאָסן אין איינ־איינציקן, נאָך קיינמאָל ניט געאַנטן זעלישן עקסטאַז. איז דען לעבן און שטאַרבן, צייט און אייביקייט, ניט איינס געווען אויף די דאָזיקע ליפּן? איז ער נישט געווען אַ גאָט? זיינען נישט יוגנט און עלטער בלויז אַ פּאָבל, פֿון מענטשן אויסגעטראַכט? זיינען נישט היים און גלות, פּראַכט און עלנד, רום און פֿאַר־געסנקייט — וועזנלאָזע אונטערשידן, וואָס פּאַסן זיך בלויז פֿאַר דעם געברויך פֿון די אומרואיקע, פֿון די היימלאָזע, פֿון די פּוס־טאָקעס — און זיינען די ווערטער נישט געוואָרן זינלאָז פֿאַר איינעם, וואָס איז געווען קאַסאַנאָוואַ, וואָס האָט געפֿונען מאַרקאָ־לינאַ'ן?

אומווירדיק, יאָ, לעבערלאַכער פֿון מינוט צו מינוט, איז עס אים פֿאָרגעקומען זיך צו האַלטן בײַ דעם באַשלוס, וואָס ער האָט געפּאַסט פֿריער, זייענדיק אַזוי קליינמוטיק, — שטום, אומדער־קענט, ווי אַ גנב זיך אַפּצוטראָגן פֿון דערדאָזיקער וואונדערנאַכט. אין דעם אומפֿעלבאַרן באַוואוסטזיין, אַז ער מוז זיין דער באַ־גליקער, פּונקט אַזוי ווי ער איז געווען דער באַגליקטער, האָט ער זיך שוין געפֿילט אַנטשלאָסן אויף דער ריזיקע, צו אַנטפּלעקן זיין נאָמען, כאָטש עס איז אים די גאַנצע צייט קלאָר געווען, אַז דאָס איז אַ שפּיל וואו ער וואָלט זייער גרויס געשטאַנען אין קאָן אַז ווען ער וואָלט דאָ פֿאַרלוירן, וואָלט ער געמוזט גרייט זיין צו באַצאָלן מיט זיין עקזיסטענץ. ער איז נאָך אַלץ געווען איינגע־הילט אין אַן אומדורכדרינגלאַכער פֿינצטערניש און ביז דער ער־שטער דעמער־שיין דרינגט אַדורך דעם געדיכטן פֿאָרהאַנג, האָט ער געקאָנט פֿאַרציען אַ קאָנפֿעסיע, וואָס האָט געמאַכט אַפּהענגיק

זיין מזל, ניין, זיין גאַנץ לעבן אין דעם אופן ווי מאַרקאַלינאַ וועט דאַס אויפנעמען.

אָבער, איז דען נישט גראַד דאַס שטומזעליקע, זאַנפּט ליידנשאַפטלאָכע, געוועזן דאַס, וואָס האָט אים אומצושיידבאַר אַנגעקנופּט אַן מאַרקאַלינאַ׳ן צווישן איין קוש און דעם אַנדערן? ווערט נישט, דורך דער אומאויסשפּרעכלאַכער אַנטציקונג פון דער דאָזיקער נאַכט, פאַרוואַנדלט אין אמת דאַס, וואָס איז פאַר־נומען געוואָרן דורך באַטרוג? האָט זי עס נאָך אַליין ניט געאַנט, די אָפּגענאַרטע, די געליבסטע, די איינציקע? איז עס איר נאָך ניט איינגעפאַלן, אַז דאָס איז נישט לאָרענצי, דער אינגלינג, דער מענטשל, — אַז דאָס איז געווען קאַסאַנאָוואַ, דער מאַן, מיט וועמען זי איז זיך פאַרגאַנגען אין דעם געטלאַכן פייער?

ער האָט שוין אָנגעפאַנגען צו גלויבן אין דער מעגלאַכקייט, אַז עס וועט אים איינגאַנצן פאַרשפּאַרט זיין דער שטאַרק גע־גאַרטער און דאָך אַזוי שרעקנדיקער מאָמענט פון אַנטפּלעקונג. ער האָט געטרוימט דערפון אַז מאַרקאַלינאַ אַליין, זיך צאַפּלענדיק, אין טראַנס, אַן אויפגעלייזטע וועט אַרויספּליסטערן פאַר אים זיין נאָמען. און דאַן, ווען זי וועט אים האָבן פאַרגעבן — אָדער ניין, ווען זי וועט אָננעמען זיין פאַרגעבונג, דאַן וואָלט ער זי מיט זיך מיטגענומען, גלייך, אין דערזעלביקער שעה. צוזאַמען מיט איר פאַרלאָזן דאָס הויז אין דעם גרויען פרימאָרגן, צוזאַמען מיט איר אַריינשטייגן אין דער קאָטש, וואָס שטייט אין דרויסן באַם אָפּוועגד פון שאָסע; מיט איר אָפּפאָרן. אויף אייביק זיינע. די קרוין פון זיין לעבן וואָלט דאָס געווען, אַז ער, אין די יאָרן ווען אַנדערע גרייטן זיך שוין צו דער טרויעריקער גרויער עלטער, האָט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ער, דורך דער אומגעהיירער מאַכט פון זיין אומפאַרלעשבאַרן וועזן, געוואונען די יונגסטע, די שענסטע, די פאַרנונפטיקסטע פרוי, און זי אויף שטענדיק געמאַכט פאַר זיינע.

וואָרים די פרוי איז געווען זיינע, ווי קיין אַנדערע פאַר איר, איז עס נאָך קיינמאָל ניט געווען. ער האָט זיך געגליטשט מיט איר דורך מיסטעריעזע, שמאָלע קאַנאַלן, צווישן פּאַלאַצן, אין וועמענס שאָטנס ער האָט זיך איצט צוריק דערפילט אין דערהיים, אונטער הויכע פאַרוואָרפענע בריקן, איבער וואָס עס האָבן זיך פאַרביי געטראָגן פאַרטונקלטע געשטאַלטן; צייטנווייס האָבן מאַנכע אַרונטער־געבליקט צו זיי איבער דער פאַרענטשע און זיינען באַלד פאַרשוואונדן. נאָך איידער מען האָט זיי רעכט געקאָנט דערקענען.

איצט האָט זיך די גאָנדאָלע אָפּגעשטעלט אין דער זייט, מאַרמאָר שטיגן האָבן געפירט אַרויף צו דער פּרעכטיקער געביידע פון דעם סענאַטאָר בראַגאַדינאָ. דאָס איז געווען דער איינציקער פּאַלאַץ יום־טוב׳דיק באַלויכטן. אויף די טרעפּ זיינען געלאָפן אַרויף און אַראָפּ פאַרמאַסקירטע געסט. טייל זיינען נייגעריק שטיין געבליבן. אָבער ווער האָט דען געקאָנט דערקענען קאַ־סאַנאָוואַ׳ן און מאַרקאָלינאַ׳ן הינטער זייערע מאַסקן?

ער איז אַריינגעטראָטן מיט איר אין זאַל. דאָ האָט אַ קרייז געשפּילט אויף הויכן איינשטעל. אַלע סענאַטאָרן, צווישן זיי בראַגאַנדינאָ, אין זייערע פּורפּורנע מאַנטלען זיינען געווען אַרומ־געזעצט אַרום טיש. ווען קאַסאַנאָוואַ איז אויפגעטראָטן, האָבן זיי אַלע אַרויסגעפּליסטערט זיין נאָמען, ווי אין דער גרעסטער מורא; וואָרים זיי האָבן אים דערקענט אין דעם בליצן פון זיינע

קאסאנאוואס אהיימקער

אויגן הינטער דער מאסקע. ער האט זיך ניט אוועקגעזעצט; נישט גענומען קיין קארטן, און דאך האט ער מיטגעשפילט. ער האט געוואונען דאס גאנצע געלד וואס איז געלעגן אויפן טיש, אבער דאס איז נאך נישט גענוג געווען; די סענאטארן האבן אים געמוזט אויסשטעלן וועקסלען. זיי האבן פארלוירן זייערע פארמעגנס, זייערע פאלאצן, זייערע פורפורנע מאנטלען; זיי זיינען געווען בעטלער, און טראנטעס האבן זיי געפויזט ארום אים, קושענדיק אים די הענט.

אין דעם דערבייאיקן טונקל־רויטן זאל, איז געווען מוזיק און טענץ. קאסאנאווא האט געוואלט טאנצן מיט מארקאלינא׳ן, אבער זי איז געווען פארשוואונדן. די סענאטארן אין זייערע פורפורנע מאנטלען זיינען ווידער געזעסן ארום טיש. אבער איצט האט קאסאנאווא געוואוסט, אז דאס איז ניט געווען קיין שפיל אין קארטן, נאר אז די מזלות פון אנגעקלאגטע, פארברעכער און אומשולדיקע, זיינען געשטאנען אין קאן.

וואו איז מארקאלינא אהין געקומען? האט ער דען נישט די גאנצע צייט געהאלטן איר האנט אין זיינער? ער איז ארונטערגעפלויגן פון די טרעפ. די גאנדאלע האט געווארט. פאראויס, פאראויס, דורך דעם לאבירינט פון קאנאלן. אוודאי האט דער גאנדאלער געוואוסט וואו מארקאלינא געפינט זיך. אבער פארוואס איז ער אויך געווען פארמאסקירט? דאס איז קיינמאל ניט געווען דער מנהג אין ווענעדיג. קאסאנאווא האט מיט אים געוואלט פארפירן א שמועס, אבער ער האט נישט געוואגט. ווערט דאס א מענטש אזא פחדן אויף דער עלטער?

פאראויס, ווייטער, ווייטער — וואס פאר א ריזן שטאט ווע־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

נעדיג איז דאָס אויסגעוואַקסן אין די פינפאונצוואַנציק יאָר; ענדלאַך זיינען די הייזער פאַרשוואונדן. דער קאַנאַל האָט זיך אויסגעברייטערט. זיי האָבן זיך פאַרבייגעגליטשט צווישן אינזלען; דאָרטן האָט זיך אויפגעהויבן די מויער פון דעם מאַנאַסטיר פון מוראַנאָ, וואוהין מאַרקאַלינאַ איז אַנטלאָפן

פאַרשוואונדן איז די גאָנדאָלע. איצט האָט ער געדאַרפן שווימען — ווי זעלטן דאָס איז געווען! אין דער זעלבער צייט האָבן די קינדער אין ווענעדיג זיך געשפּילט מיט זיינע גאָלד־שטיקער; אָבער וואָס איז אים דאָס גאָלד אַנגעגאַנגען? דאָס וואַסער איז געווען אַט ווארים אַט קאַלט; עס האָט אַראָפּגע־קאַפּעט פון זיינע קליידער, ווען ער האָט געקלעטערט אַרויף איבער דער מויער.

— וואו איז מאַרקאַלינאַ? — האָט ער אין אויפנעם־זאַל הויך געפרעגט, שאַלנדיק ווי נאָר אַ פּרינץ וואָלט זיך געוואַגט צו פרעגן.

— איך וועל זי רופן — האָט געזאָגט די הערצאָגין אַבעסע און איז אַריינגעזונקען אין דער ערד.

קאַסאַנאָוואַ האָט אומגעוואַנדערט, געפלויגן אויף פליגלען. אומגעפלאַטער הין און צוריק איבער די אייזערנע גראַטעס ווי אַ פלעדערמויז. „ווען איך וואָלט עס נאָר פריער געוואוסט אַז איך קען פליען", האָט ער געטראַכט. „איך וועל עס מאַרקאַלינאַ׳ן אויך אויסלערנען".

הינטער די שטאַבעס האָבן אַרומגעשוועבט געשטאַלטן פון פרויען; זיי זיינען געווען נאָנען — און דאָך האָבן זיי אַלע געטראָגן וועלטלאַכע קליידער. ער האָט דאָס געוואוסט כאָטש ער

קאַסאַנאָוואַ׳ס אהיימקער

האָט זיי גאָר נישט געקענט זען; און ער האָט אויך געוואוסט ווער זיי זיינען. הענריעטאַ איז דאָ געווען, די אומבאַקאַנטע, און די טענצערינס גאַרטיצעלי און קריסטינאַ; די כלה און די שיינע דובאָיז און די פּאַרדאַמטע אַלטע פון סאַלאַטורן, און מאַמאַן באַלעטי — און הונדערט אַנדערע, נאָר מאַרקאַלינאַ איז צווישן זיי ניט געווען!

— דו האָסט מיך אָפּגענאַרט — האָט ער אויסגעשריגן צום גאַנדאַלער, וואָס האָט אויף אים געוואָרט אונטן אין דער גאָנדאָלע. קיין שום מענטשן אין דער וועלט האָט ער נאָך אַזוי נישט געהאַסט ווי אים, און ער האָט זיך געגעבן אַ שבועה צו נעמען אין אים אַן אומגעוויינלאַכע נקמה.

אָבער איז עס ניט געווען אַ נאַרישקייט פון אים, וואָס ער האָט געזוכט מאַרקאַלינאַ׳ן אין דעם מאָנאַסטיר פון מוראַנאַ? ווארים זי איז דאָך גאָר געווען אַוועקגעפאָרן אויף אַ באַזוך צו וואָלטער׳ן. ווי גוט דאָס איז געווען, וואָס ער האָט געקענט פליען. ווייל ער האָט דאָך מער ניט געהאַט מיט וואָס צו באַצאָלן פאַר אַ וואָגן.

און ער איז אַוועקגעשוואומען. אָבער איצט איז עס שוין גאָרנישט געווען אַזאַ פאַרגעניגן, ווי ער האָט געמיינט; דאָס וואַסער איז געוואָרן אַלץ קעלטער און קעלטער; ער האָט זיך געטראָגן אין אָפענעם ים אריין, ווייט פון מוראַנאַ, ווייט פון ווענעדיג און קיין שיף האָט מען אין ערגעץ נישט געזען. זיינע שווערע גאָלד־געשטיקטע קליידער האָבן אים אַרונטערגעצויגן; ער האָט זיי געפרואווט אַרונטער וואַרפן פון זיך, אָבער עס איז געווען אוממעגלאַך, ווארים ער האָט געהאַלטן אין דער האַנט דעם

מאַנוסקריפּט, וואָס ער האָט געמוזט איבערגעבן דעם הער וואַל־
טער. זיין מויל און די נאָז האָבן זיך אָנגענומען מיט וואַסער,
אַ טויטער אָנגסט איז אים באַפאַלן; ער האָט זיך אָנגעכאַפּט
אין דעם האַפטלאָזן אָרום, געכאָרכלט, געשריגן און מיט גרויס
מאַטערניש אויפגעעפנט די אויגן.

דורך אַ שמאָלן שפּאַלט, צווישן דעם פאָרהאַנג און דעם
פענצטער ראַנד, האָט אַריינגעלויכטן אַ שטראַל פון באַגינען. מאַר־
קאָלינאַ, איינגעהילט אין איר ווייסן שלאָפראָק, וואָס זי האָט מיט
די הענט איבער דער ברוסט צוזאַמענגעהאַלטן, איז געשטאַנען
צופיסנס באַם בעט און באַטראַכט קאַסאַנאָוואַ׳ן מיט אַן אומ־
אויסדרוקבאַרן שוידער. איר בליק האָט אים אינדערמינוט און
פולשטענדיק אויפגעוואַכט. אומוויליק האָט ער אויסגעשטרעקט צו
איר די אָרעמס מיט אַ מינע פון געבעט. מאַרקאָלינאַ, ווי אין
דערווידערונג, האָט מיט אַ באַוועגונג פון דער לינקער האַנט
אָפּגעווענדט זיין אָפּיל, בעת מיט דער רעכטער האָט זי נאָך
קרעמפּיקער צוזאַמענגעהאַלטן איר קלייד אויף דער ברוסט. קאַ־
סאַנאָוואַ האָט זיך האַלב אונטערגעהויבן, אונטערגעשפּאַרט מיט
ביידע הענט אויפן געלעגער, און שטאַר געקוקט אויף איר. ביידע
זיינען ניט מסוגל געווען אָפּ צו ווענדן דעם בליק איינער פון דעם
אַנדערן. צאָרן און בושה איז געווען אין זיינע אויגן און אין אירע,
בושה און עקל; און קאַסאַנאָוואַ האָט געוואוסט, ווי אַזוי זי
האָט אים געזען, וואָרים גלייכצייטיק האָט ער זיך אַליין געזען
אין דעם שפּיגל פון דער אַטמאָספערע, און געזען האָט ער זיך,
ווי ער איז נעכטן געווען אין דעם שפּיגל פון טורים־צימער: אַ
געל בייז אָנגעזיכט מיט טיף איינגעגראָבענע קנייטשן, מיט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

שמאָלע ליפּן און שטעכיקע אויגן — און נאָך ערגער, וואָרים פון דער דערשעפּטקייט פון דער פאַרלאָפענער נאַכט, פון דעם צע־רייצטן חלום אין באַגינען און פון דער שרעקלאַכער דערקענטע־ניש פון דער דערוואַכונג, איז זיין אויסזען געווען דרייפאַך פאַר־וויסט. און וואָס ער האָט געלעזן אין מאַרקאָלינאַ׳ס אָנבליק, איז ניט געווען דאָס, וואָס ער וואָלט טויזנט מאָל ליבערשט געלעזן: גנב, הפקרניק, אָדער אויסוואָורף; ער האָט געלעזן בלויז דאָס, וואָס האָט אים שאַנדפולער צו דער ערד אַראָפּגעדרוקט, ווי אַלע איבריקע זידלערייען וואָלטן דאָס געקאָנט; ער האָט געלעזן דאָס וואָרט, וואָס איז פאַר אים געווען דאָס שוידערלאַכסטע פון אַלע ווערטער, דען עס האָט אויסגעשפּראָכן זיין ענדגילטיקן משפּט: א ל ט ע ר מ אַ ן.

וואָלט עס אין דעם מאָמענט געווען אין זיין מאַכט, זיך אַליין אומצוברענגען דורך אַ כשוף־וואָרט, וואָלט ער דאָס געטאָן, אום נאָר ניט צו מוזן אָפּער קריכן פון אונטער דער דעקע און זיך ציינן פאַר מאַרקאָלינאַ׳ן אין זיין נאַקעטקייט, וואָס האָט איר געמוזט פאָרקומען אָפּשטויסנדיקער ווי דער אָנבליק פון אַן עקלהאַפטע חיה.

אָבער מאַרקאָלינאַ, ווי קומענדיק ביסלאַכווייז צו זיך און וואָרשיינלאַך אין דעם פאַרלאַנג וואָס שנעלער צו געבן אים די גע־לעגנהייט, וואָס איז אים נויטיק געווען, האָט אָפּגעקערט איר פּנים צו דער וואַנט. ער האָט אויסגענוצט דעם מאָמענט אַרויסצוגיין פון בעט אויפצוהויבן דעם מאַנטל פון דער דיל און זיך איינצוהילן, ער האָט זיך אויך שנעל פאַרזיכערט מיט זיין שווערד. און איצט, ווען ער האָט דערפילט אַז ער האָט ווייניקסטנס זיך געראַטעוועט פון

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

דער ערגסטער שאַנד, פון לעבערלאַבקייט, האָט ער שוין אָנגעהויבן צו טראַכטן דערפון, אויב עס וואָלט ניט מעגלאַך געווען צו וואַרפן אַן אַנדער ליכט אויף דער גאַנצער אַפּערע, וואָס האָט אים אַוועקגעשטעלט אין אַזאַ קלעגלאַכע לאַגע. מיט פּאַסיקע ווערטער, און אין שפּראַך האָט ער קיין מאַנגל ניט געהאַט, וואָלט ער אפשר געקאָנט געבן דער זאַך אַ וועלכע ניט־איז אַנדערע ווענדונג.

לויט דעם כאַראַקטער פון דער לאַגע, האָט פאַר מאַרקאָלינאַ'ן קיין שום צווייפל נישט געקאָנט זיין, אַז לאָרעצי האָט זי צו אים פאַרקויפט. אָבער דאָך, ווי טיף זי האָט געמעגט האָסן איר אומווירדיקן געליבטן אין דעם איצטיקן מאָמענט, האָט אָבער קאַסאַנאָוואַ געפילט, אַז ער, דער שרעקעדיקער גנב, מוז פאַר איר זיין נאָך טויזנט מאָל פאַרהאַסטער.

עפּעס אַנדערש האָט פיליכט פאַרשפּראָכן אַ שנעלערע באַפרידיקונג: צו דערנידריקן מאַרקאָלינאַ'ן מיט אומווירדיקע פראַזן מיט ליידנשאַפטלאַכע שפּאָט־רייד. אָבער אפילו דער דאָזיקער איינפאַל איז באַלד פאַרשוואונדן פאַר איר אָנבליק, וואָס האָט זיך איצט אינגאַנצן געענדערט. איר אויסדרוק פון שוידער האָט זיך ביסלאַכווייז פאַרוואַנדלט אין אַן אומענדלאַכן טרויער, ווי דאָס וואָלט ניט נאָר געווען מאַרקאָלינאַ'ס ווייבלאַכקייט, וואָס קאַסאַנאָוואַ האָט געשענדט, נאָר ווי היינט, אין דער דאָזיקער נאַכט איז אַ נאָמענלאָזער און אומפאַרגעבלאַכע פאַרשוועכונג באַגאַנגען געוואָרן פון באַטרוג קעגן פאַרטרויען, פון תאווה קעגן ליבע, פון עלטער קעגן יוגנט. אונטער דעם דאָזיקן בליק, וואָס האָט, צו קאַסאַנאָוואַ'ס שטאַרקסטער פּיין, אויפסניי אויפגעלעבט אויף אַ וויילע אַלץ, וואָס איז אין אים נאָך גוט געווען, האָט ער זיך אָפּ־

געקערט. אַז זיך נאָכאַמאָל אומצוקוקן אויף מאַרקאַלינאַ׳ן, איז ער צוגעגאַנגען צום פענצטער, פאַרנומען דעם פאָרהאַנג אויף אַ זייט, געעפנט דאָס פענצטער און די גראַטע, געוואָרפן אַ בליק אין דער דעמערונג פון גאָרטן, וואָס האָט נאָך אויסגעזען צו שלומערן, און האָט זיך אַריבער געשוואונגען איבערן פענצטער אין דרויסן אַרויס. ווייל ער האָט דערפילט די מעגלאַכקייט, אַז עמיצער אין הויז קען שוין איצט אויף זיין און קאָן אים נאָך נאָכקוקן דורך אַ פענצטער, האָט ער פאַרמיטן די לאָנקע און זיך אויסגעהיט אין דעם שאָטן פון דער אַלעע. ער איז דורכגעגאַנגען דורך דער גאָרטן טיר אין דרויסן און האָט זי קוים געהאַט צוגעשלאָסן הינטער זיך, ווען עמעץ איז אים אַנטקעגן געקומען און אים פאַרשטעלט דעם וועג. „דער גאַנדאַלער". איז געווען זיין ערשטער געדאַנק. ווארים איצט האָט ער פלוצלונג געוואוסט, אַז דער גאַנדאַלער אין זיין חלום איז ניט געווען קיין אַנדערער נאָר לאָרענצי. דאָ איז ער געשטאַנען קעגן אים. זיין זילבער־געשנירטער רויטער מונדיר האָט געגליט אין מאָרגן ליכט. „וואָס פאַר אַ פרעכטיקע אוניפאָרמע". האָט קאַסאַנאָווע געטראַכט אין זיין פאַרווירטן און פאַרמידטן מאָרך, „עס זעט דאַכט זיך אויס ווי ניי? עס איז זיכער נאָך נישט באַצאָלט דערפאַר". דידאָזיקע אינהאַלטלאָזע באַטראַכטונגען האָבן אים אינגאַנצן צוריק געבראַכט צו זיך, און אַזוי שנעל ווי די לאַגע איז פאַר אים קלאָר געוואָרן, האָט ער זיך דערפילט אויפגעלעבט. ער האָט אָנגענומען די שטאָלצסטע האַלטונג, פעסטער איינגעקלאַמערט דאָס הענטל פון שווערד אונטערן מאַנטל און אין דעם ליבּ־ווערדיקסטן טאָן האָט ער געזאָגט: „פילט איר נישט, הער

לייטענאַנט לאָרענצי, אַז דערדאַזיקער איינפאַל איז צו אייך געקומען אַביסל צו שפּעט ?"

— זיכער נישט — האָט געענטפערט לאָרענצי, און ער איז אין דעם איצטיקן מאָמענט שענער געווען ווי אירגענד װעלכער מענטש, וואָס קאַסאַנאָוואַ האָט ווען ניט־איז געזען — וואָרים נאָר איינער פון אונדז וועט פאַרלאָזן דאָס פּלאַץ אַ לעבעדיקער.

— איר איילט זיך דאָס אַזוי לאָרענצי, — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ אין אַ במעט ווייכן טאָן — קענען מיר די אַנגעלעגנהייט נישט אָפּלייגן ביז מאַנטוּאַ ? איך וועל האָבן די ערע אייך מיט צו נעמען אין מיין וואָגן וואָס וואַרט אויף דעם אָפּוועגנד פון שאָסע. עס איז אויך פאַראַן געגנוג וואָס אויסצורייידן זיך וועגן אָפּהיטן די פאָרמען אין אַזעלכע אַנגעלעגנהייטן, און באַזונדערס נאָך אין אונדזער פאַל.

— מען דאַרף נישט קיין פאָרמען, איר, קאַסאַנאָוואַ, אָדער איך, און נאָך אין דער איצטיקער שעה. — ער האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד.

קאַסאַשנאָוואַ האָט געצוקט מיט די אַקסלען :

— ווי איר ווילט לאָרענצי. אָבער איר מעגט פונדעסטוועגן געדענקען, אַז איך ווער דאָ ליידער געצוואונגען צו דער אומאַנגענעמענהייט אייך אַנטקעגן צו קומען אין אַ זייער אומפּאַסיקן קאָסטום — ער האָט פאַנאַנדער געריסן דאָס מאַנטל און דאָ איז ער שטיין געבליבן אַ נאַקעטער, זיך שפּילנדיק מיט דעם שווערד אין האַנט.

אַ כוואַליע פון האַס האָט אַ שטראָם געטאָן דורך לאָרענצי'ס אויגן : „איר זאָלט מיר אין גאָרנישט הינטערשטעליק זיין". האָט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ער געזאָגט און מיט גרויס איילעניש גענומען פון זיך אַרונטער וואַרפן זיינע קליידער.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך אָפּגעווענדט און זיך דערווייל צוריק איינגעהילט אין זיין מאַנטל, וואָרים כאָטש די זון האָט שוין פאָמעלאַך דורכגעשטראַלט די מאָרגן־נעפּלען, האָט זיך אָבער נאָך געפילט גאַנץ קאַלט אין דער לופט. איבער דער לאַנקע זיינען געפאַלן לאַנגע שאָטנס פון די ביימער, וואָס זיינען שיטערלאַך געשטאַנען אויף די בערגלאַך. אויף איין מאָמענט האָט קאַסאַנאָוואַ געטראַכט, צי קען דאָ סוף־כל־סוף עמעצער נישט אָנקומען ? אָבער דאַך, דער שטעג וואָס איז דאָ געלאָפן באַ דער זייט פון דעם טויער צו דער גאָרטן טיר, איז באַנוצט געוואָרן בלויז פון אָליוואָ׳ן און די זייניקע. קאַסאַנאָוואַ׳ן איז איינגעפאַלן, אַז דאָס זיינען אפשר איצט די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן און ער איז געווען פאַרוואונדערט איבער זיין פולקומער רואיקייט.

„הער וואָלטער האָט מזל". איז אים פאַרביינגעפלויגן אַ געדאַנק. אָבער אין גרונט גענומען, איז אים וואָלטער אינגאַנצן ניט אָנגעגאַנגען, און ער האָט זיך געוואונטשן, אַז אין דעם איצטיקן ערנסטן מאָמענט זאָל ער קענען אַרויסרופן אין זיין זכרון ליבערע געשטאַלטן, ווי דאָס דערווידערדיקע פויגל־געזיכט פון דעם אַלטן ליטעראַט. ווי מאָדנע דאָס איז געווען, וואָס פון די ביימער איבער דער מויער האָבן קיין פייגל ניט געזונגען ? דאָס וועטער וועט זיך זיכער בייטן, אָבער וואָס איז אים דאָס וועטער אָנגעגאַנגען ? ער וואָלט ליבערשט געוואָלט טראַכטן פון מאַרקאָלינאַ׳ן, פון דער פרייד וואָס ער האָט גענאָסן אין אירע אָרעמס און פאַרוואָס ער האָט איצט טייער באַצאָלט. טייער ? — וואָלוול גענוג ! אַ פּאָר

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

יאָרן פון אַ זקן — אין עלנד און שפלות. וואָס נאָך איז אים איי־בערגעבליבן צו טאָן אויף דער וועלט ? צו פאַר׳סמ׳ן דעם הער בראַנאַדינאַ ? איז עס דען ווערט געווען די באַמיאונג ? קיין זאַך איז די מי ניט ווערט געווען... ווי ווייניק די ביימער שטיין דאָרט אויוון ! ער האָט זיי אָנגעהויבן צו ציילן — פינף.. זיבן... צען — האָב איך גאָרניט עפּעס וויכטיקערס צו טאָן ?"

— איך בין גרייט, הער שעוואַליע !

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך רואיק אומגעקערט. לאָרענצי איז גע־שטאַנען אַנטקעגן אים הערלאַך אין זיין נאַקעטקייט, ווי אַ יונגער גאָט. יעדער שפור פון געמיינקייט איז געווען אויסגעלאָשן אין זיין געזיכט. ער האָט אויסגעזען פּונקט אַזוי גרייט צו טויטן ווי צו שטאַרבן.

„און ווען איך זאָל מיין שווערד אַוועקוואַרפן ?" האָט קאַסאַ־נאָוואַ געטראַכט, „ווען איך זאָל אים אומאַרמען?" ער האָט אַרונ־טער געלאָזט דאָס מאַנטל פון די אַקסלען און איז איצט געשטאַנען ווי לאָרענצי, הויל און נאַקעט.

לאָרענצי האָט אַרונטער גענייגט דעם שווערד צום באַגריסן. לויט די געזעצן פון געפעכט, קאַסאַנאָוואַ האָט געענטפערט דעם גרוס. אין דעם נעקסטן אויגנבליק האָבן זיי געקרייצט די קלינגען און זילבערדיק מאַרגנליכט האָט געשפּילט פון שטאָל צו שטאָל.

„ווי לאַנג איז דאָס שוין", האָט קאַסאַנאָוואַ געטראַכט, „זינט איך האָב צום לעצטן מאָל זיך פאַרמאָסטן מיט דעם שווערד אַנט־קעגן אַ קעגנער?" אָבער קיין איינער פון זיינע ערנסטע דועלן, איז אים איצט ניט געקומען אויפן זינען. ער האָט בלויז געדענקט די איבונגען אין געפעכט, וואָס ער פלעגט נאָך מיט צען יאָר צוריק

קאַסאַנאָוואַ'ס אַהיימקער

דורכפירן יעדן מאָרגן מיט זיין קאַמערדינער קאַסטאַ, דער אויס־וואורף, וואָס האָט זיך שפּעטער אָפּגעטראָגן מיט הונדערט און פופ־ציק טויזנט לירעס. „אַלצאיינס ער איז געווען אַן אויסגעצייכנטער פּעכטער" האָט געטראַכט קאַסאַנאָוואַ. „און אויך איך האָב נאָך גאָר נישט פאַרגעסן פון דער געשיקטקייט !" זיין אָרים איז געווען פעסט, זיין האַנט לייכט, זיין בליק אַזוי שאַרף ווי אימער. „יוגנט און עלטער איז אַ פאַבל ", האָט ער געטראַכט, „בין איך נישט אַ גאָט ? זיינען מירביידע נישט קיין געטער ? ווען ס'וואָלט אונדז ווער דאָ געזען ! עס זיינען פאַראַן דאַמען וואָס וואָלטן זיך געלאָזט גוט קאָסטן צו זען דעם ספּעקטאַקל !"

די שאַרפן האָבן זיך געבויגן, די שפּיצן געפונקלט, נאָך יעדן באַריר פון די קלינגען, האָט עס לייכט נאָך געזונגען אין דער מאָרגן־לופט. „אַ קאַמף ניין, אַ טורניר געפּעכט ! צו וואָס דער דערשיטערטער בליק מארקאָלינאַ ? זיינען מיר נישט ביידע ווערט דיין ליבע ? ער איז נאָר יונג, איך אָבער בין קאַסאַנאָוואַ ! "

אינדעם איז לאָרענצי אַראָפּגעזונקען צו דער ערד, מיט אַ דורכגעשטאָכן האַרץ. דער שווערד איז אַרויסגעפאַלן פון זיין האַנט. ער האָט ברייט פאַנאַנדער געעפנט די אויגן, ווי אין גרעס־טער דערשטוינונג, האָט נאָכאַמאָל אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיינע ליפּן האָבן זיך פיינלאָך פאַרקרימט. דאַן איז זיין קאָפּ צוריקגעפאַלן; זיינע נאָזפליגלען האָבן זיך ברייט פאַנאַנדער גענומען. אַ לייכט כאָרכלען פון האַלדז און ער איז געשטאָרבן.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך צו אים אַראָפּגעבויגן, געקניט לעבן זיין קערפּער, געזען אַ פּאָר בלוט־טראָפּנס אַרויסטריפן פון דער וואונדע, געפירט מיט דער האַנט פאַר דעם געפאַלענעמס מויל,

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אַבער ער האָט ניט געפילט קיין האָרך פון לעבן. אַ קאַלטער שווי־דער איז דורכגעפלאָסן דורך קאַסאַנאָוואַ׳ס גלידער. ער איז אויפ־געשטאַנען און זיך ארומגענומען מיט זיין מאַנטל. דאַן איז ער צוריק צוגעגאַנגען צום טויטן און אראָפּגעקוקט אויף דעם אינגלישן גוף, וואָס איז געלעגן אויסגעשטרעקט אויפן טאָרף אין אומפאַר־גלייכלאַכער שיינקייט. אַ לייכטער רויש איז פאַרביי געגאַנגען דורך דער שטילקייט. עס איז געווען דער מאָרגנווינט, וואָס האָט זיך דורכגעטראָגן דורך די שפּיצן פון די ביימער איבער דער גאָרטן מויער.

„וואָס טוט מען?‟ האָט געפרעגט קאַסאַנאָוואַ. „זאָל איך רופען מענטשן? אָליוואַ׳ן? אַמאַליאַ? מאַרקאָלינאַ? — נאָכוואָס? אים לעבעדיק מאַכן קען שוין קיינער ניט‟.

ער האָט זיך איבערגעלייגט, מיט דער קאַלטער רואיקייט, וואָס האָט אים ניט פאַרלאָזן אפילו אין די געפערלאַכסטע מאָ־מענטען פון זיין לעבן. „עס קען נאָך געדויערן שטונדן און שטונדן ביז מען וועט אים געפינען; פיליכט ניט פריער ווי אָוונט צו און אפשר נאָך שפּעטער. ביז דעמאָלס האָב איך גענוג צייט, און נאָר אין צייט אַליין איז דאָ אַלץ אָפּהענגיק.‟

ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אין דער האַנט דעם שווערד. אויף וואָס ער האָט געזען שעמערירנדיק בלוט, ער האָט עס אָפּגעווישט אַן גראָז. עס איז אים איינגעפאַלן אָנצוטאָן דעם טויטן קערפּער, אַבער דאָס וואָלט אים פאַראורזאַכט אַ פאַרלוסט פון טייערע און אומצוריקקערבאַרע מינוטן. ווי צו אַ לעצטן חסד האָט ער זיך נאָכאַמאָל אראָפּגעבויגן און צוגעמאַכט לאָ־רענצי׳ס אויגן. „גליקלאַכער‟, האָט ער געמורמלט, און אַ

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

ווייט־פּאַר׳חלום׳טער האָט ער אַ קוש געטאָן דעם טויטן אויפן שטערן.

דאַן האָט ער זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעאײַלט לענג־אויס פון דער מויער, זיך אָפּגעווענדט באַם ווינקל און אַרויס צום שאָסע צו. דער וואָגן איז געשטאַנען אויפן אָפּקער פון וועג, וואו ער האָט אים איבערגעלאָזט. דער קוטשער איז גע־ווען פעסט אײַנגעשלאָפן אויפן געזעס. קאַסאַנאָוואַ האָט אַכ־טונג געגעבן אים ניט אויפצואוועקן, איז אַרײַנגעשטיגן מיט גרויס פאָרזיכט, און ערשט איצט האָט ער אויסגעשריגן: „היי! וועסט אַמאָל אָפּפאָרן?״ און אים אַ שטאַרקע געטאָן אין רוקן. דער קוטשער האָט זיך דערשראָקן, זיך אַרומגעקוקט, איז געווען דערשטוינט פון דער ליכטיקייט. דאַן האָט ער אַ הייב געטאָן די בײַטש איבער די פערד און איז אָפּגעפאָרן.

קאַסאַנאָוואַ האָט זיך טיפער אַרײַנגעזעצט אין וואָגן און זיך אײַנגעהילט אין דעם מאַנטל, וואָס האָט אַמאָל באַלאַנגט צו לאָרענצי׳ן. אין דאָרף האָט מען בלויז געקאָנט זען אַ פּאָר קינדער אויף די גאַסן; עס איז קלאָר געווען, אַז די מענער און פרויען זײַנען שוין אַלע געווען אויפן פעלד בײַ דער אַר־בעט. ווען די הײַזער זײַנען געווען הינטער זיי, האָט קאַסאַ־נאָוואַ פרײַ אָפּגעאָטעמט. ער האָט גענעפנט דעם רייזע־זאַק, אַרויסגענומען זײַנע זאַכן און אונטער דער באַשיצונג פון דעם מאַנטל, האָט ער זיך אָנגעהויבן אָנצוטאָן, ניט אָן מורא טאָ־מער וועט זיך דער קוטשער אומדרייען און עס קען אים נאָך ווערן אויפפאַלנד די מאָדנע אויפפירונג פון זײַן פאַרשוין. אָבער דאָס איז ניט געשען. אומגעשטערט האָט קאַסאַנאָוואַ

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

געקענט ענדיקן זיך אָנטאָן, ער האָט איינגעפּאַקט לאָרענצי׳ס מאַנטל אין וואַליז און זיך אַרומגענומען מיט זיין אייגענעם.

קאַסאַנאָוואַ האָט אַרויפגעקוקט צום הימל, וואָס האָט זיך איצט פאַרטונקלט. ער איז גאָר אינגאַנצן ניט מיד געווען. נאָר האָט זיך געפילט שטאַרק געשפּאַנט און איבער־וואַך. ער האָט אַרומגעטראַכט זיין לאַגע פון יעדן מעגלאַכן שטאַנדפּונקט און איז געקומען צום שלום, אַז כאָטש ביז אַ געוויסן גראַד איז זיין צושטאַנד טאַקע געווען קריטיש, אָבער ניט אַזוי געפערלאַך, ווי דאָס וואָלט פיליכט פאָרגעקומען פאַר שרעקענדיקע ווענזנס. עס איז אפשר געווען וואַרשיינלאַך, אַז מען זאָל אים פאַרדעכטיקן אין האָבן געטויט לאָרענצי׳ן, אָבער קיינער וואָלט ניט געקענט צווייפלען, אַז דאָס איז געשען אין אַן ערלאַכן צווישן־קאַמף. און אַ חוץ דעם: לאָרענצי איז אים איבערפאַלן, אַרויפגעצוואונגען אויף אים אַ דועל, און קיינער דאַרף אים ניט פאַררעכענען פאַר אַ פאַרברעכן, דאָס וואָס ער האָט זיך גענומען צום געווער אין פאַרטיידיקונג. אָבער פאַרוואָס האָט ער אים געלאָזן ליגן אויף דער לאַנקע, ווי אַ טויטן הונט? אויך דערפאַר וואָלט אים קיינער ניט געקאָנט מאַכן קיין פאַרוואורף: זיך שנעל אָפּצוטראָגן האָט ער געהאַט דאָס פולע רעכט. איז כמעט געווען זיין פליכט. לאָרענצי אויף זיין אָרט וואָלט ניט אַנדערש געטאָן. אָבער צי קאָן אים ניט ווענדיג אויסליפערן? גלייך נאָך זיין אָנקומען, קען ער זיך שטעלן אונטער דעם שוץ פון זיין וואוילטעטער בראַגאַדינאָ. אָבער וועט ער ניט, אויף אַזאַ אופן אַליין נעמען אויף זיך אַ טאַט, וואָס קאָן גאָר נאָכאַלעמען בלייבן אומאַנטדעקט. אָדער קאָן זיין, אַז

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

די שולד זאָל אינגאַנצן ניט אַרויפגעוואָרפן ווערן אויף אים? איז דען איבערהויפּט פאַראַן קעגן אים וועלכער ניט איז באַ־וויז? איז ער דען ניט אַרויסגערופן געוואָרן קיין ווענעדיג? ווער וואָלט דען געקענט זאָגן, אַז ער איז אַהין אַנטלאָפן פון דער גערעכטיקייט? אפשר דער קוטשער, וואָס האָט אַ האַלבע נאַכט געוואַרט אויף אים אויפן שאָסע? אַ פּאָר איבריקע גאָלדשטיקער וואָלטן אים פאַרשטאָפּט דאָס מויל.

אַזוי זיינען זיינע געדאַנקען געלאָפן אין אַ קרייז. פּלוצלונג איז אים פאַרגעקומען ווי ער וואָלט געהערט אַ געטרעטעריי פון פערד הינטער זיין רוקן. „שוין?" איז געווען זיין ערשטער געדאַנק. ער האָט אומגעקערט דעם קאָפּ צום וואָגן־פענצטערל, געקוקט אויף הינטערוויילאַכטס, דער שאָסע איז געווען ליידיק. דאָס זיינען זיי פאַרביי געפאָרן אַ הויף און דער רויש, וואָס ער האָט געהערט איז געווען דער ווידערקלאַנג פון זיין אייגענעם פערדס קלויען. דער דאָזיקער טעות, האָט אים אויף אַזוי ווייט באַרואיקט, ווי ער וואָלט שוין אינגאַנצן געווען אַרויס פון דער געפאַר. פון דערווייטנס האָבן זיך אויפגעהויבן די טורעמס פון מאַנטואַ. „פאַראויס, פאַראויס", האָט ער אין זיך אַריין געזאָגט, וואָרים אין דער אמתן האָט ער גאַרנישט געוואָלט, אַז דער קוטשער זאָל דאָס הערן. דער קוטשער אָבער, דערנענטערנדיק זיך צום ציל, האָט געלאָזט לויפן די פערד וואָס געשווינדער, אַנגעטריבן פון דעם אייגענעם אימפּעט. אינגיכן זיינען זיי אָנגעקומען צום טויער, דורך וועלכן קאַסאַנאָוואַ האָט צוזאַמען מיט אָליוואָ'ן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

פֿאַרלאָזן די שטאָט מיט קנאַפּע צוויי מעת־לעת צוריק. ער האָט אָנגעגעבן דעם קוטשער דעם נאָמען פֿון דעם גאַסטהויז, וואו ער זאָל זיך אָפּשטעלן און אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָט זיך געזען די שילד מיט דעם גאָלדענעם לייב.

XI

קאַסאַנאָווא איז אַרויסגעשפּרונגען פון וואָגן. אין דער טיר איז געשטאַנען די באַלעבאָסטע. זי איז געווען פּריש, מיט אַ שמייכלדיקן פּנים און האָט אויסגעזען גוט אויפגעלייגט צו געבן קאַסאַנאָוואָן אַ וואַרימע אויפנאַם, ווי אַ שטאַרק באַ־גערטן געליבטן, וואָס קערט זיך אום נאָך אַן אומגעווינשטער אַבוועזנהייט.

קאַסאַנאָווא אָבער, האָט איר אָנגעוויזן מיט אַ דראָענדיקן בליק אויף דעם קוטשער, ווי אויף אַן אומאָנגענעמען עדות; און דאַן האָט ער אים געהייסן עסן און טרינקען, וויפל זיין האַרץ האָט געגלוסט.

— נעכטן איז פאַר אייך אָנגעקומען אַ בריוו פון ווענעדיג, הער שעוואַליע — האָט געזאָגט די באַלעבאָסטע.

— נאָך איינער? — האָט געפרעגט קאַסאַנאָווא און איז אַרויף געלאָפן אויף די טרעפּ צו זיין צימער.

די ווירטן האָט אים נאָכגעפאָלגט. אויפן טיש איז גע־לעגן אַ פאַרזיגלטע דעפּעשע. „אַ נייער רוף", האָט ער מיט אַנגסט געטראַכט. אָבער ווען ער האָט עס איבערגעלעזן, האָט זיך זיין געזיכט אויפגעהייטערט. עס איז געווען בלויז אַ פּאָר שורות פון בראַגאַנדינאָ'ן, מיט אַ בייגעלייגטער אָנוויי־זונג אויף צוויי הונדערט און פופציק לירעס, כדי, אויב ער

קאסאנאוואס אהיימקער

האט זיך נאר אנטשלאסן אויף דער רייזע, זאל ער ניט גע־נויט זיין עס צו פארציען, אפילו ניט אויף איין טאג.

קאסאנאווא האט זיך געווענדט צו דער באלעבאסטע, און איר דערקלערט, מיט אן אנשטעל פון פארדרוס, אז צום באַ־דויערן איז ער געצוואונגען גלייך אין דעם איצטיקן מאמענט פארצוזעצן זיין רייזע, ווען ניט וואלט ער געווען אין א ריזיקע צו פארלירן די שטעלע, וואס זיין פריינט בראגאדינא אין ווע־נעדיג האט אים פארשאפט, און אויף וואס עס זיינען פאראן הונדערטער בעלנים. אבער ווען קאסאנאווא האט דערזען, ווי דער ווירטנס שטערן האט זיך פארצויגן מיט א דראענדיקר כמארע, האט ער גלייך צוגעגעבן, אז די שטעלע וויל ער זיך דאס איצט בלויז פארזיכערן און קריגן די באשטימונג, — נעמלאך, אלס סעקרעטאר פון אויבערשטן ראט פון ווענעדיג, און דאן, אזוי שנעל ווי ער ווערט אריינגעפירט אין אמט, וועט ער גלייך פארלאנגען א דערלויבניש זיך אומצוקערן קיין מאנטוא, כדי דא איינצואָרדנען זיינע אנגעלעגנהייטן, און אין דעם קען מען אים, נאטירלאך, ניט אפזאגן. ער גייט אפילו דא איבערלאזן די מערסטע פון זיינע זאכן; און דאן, צוריקקומענדיק, וועט עס בלויז זיין אפהענגיק אין זיין טייערער, אין זיין אנטציקנדער פריינדין, אויב זי זאל דא אויפגעבן איר גאסטהויז, און מיט־קומען מיט אים, אלס זיין פרוי קיין ווענעדיג. זי איז אים געפאלן אויפן האלדז און מיט פארלאפענע אויגן געפרעגט, צי זי מעג אים וויניקסטנס ארויפברענגען דא אין צימער אריין א גוטן פרישטיק פארן אפפארן. ער האט געוואוסט, אז זי איז אים אויסן צו מאכן אן אפשיד־פעסט, אויף וואס ער האט

קאסאנאָוואַ׳ס אַהיימקער

גאָר איינגאנצן קיין אַפּעטיט ניט געהאַט, אָבער ער האָט צו־געשטימט צו איר פּאָרלאַנג, כּדי ענדליך פון איר פּטור צו ווערן.

ווען זי איז אַרונטער פון די טרעפּ, האָט ער איינגעפּאַקט אין זיין וואַליז, נאָר די וועש און ביכער, און וואָס ער האָט זיך דרינגנד געניטיקט. דאַן איז ער אַרונטער אין דעם גאַסט צימער, וואו ער האָט געטראָפן דעם קוטשער בא א געשמאַקן מאָלצייט און אים געפרעגט, צי פאַר א סומע וואָס זאָל מער ווי טאָפּלט איבערשטייגן דעם געוויינלאַכן פּרייז, וואָלט ער ניט באַרייט געווען גלייך אַרויסצופאָרן, מיט די זעלביקע פערד אין דער ריכטונג קיין ווענעדיג, ביז צו דער נעקסטער פּאָסט סטאַנ־ציע. דער קוטשער האָט עס אָנגענומען אָן א שום צעגערונג. און אַזוי איז קאַסאַנאָוואַ אויף דערוויילע פריי געוואָרן פון דער גרעסטער זאָרג.

די באַלעבאָסטע איז אַריינגעקומען און, מיט א פּנים רויט פון כּעס, האָט זי אים געפרעגט, צי ער האָט פאַרגעסן, אַז זיין פרישטיק וואַרט אויף אים אין זיין צימער. קאַסאַנאָוואַ האָט איר זייער אַפנהאַרציק געענטפערט אַז ער האָט עס אויף קיין איין מינוט ניט פאַרגעסן און זי דערוויילע געבעטן, אַזוי ווי עס איז אים גאָר קיין צייט ניט געבליבן, זאָל זי צוגיין מיט דעם וועקסל אין דעם באַנקהויז אויף וועלכן עס איז געווען אויסגע־שטעלט, און זיך הייסן אויסצאָלן די צוויי הונדערט און פופ־ציק לירעס. בעת זי איז געלאָפן קריגן דאָס געלט, איז קאַסאַנאָוואַ צוריק אַרויפגעגאַנגען אין זיין צימער און, מיט אַן אמת חיה׳שן אַפּעטיט, האָט ער אָנגעהויבן צו שלינגען דאָס עסן, וואָס איז געשטאַנען געגרייט. ער האָט זיך ניט

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אונטערבראָכן אַפילו ווען די ווירטן איז אַריינגעקומען און בלויז שנעל אַריינגעשטופּט אין דער קעשענע דאָס געלט, וואָס זי האָט אים געבראַכט.

ווען ער איז פאַרטיק געוואָרן מיטן עסן, האָט ער זיך אומ־געווענדט צו דער פרוי, וואָס האָט זיך צערטלאַך צוגערוקט צו זיין זייט, דענקנדיק, אַז איצט איז ענדלאַך געקומען איר צייט; זי האָט אויסגעשטרעקט צו אים אירע אָרעמס אויף אַן אופן, וואָס האָט ניט געקענט מיספאַרשטאַנען ווערן. ער האָט זי העפטיק אַרומגענומען, זי געקושט אויףביידע באַקן, צוגעדרוקט צו זיך, און ווען זי האָט שוין אויסגעזען גרייט אין קיין זאַך אים מער ניט אָפּצוזאָגן, האָט ער מיט די ווערטער: „איך מוז שוין גיין... צום ווידערזען!" אַזוי אימפּעטיק זיך אָפּגעריסן פון איר, אַז זי איז געפאַלן הינטערוויילאַכטס אויף דער סאָפע. דער אויסדרוק פון איר געזיכט, אין דעם געמיש פון אַנטוי־שונג, צאָרן און אומבאַהאָלפנקייט, האָט געהאַט אין זיך עפּעס אַזאַ אומווידערשטייליאַך קאָמישס, אַז קאַסאַנאָוואַ, ווען ער האָט פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטן פון אַרויסצוברעכן אין אַ געלעכטער.

דער קוטשער האָט ניט געקענט צווייפלען אין דעם, אַז זיין פאַרשוין איז אין איילעניש, אָבער עס איז ניט געווען אין זיינע אינטערעסן זיך נאָכצופרעגן אויף די אורזאַכן; ער איז געזעסן רייזע פאַרטיק אויפן געזעס, ווען קאַסאַנאָוואַ איז אַרויסגעקומען פון דער טיר פון גאַסטהויז און האָט אַ שטאַרקן בייטש געטאָן די פערד, אַזוי שנעל ווי דער פּאַסאַזשיר איז אַריינגעשטיגן; אויך האָט ער אויף זיין אייגענער אחריות

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

באַשלאָסן אויסצומיידן די שטאָט, נאָר ער האָט זי אַרומגע־קרייזט, כדי באַם צווייטן עק אַרויסצוקומען אויפֿן שאָסע. די זון איז נאָך ניט געווען הויך, וואָרים עס האָט נאָך געפֿעלט דריי שטונדן צו מיטאָג. קאַסאַנאָוואַ האָט געטראַכט: „עס איז גאַנץ מעגלאַך, אַז מען האָט לאָרענצי׳ס קערפּער נאָך ניט געפֿונען". עס איז אים קוים אַרויפֿגעקומען אויפֿן זינען, אַז ער אַליין האָט דאָס לאָרענצי׳ן אומגעבראַכט. ער איז בלויז געווען צופֿרידן, וואָס ער דערווייטערט זיך אַלץ מער פֿון מאַנ־טואַ, צופֿרידן וואָס ענדלאַך האָט ער געהאַט רו אויף אַ ווייל.

ער איז אַריינגעפֿאַלן אין אַ טיפֿן שלאָף, דער טיפֿסטער זינט ער האָט געלעבט; דער שלאָף האָט, ביז אַ געוויסן גראַד געדויערט צוויי טעג מיט צוויי נעכט. וואָרים די קורצע אונטערברעכונגען פֿון זיין שלומער, וואָס זיינען פֿאַראורזאַכט געוואָרן דורך דער נויטיקייט צו בייטן די פֿערד, און בעת ער איז דורך דער צייט געזעסן אין די קרעטשמעס אָדער שפּאַצירנדיק אַפּ און אויף פֿאַר די פּאָסט־סטאַנציעס, אויסבייטנדיק גלייכגילטיקע, צו־פֿעליקע ווערטער מיט די פּאָסט־מאַסטערס, גאַסטווירטן, צאָל־וועכטערס און רייזנדע, זיינען אים ניט פֿאַרבליבן אין זיין זכרון ווי איינצלנע באַזונדערע פֿאַלן. אַזוי איז שפּעטער די דערי־נערונג פֿון דידאָזיקע צוויי נעכט און טעג זיך צוזאַמען גע־פֿלאָסן אין זיין געדעכעניש מיט דעם חלום, וואָס ער האָט געחלומט אין מאַרקאָלינאַ׳ס בעט; און אפֿילו, דער דועל צווישן די צוויי נאַקעטע מענער אויף אַ גרינער לאָנקע אין דעם שיין פֿון דער מאָרגן־זון, האָט אויך ערגעצוואו באַלאַנגט צו דעם חלום, אין וואָס ער איז אַפּט, אויף אַן אומפֿאַרשטענדלאַכן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אופן, ניט געווען קאַסאַנאַוואַ, נאָר לאָרענצי; ניט דער זיגער, נאָר דער געפאַלענער; ניט דער אַנטלויפער, נאָר דער טויטער, איבער וועמענס בלייכן אינגלשן קערפער עס האָט געשפילט דער איינזאַמער מאָרגענווינט; אוןביידע, ער און לאָרענצי, זיינען ניט געווען רעאַלער, ווי די סענאַטאָרן אין די רויטע פורפורנע מאַנטלען, וואָס האָבן אַלס בעטלער געפויזט אַרום אים אויף די קני; און ניט ווייניקער רעאַל, ווי יענער אַלטער, וואָס איז געווען אַנגעלענט אָן דער פאָרענטשע פון עפּעס אַ בריק. וועמען ער האָט אין בין השמשות צוגעוואָרפן אַ נדבה פון דער קאַטש אַרויס. וואָלט קאַסאַנאַוואַ ניט אַנגעווענדט די קלאָרקייט פון זיין אורטיילס קראַפט פאַנאַנדערצונעמען דאָס רעאַל איבערלעבטע פון דעם געחלומטען, אַזוי וואָלט ער זיך געקאָנט פאָרשטעלן, אַז ער איז אין מאַרקאָלינאַ׳ס אַרימס פאָרפאַלן געוואָרן אין אַ ווילדן חלום, פון וועלכן ער האָט ערשט אויפגעוואַכט באַם אָנבליק פון דער קאַנפאַנילע פון ווענעדיג.

XII

עס איז געווען אויף דעם דריטן מאָרגן פון זיין רייזע, ווען ער איז אָנגעקומען קיין מעסטרע, האָט קאַסאַנאָווע צום ערשטן מאָל נאָך מער ווי צוואַנציק יאָר פון בענקשאַפט, דערזען דעם גלאָקן־טורים — אַ גרויסע שטיין־געביידע, וואָס האָט זיך איינזאַם געשטרעקט אין דער דעמערונג. ווי אַרויסגעטויכט פון דער טיפער וויט. ער האָט געוואוסט, אַז עס איז אים נאָך געבליבן אַ צוויי שטונדן פאָרן צו דער געליבטער שטאָט, אין וועלכער ער איז יונג געווען. ער האָט באַלוינט דעם קוטשער, ניט וויסנדיק צי דאָס איז געווען דער פערטער, פינפטער אָדער זעקסטער, מיט וועמען ער האָט זיך געדאַרפֿן אָפּרעכענען זינט ער האָט פאַרלאָזן מאַנטואַ; און אין באַגלייטונג פון אַ יונג וואָס האָט אים נאָכגעטראָגן זיין באַגאַזש האָט ער זיך געאיילט איבער די אָרימע גאַסן צום האַפן, וואו ער האָט געוואָלט אָנקומען צו דער שיף וואָס האָט נאָך היינט, ווי מיט פינף־און־צוואַנציק יאָר צוריק, געזאָלט אָפּגיין קיין ווענעדיג זעקס אַזייגער אינדער־

עס האָט אויסגעזען ווי מען וואָלט נאָר געוואַרט אויף אים; ער האָט קוים געהאַט פאַרנומען אַ פּלאַץ אויף אַ שמאָלער באַנק, צווישן די ווייבער, הענדלער, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט זייערע סחורות צום פאַרקויף און בעלי־מלאכות, ווען די שיף האָט זיך גערירט פון אָרט. דער הימל איז געווען פאַר־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

וואָלקנט. אַ נעפּל איז געלעגן איבער די אַזיערעס; עס איז געווען אַ שווערער גערוך פֿון פֿוילן וואַסער, פֿון פייכטן האָלץ, פֿון פֿיש און פֿון פֿרישע אויבסטן. אָלץ העכער איז אַרויסגעשטיגן די קאַמפּאַנילע; נאָך טורימס זיינען אויסגעוואַקסן אין דער לופֿט; עס האָבן זיך אָנגעהויבן צו ווייזן קלויסטער קופּאָלן. דאָס ליכט פֿון דער מאָרגן־זון האָט אים אַנטקעגן געגלאַנצט פֿון איין דאַך, פֿון צוויי, פֿון פֿיל דעכער. הייזער האָבן זיך אויסגעטיילט, זיינען אויסגעוואַקסן אין דער הויך; שיפֿן, גרויסע און קלענערע האָבן אַרויסגעטויכט פֿון דעם נעפּל; גריסן זיינען איבערגעשיקט געוואָרן פֿון איין שיף צו דער אַנדערער. דאָס געריידערײַ אַרום אים איז געוואָרן העכער. אַ קליין מיידל האָט אים אָנגעבאָטן צו קויפֿן וויינטרויבן. עסנדיק די בלויע בערעס, האָט ער געשפּיגן די שאָלן הינטער זיך, לויט דעם שטייגער פֿון זיינע לאַנדסלייט און זיך אַריינגעלאָזט אין אַ שמועס מיט אַ מענטשן, וואָס האָט אויסגעדרוקט זיין צופֿרידנקייט דעריבער וואָס דאָס וועטער פֿאַנגט זיך ענדלאַך אָן אויסצולייטערן. „וואָס, דריי לאַנגע טעג האָט עס דאָ גערעגנט? פֿון דעם האָב איך גאָרניט געוואוסט, איך קום פֿון דרום, פֿון נעאַפּל, פֿון רוים“.

די שיף איז אַריינגעפֿאָרן אין די קאַנאַלן פֿון דער פֿאָרשטאָט. שמוציקע הייזער האָבן געקוקט אויף אים מיט קוויטיקע פֿענצטער, ווי מיט תּמ׳עוואַטע פֿיינטלאַכע אויגן. צוויי אָדער דריי מאָל האָט זיך די שיף אָפּגעשטעלט. אַ פּאָר יונגע לייט, איינער מיט אַ גרויסן פּאָרטפֿעל אונטערן אָרים און ווייבער מיט קוישן זיינען אַרונטערגעגאַנגען.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

איצט איז מען ענדלאך געקומען אין הימלאַבארע נאָכ־באַרשאַפטן. איז דאָס ניט געווען דאָס קלויסטער, וואו מאַר־טינאַ פלעגט זיך גיין מתודה זיין? איז דאָס ניט געווען דאָס הויז, אין וועלכן ער האָט, אויף זיין שטייגער, צוריק געזוכט און פריש געמאַכט די בלאַסע און טויט קראַנקע אַגאַטע? און האָט ער ניט דאָרטן דער רייצנדער סילוויע׳ס ברודער, דעם שורקע, געשלאָגן ביז ברוין און בלוי? און דאָרט בײַ דעם זייטיקן קאַנאַל, אין יענעם קליינעם געלבלאַכן הויז, וואו אויף די אָפּגעגאַסענע שטיגן איז געשטאַנען אַ באַרוויסע פרוי...

איידער נאָך ער האָט זיך געקענט דערמאָנען, וואָס פאַר אַ געשעעניש פון זיין ווייטער יוגנט עס איז געווען פאַרבונדן מיט דעמדאָזיקן הויז, איז די שיף שוין געווען אַריינגעשוואו־מען אין דעם גראַנד קאַנאַל, און איז איצט לאַנגזאַם געפאָרן צווישן די פּאַלאַצן אויף דער ברייטער וואַסער־גאַס. קאַסאַנאָוואַ אין זיין פאַרחלומטער דערינערונג, האָט געפילט ווי ער וואָלט ערשט נעכטן געפאָרן אויף דעם זעלביקן וועג. אויף דער ריאַלטאָ בריק איז ער אויסגעשטיגן, וואַרים איידער ער האָט געזאָלט אָפּשטאַטן אַ וויזיט דעם הער בראַגאַדינאָ, האָט ער פריער געוואָלט באַשטאַטן זיינע זאַכן און פאַרזיכערן זיך מיט אַ צימער אין דעם קליינעם באַשיידענעם גאַסטהויז, אין דער נאָכבאַרשאַפט — ער האָט געוואוסט וואו עס געפינט זיך, האָט זיך אָבער ניט געקענט דערמאָנען דעם נאָמען. דאָס הויז האָט אים אויס־געזען מער פאַראַרימט, אָדער ווייניקסטנס, מער פאַרנאַכלע־סיקט, ווי עס איז געווען אין זיין זכרון. אַן אָנגעכמאַרעטער, אומראַזירטער קעלנער האָט אים אַריינגעוויזן אין אַן אומהיימ־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

לאַכן צימער, וואָס האָט אַרויסגעקוקט אויף דער בלינדער וואַנט פון דעם קעגנאיבערדיקן הויז. אָבער קאַסאַנאָוואַ האָט ניט גע־וואָלט פאַרלירן קיין צייט, אויך האָט זיך אים כמעט זיין גאַנצער באַרער פאַרמעגן אויסגעשעפּט אויף דער רייזע און דער ביליקער פּרייז פון דעם צימער איז געווען פאַר אים, ווי גע־וואונטשן. אַזוי האָט ער באַשלאָסן דערווייל דאָ צו פאַר־בלייבן. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אָפּגערייניגט פון דעם שטויב און קויט פון דער רייזע, האָט ער אַ ווייל איבערגע־טראַכט צי ער זאָל אָנטאָן זיין שענערן אָנצוג, זיך באַרעכנט, אַז עס איז פּאַסיקער צו טראָגן דעם באַשיידענערן. און האָט פאַרלאָזן דאָס גאַסטהויז.

עס איז געווען בלויז אַ הונדערט טריט, דורך אַ שמאָלן געסל, צו דעם קליינעם פאַרנעמען פּאַלאַץ, וואו בראַגאַדינאָ האָט גע־וואוינט. אַ יונגער באַדינער האָט מיט אַ זייער פאַרשייט פּנים איבערגענומען קאַסאַנאָוואַ׳ס מעלדונג, ווי ער וואָלט דעמ־דאָזיקן באַרימטן נאָמען נאָך קיינמאָל ניט געהערט. אָבער זיך אומקערנדיק פון איבערווייניק פון זיין האַר, האָט ער מיט אַ מער פריינטלאַכער באַוועגונג אַריינגעלאָזט דעם גאַסט.

בראַגאַדינאָ איז געזעסן בײַ פרישטיק, בײַם טיש נאָענט צו־גערוקט צום פענצטער; ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, אָבער קאַסאַנאָוואַ האָט עס ניט דערלאָזט.

— מיין טייערער קאַסאַנאָוואַ — האָט בראַגאַדינאָ אויס־גערופן — ווי גליקלאַך איך בין אייך ווידער צו זען! אַ, ווער וואָלט עס געגלויבט אַז מיר וועלן זיך נאָך אַמאָל ווידער זען? און ער האָט אים אָנטקעגן געשטרעקט ביידע הענט.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

קאַסאַנאָוואַ האָט זיי אָנגענומען ווי צום קוש, האָט עס אָבער ניט געטאָן. ער האָט געענטפערט אויף דער האַרציקער באַגריסונג אין הויך־קלינגענדיקע ווערטער, אויף אַ צערעמאָ־נאַלן שטייגער ווי עס איז געווען זיין טבע באַ אַזעלכע געלעגנ־הייטן. בראַגאַדינאַ האָט אים איינגעלאַדן צו זיצן און אים געפרעגט צי ער האָט שוין געהאַט פרישטיק. ווען קאַסאַנאָוואַ האָט באַניינט, האָט בראַגאַדינאַ אָנגעקלונגען צום דינער און אים געגעבן די נויטיקע באַפעלן. ווען דער דינער איז געווען פאַרשוואונדן, האָט בראַגאַדינאַ אויסגעדרוקט זיין צופרידנקייט איבער דעם וואָס קאַסאַנאָוואַ האָט, אומקאָנדיציאָנעל אָנגע־נומען דעם אָנבאָט פון דעם אויבערשטן ראַט. עס וועט אים זיכער ניט אויספאַלן צום שלעכטן, דאָס וואָס ער האָט זיך אָנט־שלאָסן צו ווידמען זיינע דינסטן צום פאָטערלאַנד. קאָסאַנאָוואַ האָט דערקלערט, אַז ער וועט זיך שעצן גליקלאַך, אויב ער וועט קענען געווינען דעם צוטרויען פון דעם אויבערשטן ראַט.

אַזוי האָט קאַסאַנאָוואַ גערעדט און דערביי געטראַכט דאָס זייניקע. ער האָט אָנצווייפל מער ניט געפילט אין זיך קיין שום האָס צו בראַגאַדינאָ׳ן. גיכער האָט ער זיך געפילט גע־רירט פון דעם נאַריש־געוואָרענעם גרייז־גרויען מאָן, וואָס איז געזעסן אַנטקעגן איבער אים מיט דער שיטער־געוואָרענער ווייסער באָרד און רויט־געזוימטע אויגן ,און אין וועמענס מאָגערער האַנט עס האָט געציטערט די טאָס. ווען ער האָט אים צום לעצטן מאָל געזען, איז בראַגאַדינאָ געווען אומגעפער אין די זעלבע יאָרן, וואָס קאַסאַנאָוואַ היינט. אָבער אַפילו דעמאָלס האָט ער אים וואַרשיינלאַך שוין אויסגעזען אַ זקן.

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אינדעם האָט דער דינער אַריינגעבראַכט פרישטיק פאַר קאַסאַנאָוואַ׳ן. ער האָט זיך ניט געלאָזט לאַנג בעטן און זיך געשמאַק אַריינגעלאָזט אין דעם מאָלצייט; וואָרים אויף דער רייזע האָט ער בלויז אין איילעניש דאָ און דאָרט גענומען אַ קנאַפּן איבערביים.

— יאָ, טאָג און נאַכט בין איך געפאָרן אַהער פון מאַנטואַ, אָן אַן אונטערברעכונג, אַזוי נייגעריק בין איך געווען אַרויסצוציִען דעם אויבערשטן ראַט מיין ברייטוויליקייט און צו באַוויזן מיין זעלטענעם וואוילטעטער מיין אומפאַרלעשבאַרע דאַנקבאַרקייט — דאָס האָט ער אָנגעגעבן אַלס אַן אַנטשולדיקונג פאַר דער, כמעט אומאַנשטענדיקער גיריקייט, מיט וואָס ער האָט אַרונטערגעשלונגען די הייסע טשאָקאָלאַדע.

דורכן פענצטער האָט אַריינגעדרונגען דער טויזנט פאַכיקער גערויש פון לעבן פון גרויסן און פון די קלענערע קאַנאַלן. איבער אַלע אַנדערע טומלען האָבן זיך געטראָגן די איינטאָניקע אויסרופן פון די גאָנדאָלערן. ערגעצוואו, ניט ווייט פון דאַנען, פיליכט אין דעם פּאַלאַץ קעגן איבער, (איז עס ניט געווען דער פאָראַצאַרי פּאַלאַץ?) האָט אַ פרוי געזונגען אויף אַ שיינער, גאַנץ הויכער קאָלאָריטור שטים. די זינגערן איז וואָרשיינלאַך נאָר געווען גאָר יונג — אַ מענטש, וואָס איז נאָך אפילו ניט געבוירן געווען אין דער צייט, ווען קאַסאַנאָוואַ איז אַנטלאָפן פון די בלייקאַמערן

ער האָט געגעסן זעמל און פּוטער, אייער, קאַלט פליייש און זיך ניט אויפגעהערט צו אַנטשולדיקן פאַר זיין אומדערזעט־

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

לאַכן הונגער פאַר בראַגאַדינאַ׳ן, וואָס האָט זיך גוטמוטיק צו־געקוקט.

— איך האָב ליב ווען יונגע לייט האָבן אַ גוטן אַפּעטיט!

— האָט געזאָגט דער סענאַטאָר — אויף וויפל איך קען זיך דערמאָנען, מיין טייערער קאַסאַנאָוואַ, האָט עס אייך קיינ־מאָל ניט געפעלט! — ער האָט זיך דערמאָנט ווען, אין די ערשטע טעג פון זייער באַקאַנטשאַפט, האָט ער געהאַלטן מאָל־צייט צוזאַמען מיט קאַסאַנאָוואַ׳ן — „אָדער בעסער געזאָגט, איך בין געזעסן און מיט באַוואונדערונג צוגעקוקט ווי איר עסט — גראַד ווי היינט“, וואָרים ער אַליין איז דעמאָלס ניט געווען מיט אַלעמען. עס איז געווען באַלד נאָכדעם ווי קאַ־סאַנאָוואַ האָט געהאַט אַרויסגעוואָרפן דעם דאָקטאָר, וואָס האָט דעם אָרימען בראַגאַדינאַ׳ן, מיט דעם כסדרדיקן אָדער־לאָזן, שיער ניט געטריבן אין קבר אַריין...

זיי האָבן געשמועסט פון די פאַרגאַנגענע צייטן. יאָ, דעמאָלס איז דאָס לעבן אין ווענעדיג שענער געווען.

— ניט איבעראַל — האָט געזאָגט קאַסאַנאָוואַ און מיט אַ לייכטן שמייכל אָנגעדייט אויף די בליידעכער.

בראַגאַדינאַ האָט עס אָוועקגעמאַכט מיט אַ האַנט־באַוועגונג, ווי ניט איצט וואָלט געווען די צייט זיך צו דערמאָנען אין אַזעלכע קליינע אומאָנגענעמלאַכקייטן. איבעריקנס, ער, בראַ־גאַדינאָ, האָט דעמאָלס אָנגעווענדט אַלע מעגלאַכע מיטלען צו ראַטעווען קאַסאַנאָוואַ׳ן פון באַשטראָפונג, כאָטש זיין יעדער פאַרזוך האָט זיך ליידער אַרויסגעוויזן פאַר נוצלאָז. „יאָ, פאַרשטייט זיך, ווען איך וואָלט שוין אין יענער צייט געווען אַ

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

מיטגליד פון דעם ראַט פון צען!״ דאָס האָט זיי דערפירט צו אַ שמועס וועגן פּאָליטישע אַנגעלעגנהייטן. אויפגעלעבט פון דערדאָזיקער טעמע, האָט דער אַלטער מאַן אויסגעזען צוריק צו געפינען דעם שאַרפזין און די פרישקייט פון זיינע יונגע יאָרן. ער האָט אויפגעקלערט קאַסאַנאָוואַ׳ן, וועגן דער פאַר־דעכטיקער באַוועגונג, וואָס האָט לעצטנס אַריינגעצויגן אַ טייל פון דער ווענעציאַנישער יוגנט; און וועגן די געפערלאַכע אינ־טריגעס, פון וואָס עס פאַנגען זיך שוין אָן צו מערקן אומצווייפל־האַפטע סימנים.

קאַסאַנאָוואַ איז געווען גאַנץ נישקשהדיק פאַרגעברייט פאַר זיין אויפגאַבע; ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אין דעם מרה־שחורהדיקן צימער אין גאַסטהויז און נאָר כּדי צו באַרואיקן זיינע שטאַרק צעטרייסלטע געדאַנקען, האָט ער פאַרבראַכט דעם טאָג מיט איינאָרדנען זיינע פּאַפּירן, פאַרברענענדיק אַ טייל פון די וואָס ער האָט געוואָלט פּטור ווערן. נאָך אין דעם זעלבן אָוונט האָט ער זיך אַוועקגעלאָזט אין דעם קאַפע קוואַר־אַדרי, אויפן סאַן מאַרקס פּלאַץ, וואָס האָט געגאָלטן אַלס דער הויפּט פאַרזאַמלונגס אָרט פאַר די פרייַדענקער און רעוואָלוצי־אָנערן. דאָ איז ער גלייך דערקענט געוואָרן פון אַן אַלטן מוזי־קער, וואָס איז אַמאָל געווען דער דיריגענט פון דעם אָרקעסטער אין דעם סאַן סאַמועלי טעאַטער, וואו קאַסאַנאָוואַ איז מיט דרייסיק יאָר צוריק געווען אַ פידלער. אויף אַזאַ אופן איז ער, אָן דער מינדסטער באַמיאונג פון זיין זייט, דורך דעם אַלטן באַקאַנטן אַריינגעפירט געוואָרן אין דער געזעלשאַפט, וואָס איז באַשטאַנען מערסטנס פון יונגע לייט, וועמענס נעמען ער

קאסאנאווא׳ס אהיימקער

האט נאך געדענקט פון דעם געשפרעך, וואס בראגאדינא האט מיט אים געהאט אינדערפרי, און ווען דער סענאטאר האט דערמאנט אלס באזונדערס געפערלאכע. אבער זיין אייגענער נאמען האט ניט אויסגעזען צו מאכן אויף די אנוועזנדע דעם איינדרוק, וואס ער האט זיך געפילט בארעכטיקט צו דערווארטן. עס איז קלאר געווען, אז די מערסטע פון זיי האבן ניט מער געהערט פון קאסאנאווא׳ן ווי דאס, אז מיט א לאנגער צייט צוריק איז ער, פאר עפעס אן אורזאך, אדער אפשר גאר אינגאנצן אומשולדיק, איינגעשפארט געווארן אין די בלייקאמערן; און אז, זיך שטארקנדיק קענן אלערליי געפארן, איז ער פון דארט אנטרונען. די בראשורע, אין וועלכער' ער האט, נאך מיט יארן צוריק, אזוי לעבעדיק אפגעשילדערט זיין פלטה, איז אמת ניט געבליבן אומבאמערקט, אבער קיינער האט ניט אויסגעזען צו האבן עס געלעזן מיט דער געהעריקער אויפמערקזאמקייט. קאסאנאווא׳ן האט א ביסל פארוויילט דער געדאנק, אז ער האט בכוח באהילפיק צו זיין די אלע יונגע לייט, ווי צום שנעלסטן זיך אנצונעמען מיט פערזענלאכע דערפארונגען פון תפיסה־לעבן אונטער די בליידעכער און אז זיי זאלן אויך דערפילן דעם טעם, וואס עס הייסט פון דארטן צו אנטלויפן. אבער ער איז פונדעסטוועגן ווייט געווען פון צו לאזן אין זיך פארדעכטיקן אזא בייזוויליקן איינפאל. אין קעגנטייל, ער האט פארשטאנען צו שפילן דעם אומשולדיקן, דעם ליבווירדיקן און אויף זיין אייגענעם שטייגער האט ער באלד גענומען אונטערהאלטן די פארזאמלטע, דערציילנדיק אלערליי פריילאכע אוואנטורעס, וואס האבן זיך מיט אים פארלאפן

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

אויף זיין לעצטער רייזע אהער פון רוים. די אינצידענטן, וועלכע אפילו איגנאָנצן אמתע, האבן אין דער ווירקלאַכקייט באַלאַנגט צו אַ צייט פון פופצן ביז צוואַנציק יאָר צוריק.

בעת מען האָט זיך מיט נייגעריקייט צוגעהערט צו אים, האָט עמעץ, אינאיינעם מיט אַנדערע ידיעות, געבראַכט די נייעס, אַז אַן אָפיציער פון מאַנטואַ איז אויף דעם שכנישן לאַנדבאַזיץ פון זיינס אַ פריינט, בא וועמען ער איז געווען אויף באַזוך דערמאָרדעט געוואָרן, און אַז דעם טויטן קערפער האָבן די רויבער אויסגעפּלינדערט ביז צום העמד. ווייל אַזעלכע מאָרדן און איבערפאַלן זיינען אין יענער צייט גראָד ניט געווען קיין זעלטנהייט, האָט דער פאַל ניט אַרויסגערופן אין דעם קרייז קיין באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט. קאַסאַנאָוואַ האָט אָנגעהויבן זיין דערציילונג פון דאָרט, וואו מען האָט אים אונ־טערבראָכן, און האָט פאַרגעסט, ווי די געשעעניש אין מאַנטואַ וואָלט אים אָנגעגאַנגען פּונקט אַזוי וויייניק ווי די איבריקע. נאָכ־מער, זייענדיק איצט באַפרייט פון אַן אומרואיקייט, וואָס ער האָט זיך קוים אַליין געוואָלט צוגעבן, איז זיין שפּראַך געוואָרן מוטערער און מוטיקער ווי געווען.

עס איז געווען נאָך האַלבע נאַכט, נאָך אַ פרייען אָפּשייד פון זיינע נייע באַקאַנטע, ווען ער איז געגאַנגען אַליין אויף דעם ווייטן ליידיקן סקווער. דער הימל איז געווען שטערנלאָז. עס איז געהאַנגען אַ שעמערירנדיקער שווערער נעפּל. ער איז געגאַנגען מיט דער זיכערקייט פון אַ נאַכטוואַנדלער. אַז דעם וואָרן באַוואוסטזיין, אַז ער גייט דאָ איצט צום ערשטן מאָל זינט דעם לעצטן פערטל יאָרהונדערט, האָט ער געפונען דעם

קאַסאַנאָוואַ׳ס אַהיימקער

וועג דורך ענגע געסלאַך צווישן טונקלע הייזער און שמאָלע בריקלאַך, אונטער וועלכע עס האָבן זיך געצויגן די שוואַרצלאַכע וואַסערן פון די קאַנאַלן. ער איז אָנגעקומען צו זיין פאַרוואָרלאָזטן גאַסטהויז און, ערשט נאָך אַ ווידערהוילטן קלאַפן, האָט זיך דער טויער לאַנגזאַם און אומפריינטלאַך געעפנט.

ווען מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, האָט ער, זייענדיק בלויז האַלב אויסגעטאָן, זיך אַריינגעוואָרפן אין דעם אומבאַקוועמען בעט, האָט אַ שמערצלאַכע מידקייט אומענדלאַך באַשווערט זיינע גלידער; ער האָט געפילט אַ ביטערן נאָך־טעם אויף די ליפּן, וואָס האָט גלייכצייטיק זיין גאַנץ וועזן דורכגעדרונגען. און אַזוי, נאָך פינפאונצוואַנציק יאָר פון גלות, האָט ער געהאַרט אויף דעם ערשטן, אַזוי לאַנג געגאַרטן היימשלאָף. אָבער ערשט באַם אויפברעכן פון מאָרגן, האָט דער חלומלאָזער, טיפער שלאָף זיך ענדלאַך דערבאַרימט איבער דעם אַלטן אַוואַנטוריסט.

(סוף).

אָנמערקונג

עס איז א פאקט, אז קאסאנאווא איז געווען אויף א באַזוך בא וואָלטער'ן אין פערניי. דאָך, אַלע געשעענישן און שלוסן אין דער פאָרליגנדער נאָוועלע, און באַזונדערס דאָס, אז קאסאנאווא האָט געארבעט אויף א פּאַלעמישער שריפט קעגן וואָלטער'ן, האָבן מיט דעם געשיכטלאַכן אמת גאָרנישט צו טאָן. עס איז אויך היסטאָריש וואָר, אז קאסאנאווא, ווען אין עלטער צווישן פופציק און זעכציק יאָר, האָט געפונען פאַר נויטיק זיך אָפּצוגעבן אין דינסט אַלס שפּיאָן צו זיין געבורט־שטאָט ווענעדיג. וועגן די און פיל אַנדערע, פריערדיקע מיט־מאַכונגען, פון דעם בארימטן אַוואַנטוריסט, וועגן וועלכע עס קומען פאָר צופעליקע אָנדייטונגען אין דעם לויף פון דער נאָוועלע, קען מען געפינען מער אויספירלאַכע און געטרייערע באַריכטן אין קאסאנאווא'ס „מעמוארן". און נאַכאַלעמען, דאַרף די גאַנצע דערציילונג פון „קאסאנאווא'ס אהיימקער" גענומען ווערן אַלס א פרייע שאַפונג.

א. ש.